STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08550

MAYN SHPRAKHBUKH

Hyman B. Bass

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. בעז   ז. יעפּרוויקין

מײַן שפּראַכבוך

לייען־ און אַרבעט־בוך פאַר ייִדיש

צווייטער טייל

אילוסטרירט פון י. שלאָם

צווייטע געענדערטע אויפלאַגע

אַרויסגעגעבן פון
בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג

MY LANGUAGE BOOK

By

H. BASS — S. YEFROIKIN

BOOK TWO

Copyright 1946
by the
Educational Department
of the
Workmen's Circle
New York, N. Y.

ערשטע אויפלאַגע 1942
צווייטע אויפלאַגע 1946

Printed in the U. S. A.

200 געזעצט און געדרוקט אין „פוטורא פרעס, אינק", 476 בראָדוויי, ניו־יאָרק.



י. ל. פרץ

האָף און גלייב

ניט ווײַט איז שוין דער פרילינג.
עס וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען.
נײַע נעסטן, נײַע פייגל
וועלן נײַע לידער זינגען.

די נאַכט איז שוין פאַרשוואונדן,
און די וואָלקנס אויך צערונען.
בלוי וועט זײַן דער הימל,
נײַע שטערן, נײַע זונען.

נײַע רויזן, נײַע בלומען
וועלן בליִען, וואַקסן הויך,
עס וועט שײַנען, שמעקן, זינגען
און אין אונדזער ווינקל אויך.



דאָס טײַערסטע

אויף אַ ברעג פֿון אַ ים איז געלעגן אַ פֿאַרוואונדעט פֿייגעלע.

דאָס בלוט איז טראָפּנווײַז גערונען פֿון דער וואונד.

— גיב מיר אָפּ דאָס טײַערסטע, וואָס דו האָסט, און איך וועל דיך געזונט מאַכן. — האָט אַ יונגער פֿישער געזאָגט צום פֿייגעלע.

***

— דאָס טײַערסטע איז געווים דאָס לעבן — האָט געטראַכט דאָס פֿייגעלע. אָבער ער זאָגט דאָך מיר צו דאָס לעבן אָפּצוגעבן — טאָ וואָס זשע קען ער פֿון מיר פֿאַרלאַנגען?

דאָס פֿייגעלע האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿישער מיט פֿאַרלאָשענע אויגן און זיך אָפּגערופֿן:

— גוט, הייל מיך אויס, און איך וועל דיר אָפּגעבן דאָס טײַערסטע וואָס איך פֿאַרמאָג.

***

דער פֿישער האָט זיך צוגערירט צום פֿייגעלעס וואונד, און דאָס פֿייגעלע האָט אָפּגעלעבט — פֿריש און פֿריילעך גענומען פֿליִען און פֿלאַטערן.

— איצט גיב מיר אָפּ דײַנע פֿליגעלעך — האָט געזאָגט דער פֿישער.

דאָס פֿייגעלע איז געוואָרן אַ פֿאַרציטערטע.

— ניין, ניין! די פֿליגעלעך וועל איך נישט אָפּגעבן!

— זײַנען זיי נישט דאָס טײַערסטע, וואָס דו פֿאַרמאָגסט?

— יאָ, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זײַנען בײַ מיר דאָס טײַערסטע, קען איך זיי דיר ניט אָפּגעבן. שוין בעסער גאָר־ניט לעבן, איידער לעבן און ניט קענען פליִען!

— פלי זיך דיר געזונטערהייט! — האָט געזאָגט דער יונגער פישער — און זײַ וויסן, אַז דאָס טײַערסטע איז שטענ־דיק טײַערער ווי דאָס לעבן.

ש. באַסטאָמסקי.

וואָס באַטײַט?

1. **פאַרוואונדעט** — wounded. 2. **טראָפּנווײַז** — מיט איינציקע טראָפּנס. 3. **דאָס טײַערסטע** — דאָס וואָס איז טײַערער, ליבער פון אַלץ. 4. **פאַרלאָשענע אויגן** — אויגן אָן האָפענונג, אָן ליכט, אָן לעבן. 5. **דאָס פייגעלע האָט אָפּגעלעבט** — דאָס פייגעלע איז צוריק פריילעך געוואָרן. 6. **געוואָרן אַ פאַרציטערטע** — האָט זיך דערשראָקן, האָט גענומען ציטערן.

פראַגעס:

1. וואָס האָט דער פישער געזאָגט דעם פאַרוואונדעטן פייגעלע? 2. וואָס האָט דאָס פייגעלע געמיינט — איז דאָס טײַערסטע? 3. פאַר וואָס האָט דאָס פייגעלע ניט געוואָלט אָפּגעבן די פליגעלעך? 4. וואָס האָט דאָס פייגעלע אויסגעפונען איז טײַערער ווי דאָס לעבן?

וואָס איז דער מיין פון דער מעשה? שטעלט אַוועק אַ + לעבן ריכטיקן ענטפער

——— בעסער לעבן און ניט זײַן פרײַ, איידער שטאַרבן.

——— דאָס לעבן איז דאָס טײַערסטע וואָס מע פאַרמאָגט.

——— פרײַהייט איז טײַערער ווי דאָס לעבן.

——— געטרוי ניט דעם מענטשן, ער איז אַלע מאָל פאַלש.



דאָס קינד און דאָס פייגעלע



קום, מײַן פייגעלע,
צו מיר!
אָפן שטייט פאַר דיר
מײַן טיר.

וועסט דאָ האָבן
טרינקען, עסן. —
כ׳וועל דיך קיין מאָל
ניט פאַרגעסן.

איך וועל היטן דיך
און שוינען.
וועסט אין שטײַגעלע
דאָ וואוינען.

„כ׳דאַנק דיר פאַר
אַזאַ מין גליק!"
ענטפערט ס׳פייגעלע
צוריק . . .

„איך האָב ליב
דעם בוים, דאָס צווײַגל.
כ׳וויל ניט זײַן
פאַרשפאַרט אין שטײַגל.

גאָלד איז ווערט
מײַן פרײַע נעסט;
כ׳וועל ניט פאַרקויפן
זיך פאַר קעסט! . . .

א. שינדלער.

וואָס באַטײַט?

1. **שוינען** — אָפּהיטן, ניט טאָן קיין שלעכטס. 2. **שטײַגל** — cage.
3. **פאַרשפאַרט** —locked up. 4. **זײַן אויף קעסט** — קריגן פרײַ וואו צו עסן און שלאָפן.

גיט די קעגנזאַצן (אַנטאָנימען) פון:

קיין מאָל — אַלע מאָל	ענטפערן —
פאַרגעסן —	פאַרקויפן —
אָפן —	ליב האָבן —
גליק —	בעסער —

די פייגל ווילן ניט זינגען

א



א פויגל זיצט דרײַ טעג און דרײַ נעכט פאַר־שפּאַרט אין אַ שטײַגל און כאַפּט זיך פון דאָרט אַרויס. פליט ער אָן אָפּשטעל אַ מײַל און צוויי און דרײַ — ביז ער קומט אין וואַלד צו זײַנע שוועסטער און ברידער און נעמט רופן:

— ברידער, פייגל !...

די פייגל פליִען אַרום שטיפעריש אין וואַלד, זינגען און שפּרינגען. ווען זיי דערהערן דאָס קול פון זייער חבֿר, לויפן זיי זיך אַלע צונויף און באַגריסן אים מיט פרייד. אָבער דער פויגל לאָזט זיי נישט רעדן.

ער זאָגט:

— איר ווייסט דאָרט די שטאָט?

די פייגל דרייען אויס די קעפּלעך:

— יאָ, מיר ווייסן...

— ווייסט איר, וויפל טויזנטער ברידער און שוועסטער אונדזערע געפינען זיך דאָרט אין שטײַגן?

די פייגל לאָזן אַראָפּ טרויעריק די קעפּלעך:

— מיר ווייסן.

— מײַן אָרעם קינדעלע נעבעך — זאָגט וויינענדיק אַ מאַמע.

מײַן קליין שוועסטערל — זיפצט אַ ברודער.

— מײַן טאַטע . . .

— מײַן מאַמע . . .

אין וואַלד ווערט מיט אַ מאָל שטיל און אומעטיק. עס ווערן אַנטשוויגן אַלע פייגל. מען הערט נאָר דאָס רוישן פון די ביימער, וועלכע שאָקלען טרויעריק די קעפּ.

קוקט דער פויגל אויף זײַנע פרײַנד און שרײַט אויס:

— מיר מוזן באַפרײַען אונדזערע ברידער!

— וואָס זאָל מען טאָן ? — פרעגן די פייגל.
קיין איין פויגל וועט מאָרגן נישט צווּיטשערן !

ב

אויף מאָרגן איז די שטאָט אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוויינטלעך און אַלע קינדער זײַנען געקומען שפּעט אין שול.

— וואָס איז געשען ? — האָט מען זיך געפרעגט.

— מיך וועקט אויף אַלע טאָג דאָס צווּיטשערײַ פון פייגל און הײַנט האָט מען נישט געהערט קיין פייגל צווּיטשערן — האָט געזאָגט איין יִינגעלע.

— אַפילו דאָס פייגעלע, וואָס זיצט בײַ מיר אין שטײַגעלע, איז אַנטשוויגן געוואָרן און מען הערט נישט פון דעם קיין שאָרך.

— זײַנען די פייגל אין מיטן פרילינג אַוועקגעפלויגן אין אַנדערע לענדער ?

דער טאָג איז געווען אַ גרויער, אַן אומעטיקער. און אַז די קינדער זײַנען געקומען אויף דער גאַס, האָבן זיי באַמערקט, אַז אַלע ביימער און בלומען שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און שווײַגן.

— וואָס קומט דאָ פאָר ? — פרעגט אַ יִינגעלע.

— נעכטן זײַנען די ביימער געווען אַזוי פריש און גרין און געהאַלטן אין סאַמע בליִען און הײַנט זעען זיי אויס אַלט און געל ווי אין מיטן האַרבסט.

— ביימער, ביימער, וואָס איז געשען ? — האָט געפרעגט אַ מיידל.

אַ הויכער בוים האָט זיך אַ טרייסל געטאָן :

— מיר ווייסן נישט. די פייגל זײַנען הײַנט נישט געקומען, אונדז איז אומעטיק און מיר וועלקן.

— אַז מיר הערן נישט זייער געזאַנג, קענען מיר נישט בליִען און וואַקסן — האָט געזאָגט אַ צווייטער בוים.

— זיי ברענגען אונדז דעם פרילינג, די פרייד, די זון.

אויפן צווייטן טאָג איז די שטאָט געווען נאָך גרויער און אומעטיקער און די זון האָט זיך ערשט באַוויזן נאָך האַלבן

טאָג, אַ קוק געטאָן אויף דער שטאָט, אויף די גאַסן און באַלד זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס.

— איך זעט — האָט געזאָגט איינער — אַז די פייגל זינ־גען נישט, איז די זון אַן אומעטיקע.

היינט איז די זון אין גאַנצן פאַרשלאָפן.

— די פייגל וועקן דאָך אויף די זון, דיביימער.

ג

זעקס אומעטיקע טעג האָבן די קינדער פאַרבראַכט אין שטאָט; טעג אָן זון, אָן פרייד, אָן פרילינג און אָן שפּילע־רייען. און אויפן זיבעטן טאָג זיינען זיי אַוועק אין וואַלד אי־בערעדן מיט די פייגל.

— וואָס ווילט איר? — האָבן זיי געפרעגט.

האָבן די פייגל געזאָגט:

— מיר ווילן איר זאָלט אַרויסלאָזן אונדזערע ברידער און שוועסטער פון אייערע שטייגן.

— גוט, וואָס נאָך?

— קיין שום פויגל זאָל מען מערנישט כאַפּן צוליב אַ קערנדל.

— אָפּגעמאַכט.

— איר זאָלט מערנישט צעשטערן אונדזערע נעסטן.

— גוט.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען טויזנטער פייגל אַרויסגע־לאָזט פון די שטייגן און זיי זיינען מיט פרייד אַרום אויף דער פריי.

***

דעם זעלביקן טאָג האָבן די קינדער צונויפגעבראַכט אַלע שטייגן אויף אַ סקווער פון שטאָט. דאָרט האָט מען גע־זונגען לידער און פאַר אַלעמען אין די אויגן פאַרברענט די שטייגן.

אויף מאָרגן האָט די זון געשיינט און געוואָרעמט ווי נאָך קיין מאָל נישט פריער, און די ביימער און בלומען האָבן זיך

צעבליט און צעגרינט. און ווען די פייגל האָבן זיך צעזונגען, האָבן אַ סך גרויסע מוזיקערס אַוועקגעלייגט זייערע אינסטרו־מענטן און געזאָגט:

— אַזאַ שיין געזאַנג פון פייגל האָבן מיר נאָך קיין מאָל ניט געהערט.

ליטמאַן.

וואָס באַטייט?

1. פּאַרשפּאַרט — פּאַרמאַכט, פּאַרשלאָסן. 2. פּליט אָן אָפּשטעל — פּליט און שטעלט זיך ניט אָפּ. 3. שטיפעריש — פריילעך. 4. זיפּצט — sighs. 5. שאָקלען — to shake. 6. באַמערקט — געזען, noticed. 7. געשען — געטראָפן. 8. וועלקן — to fade, to decay, to whither. 9. קערנדל — seed.

פּראַגעס:

1. פאַר וואָס זיינען די פייגל אין וואַלד פּלוצעם טרויעריק געוואָרן? 2. וואָס האָבן זיי זיך דערציילט איינע די אַנדערע? 3. ווי האָבן די פייגל אָפּגערעדט צו באַפרייען זייערע ברידער און שוועסטער? 4. ווי האָבן אויף מאָרגן אויסגעזען די ביימער, די זון? 5. פאַר וואָס זיינען די ביימער געווען טרויעריק? 6. ווי האָט די שטאָט אויסגעזען אָן דעם געזאַנג פון די פייגל? 7. וואָס האָבן די קינדער באַשטימט צו טאָן? 8. וואָס האָבן די פייגל געזאָגט די קינדער? 9. ווי האָבן די קינדער געפייערט די באַפרייאונג פון די פייגל?

פרעג און ענטפער

ווער איז פריי און ווער איז ניט פריי?

אין דער פראַגע דאַרפסטו אַריינשטעלן די ווערטער פון (א). די זעלביקע ווערטער דאַרפסטו אויך ניצן פאַר דעם ענטפער.

פראַגע: — איז (א) פריי?

ענטפער: — יע (א) איז פריי.

(אָדער) — ניין (א) איז ניט פריי.

(א)

1. אַ פייגעלע אויף אַ בוים.
2. אַ וועווערקע (squirrel) אין וואַלד.
3. אַ פייגעלע אין שטייג.
4. אַ געפאַנגענער אין מלחמה.
5. אַ קאַץ.
6. אַ מויז אין די נעגל פון דער קאַץ.
7. אַ קנעכט.
8. אַ בער וואָס טאַנצט אויף אַ קייט.
9. אַ בער אין וואַלד.

בלומען

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן,
גייען מיר מיט פולע קוישן,
בלומען אָן אַ שיעור...
גייען מיר אַרומגענומען,
און באַקראַנצט מיט יונגע בלומען
אין דעם בונטן ציר...

זינגען, שפּרינגען מיר און טאַנצן,
און פון גליק די אויגן גלאַנצן
בלומענדיק און ריין!
ווער באַקראַנצט וויל זײַן מיט בלומען,
זאָל צו אונדז, צו אונדז זאָל קומען,
קומען זאָל צו גיין!

מירן אָפּגעבן אין גאַנצן!
און אין פעלדער ווײַטער טאַנצן,
לאָזן ווײַט זיך גיין!
לאָזן גיין זיך גיך, געשווינדער
ווײַל מיר זײַנען אַלע קינדער —
בלימעלעך אַליין!

מ. בראָדערזאָן.

1. רוישן — to make a noise, to rustle. 2. קוישן — baskets. 3. אָן אַ שיעור (שיר) — זייער פיל. 4. באַקראַנצט — מיט קראַנצן (garlands) אויף די קעפּ. 5. בונטן — פאַרשיידנפאַרביקן. 6. ציר — באַפּוצונג. 7. גלאַנצן — to shine. 8. געשווינד — גיך.



ברילן

א.

וין וויפל מאָל האָט בערעלע געזען, אַז גרויסע און אַפילו קינדער טראָגן ברילן. איז עס אים געפעלן געוואָרן. עפּעס ווערט מען אַ גאַנצער מענטש און מע זעט אויס ווי אַ גרויסער. אַז מע קומט אַרײַן פון דרויסן אין שטוב, נעמט מען זיי פּאַמעלעך אַראָפּ פון דער נאָז און מיט אַ טיכעלע ווישט מען פאָרזיכטיק אויס די גלעזלעך, און מע טוט זיי צוריק אָן...

היינט וויפל פאַרגעניגן האָט מען פון קוקן דורך ברילן. ווער ווייס דען נישט, אַז ברילן פאַרגרעסערן אַלץ? ווערן טאַקע אַלע זאַכן גרעסער, שענער און אַלץ זעט אויס אַזוי מאָדנע. קוקט מען אויף אַ נאָז ווערט זי אַזוי גרויס ווי אַן עלנבויגן... און די שטערן פון הימל — ווי לבנות...

ווי אַזוי קומט מען אָבער צו אַ פּאָר אמתע ברילן?

האָט בערעלע צוגעטראַכט אַזאַ פּלאַן:

די קינדער וואָס זעען נישט צו לייענען פון דער ווײַטנס, זעצט דער לערער אויף די ערשטע בענק און ער גיט זיי בריוועלעך אַהיים, אַז מ'זאָל מיט זיי גיין צום אויגן-דאָקטער...

די צווייטע וואָך האָט טאַקע בערעלע געבראַכט אַהיים פון לערער אַזאַ בריוועלע, אַז בערעלע מוז זײַן בײַ אַן אויגן-דאָקטער, ווײַל ער זעט נישט גוט פון דער ווײַט.

האָט די מאַמע נישט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָ געוואָרן מיט בערעלעס אויגן, ווײַל זי האָט געוואוסט, אַז בערעלע האָט פון שטענדיק אַן געזונטע אויגן.

האָט איר אָבער בערעלע שוין טאָג-טעגלעך דערמאָנט און אַזוי לאַנג געוויינט און געקלאָגט, ביז זי האָט אים געפירט צו אַן אויגן-דאָקטער.

ב.

זיצט בערעלע אויף א ווייכן שטול, איין אויג פארמאכט, און דער דאקטער מיטן שטעקעלע אין האנט הייסט אים לייענען אותיות און ציפערן פון א ווײַסן טאוול, וואס הענגט אויף א וואנט.

האט בערעלע געזאגט, אז ער זעט נישט גוט... די גרויסע — יא. נאר די קלענערע — נישט... אזוי מיטן רעכטן און אזוי מיטן לינקן אויג — ער זעט נישט...

האט דער דאקטער דערנאך עפעס געזאגט בערעלעס מאמען, און די מאמע האט ווידער געפרעגט, האט דער דאקטער ווידער געענטפערט און די מאמע האט ווידער געפרעגט.

פון דעם אלעם, וואס דער דאקטער האט געזאגט און די מאמע זײַנע האט געפרעגט, האט בערעלע פארשטאנען אז ער וועט האבן ברילן... טאקע אמתע ברילן!

ג.

אז בערעלע איז צום ערשטן מאל ארויסגעגאנגען אין די נײַע ברילן, האט זיך אים אויסגעוויזן גלײַך ווי ער וואלט געגאנגען אויף גלאז... און פאר די אויגן איז אים אלץ געווען טונקל, ווי ס׳וואלט זיין א נעפל אין גאס. פארגרעסערט האבן זיי גארנישט די גלעזלעך, גארנישט, נאר נאך אלץ מאטער געמאכט.

דערצו נאך האבן זיך געדרייט רעדער פאר די אויגן. בערעלע האט געווישט, געריבן, געפוצט די גלעזלעך, געמיינט אז זיי זײַנען פאר־הויכט, אבער ס׳האט גארנישט געהאלפן.

די אמתע צרות אבער האבן זיך ערשט אנגעהויבן, ווען ער האט זיך געוויזן אין זײַנע ברילן צום ערשטן מאל פאר זײַנע חברים אין שול.

עס איז געווארן א הורא, אז זיי האבן אים דערזען:

— בערעלע איז געווארן א לערער, א פראפעסאר!

— פונקט ווי א דאקטער זעט ער דאך אויס... וויפל נעמסטו פאר א וויזיט?

און אַז בערעלע האָט שוין געהאַט אויסגעהערט געלעכטערס און וויצן אָן אַ שיעור, האָבן גאָר די ברילן גענומען שפּאַצירן פון האַנט צו האַנט און פון נאָז צו נאָז — יעדער איינער האָט זיך זיי געמוזט אָנמעסטן.

האָט טאַקע דעם זעלבן טאָג נאָך בערעלע געבראַכט אַהיים זײַנע נײַע ברילן מיט אַ צעשפּאָלטן גלעזעלע.

די מאַמע האָט געשריִען, געבייזערט זיך און באַלד אַוועקגעשיקט די ברילן צורעכט מאַכן אין דעם זעלבן געשעפט, וואו מען האָט זיי געקויפט.

האָבן די חבֿרים די ברילן זײַנע מערנישט געטשעפּעט, זיך שוין צוגעוווינט צו זיי.

ד.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו די ברילן, איז געווען בערעלע אַליין... ער האָט זיך איצט געדאַרפט אָפּזאָגן פון אַלע שפּילן; נישט לויפן, נישט שפּרינגען און דאָס ערגסטע פון אַלץ — נישט שפּילן אין פּילקע. אָט האָט זיך די פּילקע אָפּגעקלאַפּט אָן דער ערד און מ׳דאַרף אונטערשפּרינגען און מיטן קאָפּ אַרײַנהאַקן אַ „גאָל" — טאָר אָבער בערעלע נישט פאַרגעסן, אַז ער טראָגט ברילן און בײַ אַ גוטן שפּרונג ליגן זיי באַלד אונטער די פיס...

האָט שוין איצט בערעלע געטראַכט און געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די ברילן זײַנע.

איז ער איין מאָל געקומען אַהיים און אַוועקגעגעבן דער מאַמען די ברילן — ער וויל שוין מערנישט טראָגן ברילן, גענוג...

האָט אים די מאַמע אַ צווייט מאָל געפירט צום אויגן־דאָקטער, און געשען איז אַ וואונדערלעכע זאַך מיט בערעלעס אויגן: זיי האָבן דאָס

מאָל געזען צו לייענען די קלענסטע אותיותלעך, אַפּילו די לעצטע שורה פונעם טאָוול האָט ער געלייענט...

איצט איז בערעלע געווען דער גליקלעכסטער וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון טראָגן ברילן.

ז. וואַסערצוג.

לבנה	אות	אותיות	צרות	פּטור ווערן	שורה

וואָס באַטײַט?

1. עלנבויגן — elbow. 2. לבנה — moon. 3. אות (אָס) אותיות (אויסיעס) letters, characters. 4. ציפערן — figures. 5. צרות (צאָרעס) — trouble. 6. נעפּל — fog, mist. 7. מאַט — ניט קלאָר. 8. פאַרהויכט — באַדעקט מיט אָטעם. 9. אָנמעסטן — to try on. 10. טשעפּען — רירן. 11. זיך צוגעוווינען — get used to. 12. פּילקע — ball. 13. פּטור (פּאַטער) ווערן — פרײַ ווערן פון עפּעס. 14. שורה (שורע) — line.

פראַגעס:

1. פאַר וואָס האָט בערעלע געוואָלט האָבן ברילן? 2. וואָס האָט בערעלע צוגעטראַכט? 3. וואָס האָט דער דאָקטער געטאָן אויסצוגעפינען, צי בערעלע זעט גוט? 4. ווי האָט זיך בערעלע געפילט אין די ברילן? 5. וואָס פאַר אַ צרות האָט ער פון זיי געהאַט? 6. ווי איז ער פון די ברילן פּטור געוואָרן?

וואָס איז די פראַגע אויב דאָס איז דער ענטפער?

ווײַל ענדיקט די זאַצן, נאָך דעם טראַכט צו די פראַגעס צו די זאַצן, וואָס איר וועט קריגן.

1. איך האָב ניט געקענט קומען אין שול ווײַל... 2. נעם מיט אַ שירעם ווײַל... 3. איך האָב הײַנט פאַרשפּעטיקט ווײַל... 4. דער לערער איז ברוגז אויף די קינדער ווײַל... 5. די מאַמע האָט צרות פון בערעלען ווײַל... 6. די גאַס איז פול מיט מענטשן ווײַל... 7. איך בין ברוגז אויף מײַן חבֿר ווײַל... 8. מיר זײַנען הײַנט געבליבן לענגער אין שול ווײַל... 9. איך לייען שוין בעסער ווי פריִער ווײַל... 10. מײַן שוועסטער (ברודער) איז הײַנט זייער גליקלעך ווײַל...

בערל

בערל איז אַ יונג מיט ביינער,
נאָר ער קאָן נישט ציילן.
אַזאַ נאַריש יִינגל איז ער,
ס'איז אַ חרפה צו דערציילן.

וויפל איז עם דריַי און פינף?
גלאָצט ער מיט די אויגן.
— בערל! בערל! — ברומט דער טאַטע —
וועסט צו גאָרנישט טויגן!

נעמסט אַרונטער זעקס פון פערצן,
וויפל איז געבליבן?
קראַצט זיך בערל אויפן שטערן
און ער ענטפערט: „זיבן!”

בייזערט זיך אויף אים דער טאַטע: —
— בערעלע! בערולע!
דריקט די מאַמע אים צום האַרצן: —
— בערעלע! מײַן גדולה!

ז. וויַינפער.

1. **חרפה** (כאַרפע) — shame 2. **גלאָצט ער מיט די אויגן** — עפנט ער ברייט די אויגן. 3. **ברומט** — רעדט בייז, רעדט ניט קלאָר. 5. **גדולה** (גדולע) — פרייד.

חרפה	גדולה

פרעג און ענטפער

ווי אַלט ביסטו געווען ווען דו האָסט זיך אויסגעלערנט... (1)...
ווער האָט דיך געלערנט... (1)...

(1)	לייענען	טומלען	זינגען
	שרײַבן	שפילן (פיאַנאָ, פידל)	גליטשן זיך
	גיין	פאַרשפעטיקן	מאָלן

ווער ווייס ?

1. ווער פאַרדינט אַ קניפּ אין בעקל, אַ גוט קינד, צי אַ שלעכט קינד?

2. ווען מאַכט זיך אַ מענטש אַ קניפּל, ווען ער וויל עפּעס געדענקען, צי ווען ער וויל עפּעס פאַרגעסן?

3. פון וועמען האָט דער לערער צו זינגען און צו זאָגן, פון די גוטע תלמידים, צי פון די שלעכטע תלמידים?

4. ווער איז איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן, אַ גוטער פרײַנד, צי אַ פאַלשער פרײַנד?

5. ווען שטעלן די קינדער אָן נאָז און אויערן, ווען זיי ווילן עפּעס הערן, צי ווען זיי ווילן עפּעס ניט הערן?

6. ווער טוט אָן אַרבעט אָן הענט און אָן פיס — איינער וואָס טוט זי גוט, צי איינער וואָס טוט זי שלעכט?

7. וועמען גייט אין איין אויער אַרײַן, פון דעם אַנדערן אַרויס — דעם גוטן תלמיד, צי דעם שלעכטן?

ייִדיש איז אַנדערש ווי ענגליש

געדענקסטו וואָס דו האָסט געלערנט אין פריערדיקן קלאַס?

זעץ איבער אויף ייִדיש די ווײַטערדיקע זאַצן. היט זיך אויס פאַר די אונטערגעשטראָכענע ווערטער! זיי קענען פאַרפירן.

1. He *looks for* his pencil. 2. They *look for* their coats. 3. I will *look for* your book. 4. Don't *look for* his things. 5. The child *looked for* his mother.

1. I will *wait for* you. 2. He *waited for* dinner. 3.Don't *wait for* him. 4.The teacher *waited for* the pupils. 5. He is *waiting for* his friends.

וואָס קינדער ווילן זײַן

אַז די קינדער זײַנען אַרײַנגעקומען אין קלאַס און זיך אַוועקגעזעצט אויף די ערטער, האָט דער לערער אַזוי געזאָגט:

— טרעפט קינדער וואָס מיר וועלן הײַנט טאָן?

די קינדער האָבן גענומען טרעפן:

— מיר וועלן שרײַבן אויפן טאָוול.

— זינגען שיינע לידער.

— דער לערער וועט דערציילן אַ מעשׂהלע.

אויף אַלץ וואָס די קינדער האָבן געזאָגט האָט דער לערער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— נו, זאָל שוין דער לערער זאָגן, קיינער ווייס נישט, קיינער נישט. שווײַגט שוין אַלע, שווײַגט!

אין קלאַס איז געוואָרן זייער רואיק.

— קינדער, האָט דער לערער געזאָגט, יעדער פון אײַך וועט אויפשרײַבן וואָס ער וויל זײַן, דערנאָך וועלן מיר עס אַלע הויך איבערלייענען אין קלאַס — עס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט.

אַלע האָבן זיך זייער געפרייט און געזאָגט:

— אוי ווי גוט, ווי גוט!

באַלד איז געוואָרן שאַ־שטיל אין קלאַס, אַזוי ווי אַלע וואָלטן פּלוצעם אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער קיינער איז נישט געשלאָפן, יעדער איז געזעסן פאַרטראַכט און געשריבן. ווער עס האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו שרײַבן איז צוגעגאַנגען צום לערער, אים אַוועקגעגעבן דאָס באַשריבענע בלעטל און זיך צוריק געזעצט.

איינער האָט געפרעגט בײַם צווייטן:

— וואָס האָסטו געשריבן?

— און דו, וואָס האָסטו געשריבן?

אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט פריִער אויסזאָגן.

אַז אַלע קינדער האָבן פאַרענדיקט שרײַבן איז געוואָרן שטיל אין קלאַס. דער לערער האָט גענומען פאַרלייענען וואָס יעדער האָט געשריבן.

בערל שרײַבט:

„איך וויל זײַן אַ מאַטראָס און אויספאָרן די גאַנצע וועלט. כ'האָב אַזוי ליב צו פאָרן! קיין מאָל וועל איך נישט מיד ווערן! און אומעטום וועל איך מוזן זײַן, בײַ די מענטשן־פרעסערס — אויך: איך שרעק זיך גאָרנישט פאַר זיי".

איז געוואָרן אַ חורא אין קלאַס:

— גוט געשריבן, בערל, גוט געשריבן! ס'איז טאַקע גוט צו זײַן אַ מאַטראָס — האָבן אַלע געטומלט.

נאָר אָט לייענט שוין דער לערער ווײַטער:

דודל שרײַבט:

„איך וויל זײַן אַ גרויסער פידל־שפּילער, און מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן נישט זײַן אַזוי טרויעריק".

— פֿײַן געשריבן, דודל! — האָבן אַלע אויסגערופן.

משהלע שרײַבט:

„איך וויל קענען מאַכן אַזאַ גרויסע שטוב, אַז אַלע קינדער פון דער גאַנצער וועלט זאָלן קאָנען לערנען צוזאַמען. אוי וואָלט עס פריילעך געווען!

שׂרהלע שרײַבט:

„איך וויל זײַן אַ גרויסע לערערין און אויסלערנען אַלע מענטשן, אַז זיי זאָלן זײַן גוטע".

עס איז נאָך דאָ צו לייענען און צו לייענען. לייענט דער לערער ווײַטער:

עליע שרײַבט:

„איך וויל זײַן אַ רײַכער און געבן מײַן טאַטן אַ סך געלט, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אויפשטיין אַזוי פרי. מײַן טאַטע שטייט אויף ווען די שטערן זײַנען נאָך אין הימל".

מאָטעלע שרײַבט:

„איך וויל זײַן אַ גרויסער דאָקטער און מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן שוין מערנישט שטאַרבן, און די וואָס זײַנען געשטאָרבן זאָלן צוריק לע־בעדיק ווערן, וועט מײַן ברודערל אויך צוריק קומען אַהיים".

שטענדיק אַזאַ טרויעריקער איז ער, דער מאָטעלע.

לייענט נאָך אַלץ דער לערער.

מלכּהלע שרײַבט:

„איך וויל קענען מאַכן טעלער און גלעזער, וואָס זאָלן נישט צע־בראַכן ווערן און אַזעלכע שויבן אין די פענצטער, וואָס ווערן קיין מאָל נישט צעפּלאַצט — וועלן די מאַמעס נישט זײַן אין כּעס אויף די קינדער".

לענגער פֿון אַלע האָט געשריבן חיימל:

„מײַן טאַטע שטייט אויף זייער פֿרי און צעטיילט אין די שטיבער ברויט. אַז איך וועל זײַן אַ גרויסער וועל איך העלפֿן מײַן טאַטן. עס איז אַזוי גוט צו צעטיילן ברויט! אַלע מענטשן ליגן נאָך אין די בעטן, קלאַפּט מען אָן אין דער טיר:

— „ווער איז דאָרט?"

— „כ'האָב געבראַכט ברויט", — ענטפֿערט מען.

שוין אַ גאַנצע נאַכט האָבן די מענטשן נישט געגעסן, זײַנען זיי הונ־געריק — וועלן זיי זיך דערפֿרייען.

איבער אַלע גאַסן וועל איך גיין פֿון הויז צו הויז, קיין איין שטוב וועל איך נישט דורכלאָזן! וועל איך גיין אָט אַזוי מיט שווערע קוישן ברויט: אַלע, אַלע וועל איך ברענגען עסן, אַזוי ווי אַ גוטע מאַמע. וועלן אַלע מענטשן אַרבעטן און זײַן צופֿרידן. איך וויל זײַן אַ ברויט־צעטיילער".

דער לערער האָט געזאָגט, אַז אַלע אַרבעטן זײַנען שיין אָנגעשריבן.

די קינדער זײַנען געווען זייער גליקלעך! פֿריילעכע זײַנען זיי געלאָפֿן אַהיים צו דערציילן אַלצדינג אין שטוב.

ז. וואַסערצוג.

1. זײַן אין כּעס — זײַן בייז. 2. מאַטראָס — sailor. 3. פֿידל — violin. 4. צעפּלאַצט — cracked. 5. קוישן — baskets.

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט דער לערער געזאָגט זאָלן די קינדער אויפֿשרײַבן? 2. וואָס האָבן די קינדער געוואָלט זײַן? 3. וועמעס ענטפֿער איז געווען דער שענסטער? 4. וואָס וואָלט איר, קינדער, געוואָלט זײַן?

איז דיר אַלץ איינס? ווייסטו? ווילסטו וויסן?

צי

ענדיקט די זאַצן. טראַכט צו די פֿראַגעס צו די זאַצן וואָס איר וועט קריגן.

1. מיר איז אַלץ איינס, צ י דו קומסט, צי דו קומסט ניט. 2. איך ווייס ניט, צ י ... 3. איך וויל וויסן, צ י ... 4. מיר וועלן באַלד זען, צ י ... 5. דער לערער האָט געפֿרעגט, צ י ...

וואָלטסטו געוואָרן אין כּעס ?

— יע, כ׳וואָלט געוואָרן אין כּעס.

— ניין. כ׳וואָלט ניט געוואָרן אין כּעס.

1. אויף דײַן חבֿר, ווען ער צערײַסט דײַן העפט ?
2. אויפֿן ברודער, ווען ער נעמט דײַן שירעם ?
3. אויפֿן לערער, ווען ער גיט דיר אַ גוטן צייכן ?
4. אויף אַ קינד, ווען דו שפּילסט מיט אים דאָמינע און דו פֿאַרלירסט ?
5. אויף דײַן שוועסטער, ווען דו בעטסט איר טאָן אַ טובֿה (טויווע) און זי טוט עס ניט ?
6. אויף דײַן חבֿר, ווען ער לײַט בײַ דיר אַ בוך און פֿאַרגעסט עס דיר אומצוקערן ?
7. אויף זיך אַליין, ווען דו טוסט אַ נאַרישקייט ?

למד מיטן רעגן־שירעם

למכן האָט מען געקויפֿט אַ רעגן־שירעם.

— אַז עס וועט גיין אַ רעגן — האָט מען אים געזאָגט — וועסטו עפֿענען דעם רעגן־שירעם און עס טראָגן איבערן קאָפּ, וועסט זיך ניט אײַננעצן.

איז דאָס למכן זייער געפֿעלן געוואָרן, וואָס ער האָט אַ רעגן־שירעם, און ער האָט געוואָרט, עס זאָל שוין גיין אַ רעגן, און ער זאָל קאָנען טראָגן דעם רעגן־שירעם און אַלע קינדער זאָלן זען.

אָבער קיין רעגן איז גראָד ניט געגאַנגען. האָט זיך למך צעוויינט.

פֿרעגט אים די מאַמע:

— וואָס וויינסטו, למך ?

ענטפֿערט ער:

—עס גייט קיין רעגן ניט.

פרעגט אים די מאַמע:
— אויף וואָס דאַרפסטו אַ רעגן? האָסט פעלדער פאַרזייט?
ענטפערט למך:
— איך האָב ניט פאַרזייט קיין פעלדער, אָבער איך האָב דאָך אַ רעגן־שירעם.
זאָגט די מאַמע:
— נו, דעריבער איז וואָס, אַז דו האָסט אַ רעגן־שירעם, דאַרפסטו נייטיק האָבן דעם רעגן?
— אַוודאי דאַרף איך האָבן דעם רעגן, וואָרעם אַניט, וואָס דאַרף איך האָבן דעם רעגן־שירעם? — טענהט למך.
— דעם רעגן־שירעם וועסטו דאַרפן, אַז עס וועט גיין אַ רעגן, — זאָגט צו אים די מאַמע.
— אָבער עס גייט דאָך ניט קיין רעגן! — זאָגט למך, און צעוויינט זיך איבער אַ נײַס.
— נו, דאַרף מען ניט! — טענהט די מאַמע — און וויינען דאַרף מען אויך ניט צוליב דעם, נאַר איינער!
— טאַ, אויף וואָס דאַרף איך דעם רעגן־שירעם? — פרעגט למך.
— ווען עס וועט גיין אַ רעגן — ענטפערט די מאַמע.
— אָבער עס גייט דאָך ניט קיין רעגן, דאַרף איך דאָך ניט דעם רעגן־שירעם! הײַנט וואָס האָט מען מיר געקויפט דעם רעגן־שירעם? — טענהט למך און צעוויינט זיך ווידער.
— ביסט אַ נאַר, למך! — זאָגט צו אים די מאַמע — ניטאָ וואָס צו רעדן מיט דיר!

טראַכט למך: וואָס וועט ער דאָ שטיין אין הויז טענהן מיט דער מאַמען? ער וועט בעסער נעמען דעם רעגן־שירעם און אַרויס אין גאַס וואַרטן אויף אַ רעגן.

געטראַכט און געטאָן. גענומען דעם רעגן־שירעם, אַרויס אין גאַס, אַ קוק געטאָן אויפן הימל: די זון שײַנט און קיין וואָלקנדל איז ניטאָ.

נאָר גאָרנישט: ער וועט שטיין און וואַרטן.

וואַרט ער און וואַרט, און קיין רעגן איז אַלץ נישטאָ.

גייט פאַרבײַ נחום־חכם, דער קליגסטער יינגל פון גאַס, זעט ער ווי למך שטייט אַזוי מיטן רעגן־שירעם און גאָרנישט.



פרעגט ער ביי אים:

— וואָס שטייסטו אַזוי, למך, מיטן רעגן-שירעם?

ענטפערט למך:

— איך וואַרט אויף אַ רעגן.

זאָגט נחום-חכם:

— טאָ וואָס זשע שטייסטו מיט אַ פאַרמאַכטן רעגן-שירעם? עפן אים אויף און האַלט אים איבערן קאָפּ.

פאָלגט אים למך און ער עפנט דעם רעגן-שירעם און האַלט אים איבערן קאָפּ.

און נחום-חכם קוקט און לאַכט אין זיך פון למכס נאַרישקייט.

גייען פאַרביי נאָך קינדער, זעען זיי דאָס אויך און זיי לאַכן אויך.

גיט מיט אַ מאָל למך אַ פרעג פון אונטערן רעגן-שירעם:

— נו, עס גייט שוין אַ רעגן?

ענטפערט נחום-חכם:

— נאָך ניט, אָבער מיר וועלן בעטן פאַר דיר אַ רעגן.

און נחום-חכם גיט אַ זאָג צו די קינדער און אַ ווינק צו זיי מיט איין אויג:

— קינדער, לאָמיר בעטן אויף אַ רעגן פאַר למכן.

און נחום-חכם האָט גלייך אויסגעזונגען:

— גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן,
פון דעם נאַר פון למכס וועגן!

אַלע קינדער האָבן דאָס גלײַך נאָכגעזונגען, און למך איז געשטאַנען און האָט געוואַרט אויפן רעגן.

קיין רעגן איז ניט געקומען. אָבער די מאַמע למכס האָט דערזען דורכן פענצטער, ווי למך שטייט מיטן אָפענעם רעגן-שירעם און מאַכט זיך צום נאַר פֿאַר אַלע קינדער אין די אויגן. האָט זי גענומען שרײַען און רופן אים:

— למך! אין שטוב אַרײַן!

ער האָט אַפילו ניט געוואָלט אַרײַנגיין אין שטוב. אָבער די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אַרונטערגיין און מיט גוואַלד אים אַרײַנשלעפּן. האָט ער שוין געפֿאָלגט.

אין שטוב האָט די מאַמע צו אים גערעדט און געטענהט צו אים פֿאַר וואָס ער איז אַזאַ נאַר, פֿאַר וואָס ער לאָזט די קינדער לאַכן פֿון אים; אָבער למך האָט געטענהט אַלץ איין זאַך: „פֿאַר וואָס גייט קיין רעגן ניט? און וואָס וועט ער טאָן מיט זײַן רעגן-שירעם?" ער האָט געטענהט און געוויינט.

***

אויף מאָרגן איז שוין אַרויס אַ רעגן.

למך האָט זיך דערפֿרייט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן רעגן-שירעם און אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס. גיין האָט ער אין ערגעץ ניט געדאַרפֿט, האָט ער זיך גלאַט אַוועקגעשטעלט, אויפֿגעעפֿנט דעם רעגן-שירעם און איז אַזוי געשטאַנען מיטן רעגן-שירעם איבערן קאָפּ.

און ווידער האָט אים נחום-חכם דערזען. מאַכט ער צו אים:

— וואָס שטייסטו אַזוי, למך?

— עס גייט דאָך אַ רעגן — ענטפֿערט למך — און איך האָב דאָך אַ רעגן-שירעם.

מאַכט נחום:

— עס איז דאָך אָבער אַ נײַער רעגן-שירעם, וועסטו אים דאָך אײַננעצן!

זאָגט למך:

— אוי, טאַקע, ביסט גערעכט! טאַ, וואָס זשע זאָל איך טאָן?

מאַכט נחום:

— פֿאַרמאַך דעם רעגן-שירעם און האַלט אים אונטער דער פּאָלע, וועט ער זיך ניט אײַננעצן.

זאָגט למך:

— אוי, נחום, ביסט טאַקע אַ חכם! איך טו דאָס גלײַך!

און ער נעמט דעם רעגן־שירעם און פֿאַרמאַכט אים, און באַהאַלט אים אונטער דער פּאָלע.

למך איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ שעה צי מער, געשטאַנען און גע־ווייקט זיך אונטערן רעגן. דערנאָך איז ער אַרײַן אין שטוב.

אַז די מאַמע האָט אויף אים געשריִען און אים גערופֿן נאַר — דאַרף איך אײַך ניט דערציילן.

לעאָן עלבע.

וואָס באַטײַט?

1. שירעם — umbrella. 2. ניט אײַננעצן — ניט נאַס מאַכן. 3. פֿאַרזייען — to sow. 4. איבער אַ נײַ ם — נאָך אַ מאָל. 5. טענהט (טײַנעט) — רעדט אַלץ. 6. מיט גוואַלד — by force. 7. באַהאַלטן אונ־טערן פּאָלע — באַהאַלטן אונטער די קליידער. 8. שעה (שאָ) — an hour. 9. זיך ווייקן — זיך נאַס מאַכן.

נחום	חכם	טענהט	שעה

ייִדיש איז אַנדערש ווי ענגליש

געדענק: אַז ווען מע איבערזעצט פֿון ענגליש אויף ייִדיש לאָזט מען אָפּט דורך דאָס וואָרט: of.

דער ערשטער יולי — the first of July.

זאָג די ווײַטערדיקע זאַצן אין ייִדיש. געדענק: end— איז: סוף.

1. The end of the year. 2. The city of New York. 3. In the beautiful month of May. 4. At the (בײַם) end of the year.

ווען עס ווערט באַצייכנט אין ענגליש אַ מאָס, אָדער וואָג, דאַרף מען of אין ייִדיש ניט זאָגן.

אויפֿגאַבע: זעץ איבער אויף ייִדיש די ווײַטערדיקע ענגלישע זאַצן:

1. A cup of coffee. 2. A glass of milk. 3. Five pounds of sugar. 4. A bottle of beer. 5. A yard of silk. 6. A ton of coal. 7. An ounce (אונץ) of gold.

אויפֿגאַבע: זעץ איבער אויף ייִדיש:

1. My friend is living in the city of Boston. 2. Give me a glass of water, please. 3. After supper I had (געטרונקען) a glass of coffee. 4. My little brother drinks four glasses of milk a day. 5. My mother bought five pounds of sugar. 6. He gave me a piece of wood. 7. The man had a piece of white paper in (his) hand and was drinking a glass of cool water.

דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע

— זיידע, וויַיז דיַין טאַבאַק־פּושקע,
איך וויל אויך אַ שמעק.
— גיי, דו ביסט אַ שטיפער! — זאָגט ער,
און ער גייט אַוועק.

טראַכט איך, אַז דער זיידע ט׳שלאָפן,
קיינער וועט ניט זיַין,
וועל איך אויף די שפּיצן־פינגער
אין זיַין שטוב אַריַין.

אויסזוכן די פּושקע טאַבאַק
און זיַין לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגיין מיט זיַין שטאָק.

טאַבאַק וועל איך קענען שמעקן,
וויפל נאָר איך וויל,
וועל איך אויסזען ווי אַ זיידע —
אוי, אַ שיינע שפּיל!

שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפן —
בין איך באַלד ביַים טיר;
שפּאַן אַריַין צו אים אין קאַמער.
ס'הערט זיך ניט קיין ריר.

כאַפּ איך זיידנס ראָק פון בעטל,
זוך די טאַבאַק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן
און איך גיי אַרויס...

שטעל איך זיך אַנטקעגן שפּיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מיַין האַנט דעם שטאָק.

וויל איך עפענען די פּושקע,
קאָן איך ניט — ס'איז שווער;
ריַיס איך זי מיט אַלע כוחות,
דריי זי הין און הער.

ביז עס ריַיסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן קנאַל;
פליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַבאַק ביטער גאַל...

האַפּטשי! האַפּטשי! זיידע! זיידע!
גיכער קום אַהער!
האַפּטשי, אוי, די אויגן, זיידע!
כ'וועל ניט טאָן דאָס מער!

קומט דער זיידע שנעל צו לויפן...
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?"
— אוי, מיר ביטער אין די אויגן,
ביטער דאָ אין נאָז!"

„זעסט — זאָגט ער — ווערסט נאָשן טאַבאַק,
אַז דער זיידע שלאָפט?"
כ'ווייס — איך בין געווען אַ שלעכטער,
האָט מיך גאָט געשטראָפט...

לאה ק. האָפמאַן.

וואָס באַטײַט?

1. **פּושקע** — a tin box. 2. **אַ שמעק** — a sniff. 3. **שפּיצן־פינגער** — tiptoe. 4. **ראָק** — coat. 5. **שטאָק** — cane. 6. **קאַמער** — צימער. 7. **מיט אַלע כּוחות** (קויכעס) — with all my strength. 8. **דעקל** — cover. 9. **ביטער גאַל** — שרעקלעך ביטער.

ווער ווייס?

1. ווען גייט מען אויף די שפּיץ־פינגער, ווען מע וויל יענעם אויפוועקן, צי ווען מע וויל יענעם ניט אויפוועקן?

2. וועמען מעג מען אָפּטאָן אַ שפּיצל, אַן עלטערן פון זיך, צי אַ גלייכן?

איינצאָל און מערצאָל

אויפגאַבע: פאַרענדיק לויטן מוסטער. שרײַב איבער.

1. **זיידע — זיידעס.** פּושקע, מאַמע, טאַטע, שטעקן, שירעם, רעגן, וואָלקן, לערער, פידל־שפּילער, לערערין, גלעלכטער, פּילקע, שטערן.

2. **האַנט — הענט.** קאָפּ, ראָק, נאַכט, באַנק.

3. **טיר — טירן.** שפּיל, קאַמער, אויג, גאַס, קלאַס, מאַטראַס, וועלט, שויב, קויש, מענטש, זאַך, שול, געשעפט.

4. **שפּיגל — שפּיגלען.** הימל, שעה, טאַוול, בלום.

5. **דעקל — דעקלעך.** יינגל, בעטל, בלעטל, שוועסטערל, גלעזל.

6. **קינד — קינדער.** פעלד, ליד.

7. **נאָז — נעזער.** אָרט, גלאָז, וואַלד, פלאַן, ראָד.

8. **בריוועלע — בריוועלעך.** טירעלע, שטעקעלע, גלעזעלע.

שוועסטער, פענצטער, פינגער
מערצאָל איז אַזוי ווי איינצאָל.

אַ גוט האַרץ

דער לערער איז נאָך ניט געקומען. אַ דריַי־פיר יינגלעך האָבן זיך גענומען אָפּלאַכן פון דעם אָרעמען יאָסלען, אַ יינגל מיט רויטע האָר און אַ קראַנקער האַנט אויף אַ בענדל. יאָסל איז דער אָרעמסטער אין קלאַס, זיַין פאָטער אַרבעט ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט און זיַין גוטע מאַמע פאַרקויפט פרוכט אין גאַס. די קינדער האָבן געוואָרפן אויף יאָסלען שאָ־לעכץ פון ניסלעך, גערופן אים קאַליקע, איבערגעקרימט אים און נאָכגעמאַכט, ווי ער גייט מיט דער קראַנקער האַנט אויפן בענדל.

יאָסל איז שטיל געזעסן אויף זיַין אָרט. ער איז געווען בלייך ווי קאַלך. דער אָרעמער יינגל האָט זיך צוגעהערט צו די באַליידיקונגען פון די קינדער, ער האָט געקוקט דאָ אויף איינעם, דאָ אויף דעם אַנדערן. ער האָט געהאָפט אַז סוף־כּל־סוף וועלן זיי אים דאָך לאָזן צו רו. די קינדער אָבער האָבן זיך שטאַרק צעהיצט און האָבן פון אים אַלץ מער און מער חוזק געמאַכט. יאָסל האָט זיך שוין מערניט געקאָנט איַינ־האַלטן. ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג און איז רויט געוואָרן פון כּעס. דאָ האָט בערל, איינער פון די יינגלעך, פלוצעם אַ שפרונג אַרויף געטאָן אויפן בענקל, אָנגעשטעלט די הענט, ווי ער וואָלט געטראָגן קערב מיט פרוכט, און האָט גענומען איבערקרימען יאָסלס מוטער, ווי זי רופט אויס „עפּל, באַרן, פלוימען". די קינדער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

יאָסל איז אָנגעצונדן געוואָרן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ טינטער מיט טינט און אַ שלײַדער געטאָן בערלען אין קאָפּ אַריַין. בערל האָט זיך אויסגעדרייט און דער טינטער האָט געטראָפן דעם לערער, וואָס איז גראָד אין דער מינוט אַריַין אין קלאַס. די קינדער האָבן זיך גיך אַוועקגעזעצט און דערשראָקן געשוויגן. דער לערער איז בלאַס געוואָרן פון

צאָרן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און ניט מיט זײַן קול אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט דאָס געטאָן?

קיין ענטפער.

— ווער האָט דאָס געטאָן? — האָט ער אויסגעשריִען.

דוד, איינער פון די קינדער פון קלאַס, האָט רחמנות געקראָגן אויף דעם אומגליקלעכן יאָסלען און האָט זיך גלײַך אַ הייב געטאָן פון אָרט און געזאָגט:

— איך!

אַלע קינדער האָבן זיך פאַרוואונדערט.

דער לערער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, דערנאָך אויף די פאַרוואונדערטע קינדער און רואיק געזאָגט:

— ניין, ניט דו.

באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— איך וועל דעם שולדיקן ניט באַשטראָפן. זאָל ער אויפשטיין.

יאָסל האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט געוויין געזאָגט:

— מ'האָט זיך מיט מיר געריצט, מ'האָט מיך באַליי־דיקט; כ'האָב מײַן קאָפּ פאַרלאָרן און געכאַפּט...

— זעץ זיך. זאָלן זיך אויפשטעלן יענע, וואָס האָבן זיך מיט אים גערייצט.

פיר קינדער זײַנען אויפגעשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— איר האָט באַליידיקט אַ חבר — האָט דער לערער געזאָגט — אַ חבר וואָס האָט אײַך קיין שלעכטס ניט געטאָן. איר האָט געלאַכט פון זײַן אומגליק, חוזק געמאַכט פון אַ שוואַכן, וואָס קאָן זיך ניט פאַרטיידיקן.

דער לערער איז אַוועק צווישן די בענקלעך, צוגעגאַנגען צו דודן, אים טיף אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

— דו האָסט אַ טײַער, מענטשלעך האַרץ!

דוד האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם לערער. קיינער האָט ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. דער לערער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די שולדיקע און קורץ אָפּגעשניטן:

— מוחל, אַלעמען מוחל.

דעאַמיטשיס.

וואָס באַטײַט?

1. פרוכט — fruit. 2. שאָלעכץ — shell. 3. ניסלעך — nuts. 4. קאַליקע — cripple. 5. בענדל — band. 6. קאַלך — lime. 7. בלייך — pale. 8. בלייך ווי קאַלך — זייער בלייך. 9. באַליידיקונ־גען — insults. 10. סוף־כּל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) — finally. 11. לאָזן צו רו — to leave alone. 12. צעהיצט זיך — got excited. 13. חוזק (כויזעק) געמאַכט — made fun of. 14. געציטערט — trembled. 15. אויפּ־רעגונג — excitement. 15. כּעס (קאַס) — anger. 16. קערב — baskets. 17. איבערקרימען — to imitate, to mimic. 18. פלוימען — plums. 19. אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער — burst out laughing. 20. אָנגע־צונדן געוואָרן — lost his temper. 21. טינטער — inkwell. 22. קול (קאָל) — שטים. 23. רחמנות (ראַכמאָנעס) — מיטלייד, מיטגעפיל, pity. 24 גערייצט — teased. 25. באַליידיקט — insulted. 26. שולדיקע — guilty ones. 27. קורץ אָפּגעשניטן — quickly ended. 28. מוחל (מויכל) זײַן — to forgive.

סוף־כּל־סוף	כּעס	מוחל	קול	רחמנות	חוזק מאַכן

פראַגעס:

א. 1. פאַר וואָס האָבן די קינדער געלאַכט און חוזק געמאַכט פון יאָסלען? 2. פאַר וואָס האָט דאָס אָרעמע ייִנגל אין אָנהייב געשוויגן? 3. וואָס האָט אים ענדלעך אַרויסגעבראַכט פון געדולד? 4. פאַר וואָס האָט שוין יאָסל מערניט געקענט שווײַגן? 5. וואָס האָט ער געטאָן?

ב. 1. פון וואָס קען מען זען אַז דער לערער איז געווען זייער דער־צאָרנט? 4. פאַר וואָס האָט דוד גענומען אויף זיך די שולד? 3. ווי אַזוי האָט דער לערער פאַרשטאַנען אַז דוד איז ניט דער אמת שול־דיקער? 4. וואָס האָט יאָסל געזאָגט ווען ער האָט זיך מודה געווען אַז ער האָט געוואָרפן דעם טינטער? 5. פאַר וואָס האָט דער לערער ניט באַשטראָפט יאָסלען? 6. וואָס האָט דער לערער געזאָגט די שול־דיקע? 7. וואָס האָט ער געזאָגט דודן? 8. פאַר וואָס האָט דער לערער ניט באַשטראָפט די קינדער?

וואלד און פעלד

אַ מעשה מיט אַ פייגעלע

איז געקומען האַרבסט. געלע בלעטער זײַנען געפאַלן פון די ביי־מער, ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן: הו־ו, הו־ו.

איז דער עלטסטער פויגל אַרויסגעפלויגן און אָנגעהויבן רופן:

— ציף־ציף, היפ־האָפּ, מיר פליִען אַוועק, מיר פליִען אַוועק.

זײַנען זיך אַלע פייגל צונויפגעפלויגן פון אַלע וועלדער און פעלדער, און זיך געלאָזט פליִען אין די ווײַטע, וואַרעמע לענדער.

פליִען זיי אַזוי אַ טאָג, צוויי, דרײַ — ביז זיי זײַנען געקומען צו פליִען אין דער שטאָט יאַלײַ.

פליִען זיך אַזוי די פייגל איבער דער שטאָט יאַלײַ, גאַס־אײַן, גאַס־אויס. מיט אַ מאָל דערזעט אַ פייגעלע אַ ברעקעלע אויף אַ הויז.

טראַכט זיך ס׳פייגעלע:

— איך וועל פליִען כאַפּן דאָס ברעקעלע, דערנאָך וועל איך אָניאָגן.

געטראַכט, געטאָן. אַרויפגעפלויגן אויפן דאַך און — האַם־האַם — דאָס ברעקעלע אײַנגעשלונגען.

וויל דאָס פייגעלע ווײַטער פליִען — ערשט ס׳קאָן ניט. דער דאַך איז געווען פריש אָפּגעפאַרבט, און די פיסעלעך האָבן זיך צוגעקלעפּט.

שטייט דאָס פייגעלע אויפן דאַך, קלאַפּט מיט די פליגעלעך און קאָן זיך ניט אָפּרײַסן.

און אַלע פייגעלעך זײַנען שוין ווײַט, ווײַט פון שטאָט געווען.

מיט אַ מאָל האָט זיך דער גרויסער פויגל צעשריִען:

ציף־ציף, היפ־האָפּ,
אַ פייגעלע גייט אונדז אָפּ.

האָבן זיך די איבעריקע פייגעלעך צעשריִען:

טשיק־טשיריק,
מיר פליִען צוריק.

זײַנען די פייגעלעך געפלויגן צוריק אין דער שטאָט יאַלײַ.

פליִען זיי אין גאַס, צוויי, דריַי — ניטאָ דאָס פייגעלע.

פליִען זיי אין דער לענג, אין דער ברייט — ניטאָ דאָס פייגעלע.

מיט אַ מאָל דערזעען זיי דאָס פייגעלע אויף אַ דאַך שטיין. האָבן זיך אַלע פייגעלעך צעשריִען:

ציף־ציף, היפ־האָפּ,
ריַיס זיך אָפּ.

ריַיסט זיך ס׳פייגעלע, ריַיסט זיך, קלאַפּט מיט די פליגעלעך און קאָן ניט אַוועקפליִען. און די פייגעלעך פליִען אַלץ אַרום דאַך און שריַיען:

ציף־ציף, היפ־האָפּ,
מיר פליִען אָפּ.

דאָס פייגעלע ריַיסט זיך, ריַיסט זיך און קאָן ניט אַוועקפליִען.

מיט אַ מאָל דערזעען די פייגעלעך אַ יינגעלע, אַ שטיפער, קריכט אויפן דאַך און וויל דאָס פייגעלע כאַפּן.

האָבן זיך אַלע פייגעלעך אין איינעם אַ לאָז געטאָן, אַרומגעכאַפּט דאָס פייגעלע און — צופּ! אָפּגעריסן פון דאַך.

האָבן זיך אַלע פייגעלעך דערפרייט און צעזונגען זיך מיט געזאַנג — אַ ליד אַזאַ:

ווער עס איז אַ גוטער חבר,
דער זאָל גיין אין ראָד אַריַין.

זיַינען קינד און קייט געגאַנגען אין ראָד, אין דער לענג און אין דער ברייט, האָנט אויף אַקסל, פיס געהויבן, און ס׳איז גרויס געווען די פרייד.

שיינע גיטעלעס.

וואָס באַטײַט ?

1. אַ ברעקעלע — crumb. 2. פריש אָפּגעפאַרבט — נאָר וואָס געפאַרבט — freshly painted. 3. צוגעקלעפּט זיך — were stuck. 4. אַ שטיפער — אַ ווילדער, אַ שלעכטער, אַ טומל־מאַכער. 5. קינד און קייט — אַלע, קליין און גרויס. 6. אין ראָד — in a circle. 7. אַקסל — shoulder.

פראַגעס:

1. וואָס איז געשען ווען הארבסט איז געקומען ? 2. וואוהין זײַנען די פייגל געפלויגן ? 3. וואָס האָט דאָס פייגעלע דערזען אויפן דאך ? 4. פאַר וואָס האָט דאָס פייגעלע ניט געקענט פליִען ווײַטער ? 5. פאַר וואָס האָט דער גרויסער פויגל זיך צעשריִען ? 6. פאַר וואָס האָבן זיך די פייגל דערשראָקן פאַרן ייִנגעלע, דעם שטיפער ? 7. וואָס האָבן די פייגל געטאָן צו ראַטעווען זייער חבֿרל ?

ווען איז דאָס ?

פאַרענדיק די זאַצן. אונטן האָסטו די ווערטער וואָס דו דאַרפסט אַרײַנשטעלן :

די זון גייט אונטער ——. די לבֿנה שײַנט אין הימל ——. לאַנגע שאָטנס פאַלן פון די ביימער ——. די זון ברענט אין הימל ——. די שטערן נעמען זיך לעשן ——.

בײַ נאַכט, אין דער פרי, אין אָוונט, פאַר טאָג, האַלבן טאָג.

וואָס פאַר אַ צײַט פון יאָר איז עס ?

זומער, ווינטער, פרילינג, האַרבסט ? ווער קען ענטפערן ?

1. געלע בלעטער פאַלן פון די ביימער (————). 2. עס פאַלט אַ שניי (————). 3. די פייגל פליִען אַוועק אין די וואַרעמע לענ־דער (————). 4. דאָס אײַז צעגייט (————). 5. מע נעמט אַרונטער די פרוכט פון די ביימער (————). 6. די זון ברענט, ס'איז היים (————). 7. די פייגל בויען נעסטן (————). 8. די טעג זײַנען קליין, די נעכט לאַנג (————). 9. דער פויער פאַרזייט דאָס פעלד (————). 10. עס רעגנט גאַנצע טעג (————). 11. קינדער פאָרן אויפן לאַנד (————). 12. דער טײַך איז פאַר־פרוירן (————). 13. קינדער גליטשן זיך אויפן אײַז (————).

אַמאָל איז געווען

אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעך פון שאָף,
איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שלאָף.
האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף,
ערשט — ניטאָ די שאָף.

גייט ער זיך אַרום אויפן שליאַך,
זעט ער — מע פירט אַ וואָגן מיט דערנערלעך,
האָט ער געמיינט דאָס איז פון זײַנע שאָף די הערנערלעך.

גייט ער זיך אַרום אויפן שליאַך,
זעט ער — מע פירט אַ וואָגן מיט עפּעלעך,
האָט ער געמיינט: פון זײַנע שאָף די קעפּעלעך.

גייט ער זיך אַרום אויפן שליאַך,
זעט ער — מע פירט אַ וואָגן מיט שטיינדעלעך.
מיינט ער: פון זײַנע שאָף דיביינדעלעך.

גייט ער אָבער אַרום הינטערן באַרג,
זעט ער — די שעפּעלעך טאַנצן און שפּרינגען,
האָט גענומען דאָס פּאַסטעכל לאַכן און זינגען.

(פאָלקסליד).

וואָס באַטײַט?

1. **פּאַסטעך** — shepherd. 2. **שאָף, שעפּעלעך** — sheep. 3. **שליאַך** — highway. 4. **דערנערלעך** — thorns. 5. **הערנערלעך** — horns.

אַ מעשה מיט אַ ריז

איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה מיט אַ ריז. אַריה האָט ער געהייסן. און געהאַט האָט ער לאַנגע, לאַנגע פֿיס. אַזעלכע לאַנגע, אַז מיט איין פֿוס איז ער געווען אין איין שטאָט, מיט אַ צווייטן פֿוס — אין אַ צווייטער שטאָט; מיט איין פֿוס — אין איין דאָרף, מיט אַן אַנדערן פֿוס — אין אַ צווייטן דאָרף; מיט איין פֿוס — אויף אַ באַרג, מיט אַ צווייטן פֿוס — אין אַ טאָל, ביז ער איז אַמאָל פֿאַרגאַנגען אין אַ גרויסן, טיפֿן וואַלד אַרײַן.

גייט זיך אַריה ריז אין וואַלד, שפּאַנט איבער ביימער, איבער דערנער, באַגעגנט אים אַ הירש מיט לאַנגע, געדרייטע הערנער.

זאָגט צו אים דער הירש:

— אַריה ריז, האָסט דאָך לאַנגע פֿיס, קום, לאָמיר זען, ווער ס'וועט גיכער צום עק וואַלד דערגיין.

— גוט, — זאָגט אַריה ריז, — לאָמיר זען, ווער ס'וועט גיכער צום עק וואַלד דערגיין. נו, איינס, צוויי, דרײַ!

דער הירש האָט זײַנע הויכע, דאַרע פֿיס אויפֿגעהויבן און זיך געלאָזט לויפֿן, געבראָכן מיט די הערנער ביימער און דערנער, צווײַגן און צווײַגלעך, געפֿלויגן ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן, איבער וועגלעך און שטעגלעך.

נאָר אַריה ריז האָט זיך ניט געאײַלט.

מיט איין פֿוס — איין שפּאַן, מיטן צווייטן פֿוס — אַ צווייטן שפּאַן, און שוין בײַם סוף וואַלד געשטאַנען.

דער הירש איז אַ פֿאַרסאָפּעטער, אַ פֿאַרשוויצטער צום סוף וואַלד דערלאָפֿן — און אַריהן געטראָפֿן.

האָט ער זיך שטאַרק פֿאַרשעמט און געזאָגט:
— כ'בין געלאָפֿן איבער דערנער, זיך פֿאַרטשעפּעט מיט די הערנער, זיך פֿאַרפּלאָנטערט און געווען ווי געפּענטעט.
— קום אין פֿעלד, וועלן מיר זען, ווער ס'וועט גיכער צו דער מיל דערגיין.
— גוט, — זאָגט אַריה ריז, — לאָמיר זען, ווער ס'וועט גיכער צו דער מיל דערגיין.
— נו, איינס, צוויי, דרײַ!
נאָר דער הירש איז שוין ניט געווען דערבײַ. ער איז, ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן, געלאָפֿן, געפֿלויגן איבער בערג און בערג־לעך, וועגלעך און שטעגלעך.
נאָר אַריה ריז מיט זײַנע לאַנגע פֿיס האָט זיך ווײַטער ניט געאײַלט: מיט איין פֿוס — אַ שפּאַן, מיטן צווייטן פֿוס — אַ צווייטן שפּאַן און — שוין בײַ דער מיל געשטאַנען.
דער הירש איז אַ פֿאַרסאָפּעטער, אַ פֿאַרשוויצטער, מיט אַ צונג אַרויסגעשטעקטן, צו דער מיל דערלאָפֿן און ווידער אַריהן געטראָפֿן.
האָט זיך דער הירש שטאַרק פֿאַרשעמט און געזאָגט:
— גאָרניט געטראַכט, גאָרניט געמיינט, אַז אַ מענטש, אַפֿילו אַ ריז, זאָל איבעריאָגן הירשענע פֿיס.

שיינע גיטעלעס.

וואָס באַטײַט?

1. ריז — giant. 2. דאָרף — village. 3. באַרג — mountain. 4. טאָל — valley. 5. וואַלד — woods, forest. 6. שפּאַנט — גייט. 7. דערנער — thorns. 8. הירש — deer. 9. הערנער — horns. 10. צווײַגן — branches. 11. פֿײַל — arrow. 12. בויגן — bow. 13. געפֿלויגן ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן — געלאָפֿן זייער גיך, אַזוי גיך ווי עס פֿליט אַ פֿײַל פֿון בויגן. 14. וועגלעך, שטעגלעך — paths. 15. שפּאַן — step. 16. סוף (סאָף) — ענד. 17. פֿאַרסאָפּעט — אָן אַן אָטעם, breathless. 18. זיך פֿאַרטשעפּעט, פֿאַרפּלאָנטערט — got caught. 19. געפּענטעט — געבונדן.

מעשה	אַריה	סוף

פראַגעס:

1. ווי האָט אריה ריז אויסגעזען? 2. וואָס פאַר אַ זאַכן האָט ער געקענט טאָן, וואָס אַן אַנדער מענטש קען ניט טאָן? 3. ווּעמען האָט אריה באַגעגנט אין וואַלד? 4. וואָס האָט דער הירש געזאָגט צו אריה ריז? 5. ווי איז דער הירש געלאָפן? (לייענט די שטעל וואָס באַשרייבט דאָס). 6. ווי איז אריה אָנגעקומען דער ערשטער? (לייענט די שטעל וואָס באַשרייבט דאָס). 7. פאַר וואָס האָט זיך דער הירש זייער פאַרשעמט? 8. ווי האָט ער זיך פאַרענטפערט? 9. פאַר וואָס האָבן ביידע אָפּגעמאַכט צו לויפן אין אָפענעם פעלד? 10. ווער איז דאָס מאָל אָנגעקומען פריִער? 11. לייענט די באַשרייבונג ווי דער הירש לויפט. 12. לייענט די באַשרייבונג פון דעם ווי אריה ריז לאָזט זיך אין וועג. 13. וואָס האָט דער הירש צום סוף געזאָגט?

ווער ווייס?

1. וואָס איז גרעסער אַ באַרג, צי אַ מויז? 2. וואָס איז העכער דער הימל, צי אַ בוים? 3. וואָס איז עלטער די זון, צי די ערד? 4. וואָס איז טיפער דער טאָל, צי דער ים? 5. ווער לויפט גיכער דער ווינט, צי אַ פויגל? 6. ווער שווימט בעסער אַ מענטש, צי אַ פיש?

פרעג און ענטפער

ניץ פאַר דער פראַגע די ווערטער פון דער ערשטער ריי. הייב אָן דעם ענטפער מיט די ווערטער פון דער צווייטער ריי. טו אַט לויט דעם מוסטער:

פראַגע: וואָס איז בעסער (א)?
ענטפער: (ב) איז בעסער פון (א).

(א)	(ב)
פון זילבער	גאָלד
ווי צו זײַן רײַך	זײַן יונג
פון מלחמה	שלום
ווי צו זײַן אַלט	אַן אַלטער פרײַנד
פון אַ נײַעם פרײַנד	אַ נײַער מאַנטל
פון אַן אַלטן מאַנטל	צו זײַן געזונט

יִדיש איז אַנדערש ווי ענגליש

ריכטיק — גערעכט

גערעכט: right, ווען מע מיינט correct, איז אין יִדיש — **ריכטיק**; ווען מע רעדט וועגן אַ מענטשן, מיינט right — **גערעכט**; ער איז **גערעכט**; you are wrong איז — איר זייט **אומגערעכט**; **אמת** איז — **ריכטיק**; **ניט אמת** — ניט ריכטיק.

לייען איבער עטלעכע מאָל דאָס וואָס איז ווײַטער אָנגעשריבן, וועסטו זיך אויסלערנען דעם אונטערשייד צווישן **ריכטיק** און **גערעכט**:

1. לייבל האָט ריכטיק געענטפערט דעם לערער. 2. שׂרה האָט ריכטיק אָנגעשריבן איר נאָמען. 3. דער זייגער גייט ריכטיק.

1. די מאַמע איז גערעכט, ווען זי וויל דו זאָלסט זיך גוט לערנען. 2. עליע איז גערעכט וואָס ער העלפֿט זײַן חבֿר. 3. אוי, טאַטע, ביסט גערעכט, זאָגט לעמעך נאָר צו נחום חכם.

אויפֿגאַבע: אויפֿן אָרט פֿון שטריך שטעל אַוועק וואו מע דאַרף: ריכטיק, ריכטיקע, ריכטיקן, ריכטיקער, אָדער גערעכט.

1. איר זײַט ———, דער זאַץ איז ———. 2. ער האָט ——— געענטפערט אויף ביידע פֿראַגעס פֿון דעם לערער. 3. לייבל איז ניט ——— ווען ער שרײַט אויף זײַן שוועסטערל. 4. דער לערער איז ———, ווען ער זאָגט, אַז די קינדער שרײַבן שיין. 5. דער קרעמער גיט אַ ——— מאָס. 6. איז לעמעך געווען ———, ווען ער האָט אין אַ רעגן באַהאַלטן דעם שירעם אונטער דעם מאַנטל? 7. די פֿייגל זײַנען געווען ——— וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט זינגען. 8. ער לייגט אַוועק די ביכער אויפֿן ——— אָרט. 9. דער בריוו איז אָנגעקומען צו דער ——— צײַט. 10. דער יִנגל איז ניט ———, ווען ער וויל פֿאַרנאַרן דאָס פֿייגעלע אין שטײַגל.

זעץ איבער אויף יִדיש, אין יעדן זאַץ מוזסטו האָבן דאָס וואָרט ר י כ ט י ק, אָדער ג ע ר ע כ ט.

1. I am right. You are wrong. 2. Is this sentence right? 3. The pupil gave the right answer to both questions. 4. He was wrong that time (דעמאָלט). 5. The customer (קונה) is always right. 6. You are right, even if you are wrong. 7. That isn't right. 8. The clock keeps (גייט) good time .(דאָס וואָרט time ניט איבערזעצן) 9. He taught me to write correctly. 10. Are you ever wrong?

יִדיש איז אַזוי ווי ענגליש: רעכטס — right. לינקס — left.

He sits on the *right* and his friend on the *left*.

ער זיצט רעכטס און זײַן פֿרײַנד לינקס.

דאָס פאַריתומטע שעפעלע

א.

אין אַ גרויסער סטאַדע האָט געלעבט אַ קליין שעפעלע, וואָס פלעגט אַלע יאָר געבוירן קינדערלעך. נאָר די קינדערלעך פלעגן זיך בײַ איר ניט האַלטן. אין עטלעכע טעג אַרום פלעגן זיי אָוועקשטאַרבן.

מע! — פלעגט דאַן זיפצן דאָס אומגליקלעכע שעפעלע. דאָס זאָל הייסן אויף אונדזער לשון: „ווי גוט און וואויל איז דאָס דער מאַמען, וואָס האָט קינדערלעך, זיי זאָלן טאַנצן אַרום איר!"

איין מאָל האָט דאָס שעפעלע געהאַט אַ געזונט לעמעלע. דאָס לעמעלע איז געווען זייער אַ שיינס: געקרײַזלטע, שוואַרצע, גלאַנציקע הערעלעך, קלאָרינקע אייגעלעך, געשפרענקלטע פיסעלעך, און ווען עס פלעגט שרײַען „מע"! — פלעגן אַלע לעמעלעך זיך ניט קענען אײַנהאַלטן און מוזן נאָכשרײַען: מע־מע!

האָט זיך די מאַמע זייער געפרייט, און זי פלעגט נאָך אַנאַנד קושן און האַלדזן איר לעמעלע.

דאָס שיינע טײַערע לעמעלע איז אָבער געווען אַ מאָדנער שטיפער, אַ שטיפער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלײַכן אין דער גאַנצער סטאַדע.

— באַרואיק זיך מײַן קינד — בעט זיך בײַ אים די מוטער — שטילער, קרײַזעלע מײַנס! דאָ שפרינג ניט, דער הונט קען דיר נאָך אַ ביס טאָן! דאָרט לויף ניט — דאָרטן איז דער וואַלד, אין וואַלד זײַנען דאָ וועלף! די וועלף האָבן נעגל — שאַרפע ווי מעסערס! ציין — ווי שווערדן!

— אָבער — וואו נאָר די מוטער האָט אים פאַרווערט צו גיין — אַהינצו פלעגט זיך דאָס שטיפערל דווקא רײַסן:

איך וויל זען, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ וואַלד? ווער איז דאָס דער וואָלף? איך וועל נאָר אַרומטאַפּן זײַנע נעגל, נאָר

צורירן זיך צו זײַנע צײַן, נאָר אײן קוק טאָן — און איך קום באַלד צוריק — אַזוי האָט זיך דאָס שטיפערל געטראַכט.

ב.

דאָס לעמעלע האָט זיך אײן מאָל שטיל אַרויסגעגנבֿעט פֿון דער סטאַדע. קײנער האָט דאָס ניט באַמערקט, ניט די מוטער זײַנע, ניט דער פּאַסטעך און אַפֿילו ניט דער הונט — און עס איז אַוועק אין וואַלד. דאָרט האָט עס זיך געטראָפֿן מיטן וואָלף, באַטאַפּט זײַנע נעגל, באַשמעקט זײַנע צײַן — נאָר צו דער מוטער איז עס שוין ניט געקומען.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט דער הונט געפֿונען אין וואַלד שטיקלעך פֿון אַ צעריסן העלדזל מיט בײנדלעך. האָט ער זײ געבראַכט אין סטאַדע אַרײַן. די אומגליקלעכע מאַמע האָט דערקאָנט איר קרײַזעלעם הערעלעך. האָט זי גענומען שרײַען, יאָמערן און װײנען מיט ביטערע טרערן: „מע־מע־מע!" קײן מענטשלעך לשון פֿאַרמאָגט ניט גענוג װערטער אויף איבערצוגעבן װיפֿל האַרצווייטיק ס'איז געווען אין דעם אײן: מע־מע־מע!

זי האָט ניט געוואָלט גלייבן, אַז איר לעמעלע איז שוין טאַקע אויף אַן אמת צעריסן. זי האָט זיך דעריבער אַ לאָז געטאָן אַרומלויפֿן צווישן די לעמעלעך: האָט באַטאַפּט, באַשמעקט און באַלעקט זײ אַלע, אפֿשר וועט זי געפֿינען איר שוואַרץ, גלאַנציק קרײַזעלע.

און די עלנטע מאַמע גײט אַרום און קלאָגט, גײט אַרום און װײנט, און װאָס אַ מאָל הייבט זי אויף די אויגן צום הימל און שרײַט אויס: מע־מע!...

מיט וואָס האָב איך עס פֿאַרדינט... מיט וואָס האָב איך זיך פֿאַרזינדיקט מער פֿאַר אַלע מאַמעס?... האָט זי נעבעך געוואָלט פֿאַרשטיין.

ג.

גײט זי אַזוי און קלאָגט. פּלוצעם דערהערט זי פֿון עק סטאַדע ווי מ'שרײַט: „מע־מע!" — לאָזט זי זיך אַראָפּ אין

טאָל זעו, ווער איז דאָס. דערזעט זי אַן עלנט קליין, זייער קליין לעמעלע. דאָס לעמעלע איז ערשט דעם זעלבן טאָג געבוירן געוואָרן און זײַן מאַמע איז באַלד געשטאָרבן. דאָס לעמעלע האָט געזוכט זײַן מאַמע צווישן די שעפּעלעך. נאָר עס האָט געפונען לוסטיקע לעמעלעך זויגן פרישע וואַרעמע מילך און טאַנצן אַרום צופרידן.

דאָס לעמעלע האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז עס האָט שוין מער קיין מאַמע ניט. איז עס אַוועק פון דער לוסטיקער סטאַדע, צוריק אַראָפּ אין טאָל און האָט זיך ביטערלעך צע־וויינט: „מאַ־מע!...״

אויף לעמעלע־שפּראַך הייסט עס: „איך האָב שוין ניט קיין מאַמע: איך בין אַ יתום!״

האָט אונדזער שעפּעלע זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים, אויף אים רחמנות געקראָגן און אויסגעשריִען: — „מע־מאַ! מע־מאַ!״ און לעמעלע דער יתום האָט פאַרשטאַנען אַז זי וויל זאָגן:

— שלעכט איז דיר! — ווער נאָך ווי איך קען עס פילן? מיר איז אָבער ערגער פאַר דיר: דו קענסט זיך נאָך געפינען אַ מאַמע, איך קען פאַר דיר זײַן אַ מאַמע; אָבער ווער וועט מיר געפינען מײַן קינד?...

— מאַ־מע! — האָט דאָס לעמעלע געענטפערט — מיר איז ערגער פאַר דיר! דו קענסט זיך נאָך געפינען אַ קינד — ווייניק לעמעלעך איז פאַראַן אין סטאַדע? אַפילו איך וואָלט אויך זײַן בײַ דיר אַ זון! איך קען אויך אַרומ־טאַנצן אַרום דיר. אָבער איך — ווי און ווינד איז מיר! וואו קען איך נאָך געפינען מײַן מאַמע?

ד.

אַזוי זײַנען זיי ביידע געשטאַנען, געשטאַנען און געיאָ־מערט, געשטאַנען און גערעדט. דער האָט געזאָגט: מאַ־מע! מיר איז ערגער פאַר דיר, און די האָט געשריִען: מע־מאַ! — מיר איז ערגער פאַר דיר!

אַפילו דער פאַסטעך, וואָס איז גראָד דורכגעגאַנגען און

האָט זיי אַזוי דערזען, האָט אויך שטיל אָפּגעזיפצט: „עלנטער יתום, אומגליקלעכע מאַמע!“

און ווען די שעפּעלעך־מאַמעס אין סטאַדע האָבן דערהערט זייערע גוואַלדן, האָבן זיי אויפגעהויבן אַזאַ געוויין, אַז ס׳האָט געריסן בײַם האַרצן. אַפילו די ווילדסטע לעמעלעך האָבן דאַן אויפגעהערט אַרומשפּרינגען און אַרומטאַנצן און אויך מיטגעזיפצט מיט אַלעמען.

האָט דער פּאַסטעך גענומען דאָס קליינע יתומל און צוגעפירט אים פאַרן מאַרדעלע צום שעפּעלע. דאָס לעמעלע האָט זיך געשמאַק אָנגעזייגט.

דאָס שעפּעלע האָט אים אַרומגעשמעקט מיט פיל ליבע און רחמנות און ער האָט זי אויך אַרומגעלעקט מיט ליבע — און אַזוי האָבן זיי זיך באַרואיקט און אײַנגעשלאָפן צוזאַמען.

ערשט דאַן האָבן די לעמעלעך זיך גענומען צו זייערע שפּילערײַען, שפּרינגערײַען און האָבן לוסטיק־לעבעדיק געשריִען: מאַ־מע! מאַ־מע!

און אַזוי האָט שעפּעלע גענומען זיך דאָס יתומל פאַר אַ זון און ער האָט זי אויך ליב באַקומען ווי אַ מאַמע.

י. שטיינבערג.

וואָס באַטײַט?

1. יתום (יאָסעם) — איינער וואָס האָט ניט קיין פאָטער אָדער מוטער. 2. פאַריתומט — ווען מע בלײַבט אַליין, אָן אַ נאָענטן. 3. סטאַדע — flock. 4. לשון (לאָשן) — שפּראַך. 5. לעמעלע — דאָס קינד פון אַ שעפּעלע, lambkin. 6. געשפּרענקלט — speckled. 7. אַ שטיפער — אַ ווילד, ניט קיין רואיק קינד. 8. דווקא (דאַפקע) — גראָד, פאַרקערט. 9. אַרויסגעגנבֿעט זיך — אַוועק שטיל, קיינער זאָל ניט וויסן. 10. פּאַסטעך — shepherd. 11. פאַרמאָגט — האָט. 12. האַרצווייטיק — ווען עס פאַרדריסט עפּעס. 13. רחמנות (ראַכמאָנעס) האָבן — מיטפילן מיט עמעצן, to pity. 14. וויי און ווינד איז מיר — אָן אומגליק האָט מיך געטראָפן, איך בין אומגליקלעך. 15. מאָרדע, מאָרדעלע — chin. 16. זייגן — to suck.

יתום	פאַריתומט	לשון	דווקא	אַרויסגעגנבֿעט	אמת	רחמנות

פראַגעס:

1. פאַר וואָס איז דאָס שעפּעלע געווען אומגליקלעך? 2. ווער האָט דאָס שעפּעלע צוריק גליקלעך געמאַכט? 3. וואָס האָט די מאַמע אָנגע־זאָגט לעמעלען? 4. וואָס האָט לעמעלע־שטיפער געענטפערט? 5. פון וואַנען האָט די אומגליקלעכע מאַמע געוואוסט, אַז איר לעמעלע־שטיפער איז טויט? 6. ווי האָט דאָס אומגליק געטראָפן? 7. וואָס האָט די מאַמע געקלערט? 8. ווער האָט דאָס שעפּעלע באַגעגנט? 9. פאַר וואָס האָבן זיך שעפּעלע און לעמעלע גוט פאַרשטאַנען? 10. ווען איז געווען ערגער, שעפּעלען אָדער לעמעלען? 11. וואָס האָט דער גוטער פאַסטעך געטאָן? 12. פאַר וואָס האָבן די לעמעלעך זיך ווידער גענומען צו זייערע שפּילערייען און צו זייער שטיפעריי?

***

1. לייענט פאַר דעם טייל פון דער מעשׂה וואָס געפעלט אייך מער פון אַלץ. 2. לייענט פאַר דעם טרויעריקסטן טייל, דעם פריילעכסטן טייל. לייענט די שטעל וואָס ווייַזט, אַז לעמעלע איז געווען אַ גרויס שטיפערל.
3. ווי קען מען די מעשׂה אַנדערש אַ נאָמען געבן?

פרעג און ענטפער

וואָלטסטו רחמנות געהאַט (אויף)?

— יע, כ׳וואָלט רחמנות געהאַט אויף (אַ)
(אָדער) — ניין, כ׳וואָלט ניט רחמנות געהאַט אויף (אַ)

(אַ)

1. אַ בלינדן וואָס בעטלט.
2. אַ נאַר.
3. אַ פוילן וואָס האָט ניט וואָס צו עסן.
4. אַ קראַנקן.
5. אַ קליין פייגעלע וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון נעסט.
6. אַ מוטער וואָס דאָס קינד איז איר קראַנק.
7. אַן אַלטן, עלנטן מענטשן.
8. אַ הינטל וואָס בלאָנדזשעט אין גאַס.
9. אַ קליין קינד וואָס וויינט.
10. אַ וואָלף וואָס אים האָט זיך געשטעלט אַ ביין אין האַלדז.

וואָס וועמען עס פעלט?

פאַר דער פראַגע ניץ אויס די ווערטער פון דער ערשטער ריי; פאַר דעם ענטפער — די ווערטער פון דער צווייטער ריי. ענטפער מיט אַ זאַץ.

מוסטער:

— וואָס פעלט דעם (1) הונגעריקן?

— דעם הונגעריקן פעלט (2) ברויט.

געניטונג:

— וואָס פעלט דעם (1)

— דעם (1) פעלט (2).

(1)	(2)
1. הונגעריקן	געזונט
2. קראַנקן	געלט
3. שוואַכן	ברויט
4. נאַר	טאַטע-מאַמע
5. עלנטן	שׂכל
6. דאָרשטיקן	אַ בגד
7. נאַקעטן	כּוח
8. אָרעמאַן	געדולד
9. יתום	פריַינד
10. כּעסן	וואַסער

ייִדיש איז אַנדערש ווי ענגליש

ניט קיין

I have no book. איז אין ייִדיש: איך האָב ניט קיין בוך.

I haven't the book. איז אין ייִדיש: איך האָב ניט דאָס בוך.

געדענק: אין ערשטן זאַץ זאָג איך ניט וועלכן בוך איך האָב ניט, דעריבער שטעל איך צו דאָס וואָרט קיין. אין צווייטן זאַץ רעד איך וועגן אַ באַשטימטן בוך וואָס איך האָב ניט, דאַרף איך דעריבער ניט צושטעלן דאָס וואָרט „קיין".

איצט זאָג די וויַיטערדיקע זאַצן אין ייִדיש:

1. I have no pencil. 2. I do not have the pencil. 3. He has no money. 4. He does not have the money. 5. We have no time. 6. She has no desire (חשק) to play. 7. She does not want to do (מאַכן) her homework. 8. He hasn't made a single (איינציקן) mistake. 9. For a whole week we didn't have a lesson.

יום-טוב-מעשיות

לשנה טובה!

עס איז אָנגעקומען אַ נײַ יאָר, און אַז איין מענטש האָט באַגעגנט אַ צווייטן, האָט ער אים געוואונטשן: לשנה טובֿה! לשנה טובֿה! אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר, הייסט דאָס, זאָלט איר האָבן! און דער צווייטער האָט אים געענטפערט: גם אתם! דאָס הייסט, אײַך אויך!

בעני האָט אויך אַזוי געטאָן, און וועמען ער האָט באַגעגנט פון זײַנע חבֿרים, האָט ער צו אים געזאָגט: לשנה טובֿה! אַ גוט יאָר זאָלסטו האָבן! און מען האָט אים געענטפערט: דו אויך!

אַ נײַ יאָר, אַ נײַ יאָר! אַלע האָבן גערעדט פון דעם נײַעם יאָר און געוואונטשן זיך, אַז דאָס נײַע יאָר זאָל זײַן בעסער פון דעם אַלטן. אַלע האָבן געבעטן אַ גוט יאָר און בעני אויך, נאָר בעני האָט געטראַכט, ווי זעט מען אים, אָט דאָס נײַע יאָר, טאַקע זען, אַזוי ווי מע זעט אַ מענטשן, און בעטן אים, ער זאָל זײַן גוט.

מילא אויפן וואָר האָט בעני ניט געקענט זען דאָס נײַע יאָר, אַזוי ווי מע קען זען אַ מענטשן, אָבער אַז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז ער אַוועק קיין חלום-לאַנד, דאָרטן וואו ער זעט אַלצדינג, וואָס ער קען ניט זען אויפן וואָר. בעני איז ניט געגאַנגען אַליין, נאָר ער האָט מיט זיך גענומען אויך זײַן שוועסטער פעני און זײַן חבֿר מעני.

זײַנען אַלע דרײַ קינדער אָנגעקומען קיין חלום-לאַנד. זוכן זיי און זוכן דאָס נײַע יאָר און קענען עס ניט געפינען. קומט אָן אַן אַלטער מאַן אין דרײַען געבויגן, מיט צוויי זעק אויף די אַקסלען, איינער אַ ווײַסער זאַק און איינער אַ שוואַרצער זאַק, און מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. זעט דער אַלטער מאַן ווי די קינדער גייען און זוכן. רופט ער זיך אָן צו זיי:

— וואָס זוכט איר, קינדער? דעם נעכטיקן טאָג?

ענטפערט בעני: — ניין, מיר זוכן דאָס נײַע יאָר.

מאַכט דער אַלטער: — יאָ, איר זוכט דאָס נײַע יאָר? ער וועט טאַקע באַלד אָנקומען, גלײַך נאָך מיר.

פרעגט בעני: — און ווער זייט איר, אלטער מאן?
ענטפערט דער אלטער: — איך בין דאס אלטע יאר.
פרעגט בעני: — און וואס טראגט איר אין דיביידע זעק?
ענטפערט דער אלטער:
— אין דעם ווייסן זאק טראג איך די טעג און אין דעם שווארצן זאק טראג איך די נעכט, דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג און דריי הונדערט פינף און זעכציק נעכט וואס איך האב פארבראכט ביי אייך.
פרעגט בעני:
— און קיין גוטע זאכן און קיין שפילכלעך האט איר ניט?
ענטפערט דאס אלטע יאר:
— דאס האב איך אלץ צעטיילט, פאר-א-יארן נאך, בעת איך בין געקומען. איצטער האב איך גארניט, איצטער וועט אייך שוין דאס נייע יאר געבן. אט ווען איך וועל אוועקגיין און ניט ווערן, וועט ער קומען.
טראכט בעני:
— טא גיי טאקע גיכער אוועק!
און זיי האבן גענומען זינגען:
גיי אוועק, אלטער יאר,
מיט דיינע לאנגע ווייסע האר!
גיי אוועק מיט די זעק,
דיינע נעכט, דיינע טעג!
אלטער יאר, גיי אוועק,
פארן נייעם יאר מאך א וועג.
און דאס אלטע יאר איז אוועק, און די קינדער האבן אים נאכגעקוקט, און זיי האבן געקוקט און געקוקט, ביז זיי האבן אים שוין מערניט געקענט זען. דאס אלטע יאר איז ניט געווארן, און באלד האט זיך דערהערט דאס בלאזן פון א שופר:
טרו! טרו! א!
דאס נייע יאר איז דא!
און בעני און מעני האבן א קוק געטאן: ערשט טאקע, דאס נייע יאר איז שוין דא, א יינגעלע אזוי ווי בעני און מעני, טאקע ניט גרעסער פון זיי. האבן זיך די קינדער דערפרייט מיט אים און גענומען טאנצן און זינגען:
טרו! טרו! א!

דאָס נײַע יאָר איז דאָ!
גענקומען איז דאָס נײַע יאָר.
ווי אין חלום אויפן וואָר.
נײַער יאָר, נײַער יאָר,
זאָג אונדז נאָר, זאָג אונדז נאָר:
וואָס וועסטו אונדז געבן?

— גליק און פרייד און לעבן! — האָט געענטפערט דאָס נײַע יאָר.

מאַכט בעני:

— דאָס איז גוט! אָבער מיר זײַנען צוויי יינגעלעך און אַ מיידעלע און מיר ווילן זיך שפּילן, וואָס זשע וועסטו אונדז געבן?

האָט געטראַכט דאָס נײַע יאָר, געטראַכט און געטראַכט און זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס ניט, קינדער. זאָגט איר אַליין, וואָס איר ווילט, וועל איך אײַך געבן.

האָבן די קינדער געטראַכט און געטראַכט, וואָס זיי זאָלן בעטן, און עס האָט זיי גענומען זייער לאַנג צו טראַכטן, ווײַל זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ סך זאַכן און זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס פריִער צו בעטן. רופט זיך אָפּ דאָס נײַע יאָר:

— קינדער, קינדער, טראַכט אַ ביסל גיכער, וואָרעם איך האָב קיין צײַט ניט, אַ סך מענטשן וואַרטן אויף מיר, און איך דאַרף אַלעמען געבן, געבן לעבן און צום לעבן.

האָבן די קינדער גענומען טראַכטן גיכער. אָבער עס האָט זיך זיי אַלץ געוואָלט אַ סך זאַכן און זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס פריִער צו בעטן.

רופט זיך אָפּ דאָס נײַע יאָר:

— קינדער, איך קען מערניט וואַרטן, טאָ ווייסט איר גאָר וואָס? אַזוי ווי איר זײַט גוטע קינדער, טאָ נאַט אײַך דעם שליסל צו מײַן אוצר, וואו עס ליגן אַלע גוטע זאַכן, און ווען איר וועט עפּעס וועלן וועט איר קומען אַהין און נעמען.

האָט בעני גענומען דעם שליסל, ווײַל ער איז דאָך געווען דער פירער, און אויפן שליסל איז געווען אָנגעשריבן „לשנה טובה”.

— קומט איצטער אַהיים, — האָט בעני געזאָגט.

זײַנען די קינדער געגאַנגען אַהיים איבער אַ בריק, האָבן זיי דערזען אַ שיפל אין טײַך, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט קוקן, און בעני האָט זיך

אזוי פארקוקט אויפן שיפל, אז ער האט פארגעסן אן דעם שליסל, וואס ער האט געהאלטן אין האנט, און דער שליסל האט זיך ביי אים ארויסגע־גליטשט פון האנט און איז ארײַנגעפאלן אין טײַך.

בעני האט זיך דעמאלט געכאפט.

— אוי! דער שליסל איז ארײַנגעפאלן אין טײַך! — האט ער א געשריי געטאן און זיך צעוויינט, און מעני און פעני האבן אויך גענומען וויינען.

— וואס וועלן מיר איצטער טאן אן א שליסל? — האבן זיי אלע דרײַ געשריִען.

האט עס דערהערט א פיש וואס איז פארבײַגעשוואומען, האט ער ארויסגעשטיקט דעם קאפ און געפרעגט: — קינדער, וואס וויינט איר?

האבן די קינדער אים דערציילט וואס עס האט געטראפן. האט דער פיש צו זיי געזאגט:

— וויינט ניט, קינדער, איך וועל זיך אראפלאזן אויפן גרונט און געפינען אײַך דעם שליסל. גייט נאר ארונטער אויפן ברעג און ווארט, ביז איך וועל צו אײַך צושווימען מיטן שליסל.

זײַנען די קינדער ארונטער אויפן ברעג און האבן געווארט. באלד איז טאקע דער פיש צוגעשוואומען צום ברעג מיטן שליסל אין מויל.

— נאט אײַך דעם שליסל, — האט דער פיש געזאגט צו די קינדער, — און האט אײַך א גוט יאר!

— און דו אויך! — האבן די קינדער געענטפערט און זיי זײַנען אוועק פריילעכע אהיים. אבער ווען זיי זײַנען געקומען אהיים, האט זיך בעני שוין אויפגעכאפט פון שלאף.

לעאן עלבע.

וואס באטײַט?

1. ראש־השנה (ראשעשאנע) — דאס יידישע נײַ־יאר. 2. לשנה טובה (לעשאנע טויווע) — איר זאלט האבן א גליקלעך יאר. 3. גם אתם (גאם אטעם) — איר אויך, אזוי ענטפערט מען איינעם וואס ווינטשט א שנה־טובה. 4. מילא (מיילע) — נו, זאל שוין זײַן אזוי. 5. אויפן וואר — אין דער אמת, אין לעבן, ניט אין חלום, in reality. 6. חלום (כאלעם) — dream. 7. זוכן דעם נעכטיקן טאג — זוכן דאס וואס איז מער ניטא. 8. מאכט דער אלטער — זאגט דער אלטער. 9. שופר (שויפער) — דער הארן מיט וועלכן מען בלאזט אום ראש־השנה; מע זאגט מיט דעם אן, אז א נײַ יאר איז געקומען. 10. אן אוצר (אויצער) — treasure.

ראש־השנה	לשנה טובה	גם אתם	מילא	חלום	שופר	אוצר

פראַגעס:

1. וואָס האָבן זיך מענטשן צום נײַעם יאָר געוואונטשן? 2. וואָס האָט מען געזאָגט? 3. ווי האָט מען געענטפערט? 4. וואָס פאַר אַ שיינעם חלום האָט בעני געהאַט? 5. וועמען, האָט זיך אים געחלומט, האָט ער באַגעגנט? 6. ווי האָט אויסגעזען דאָס אַלטע יאָר? ווי האָט אויסגעזען דאָס נײַע יאָר? 7. וואָס האָט דאָס אַלטע יאָר געטראָגן אין די זעק? 8. פאַר וואָס האָבן די קינדער גאָרנישט געקראָגן פון דעם נײַעם יאָר? 9. וואָס האָט זיי דאָס נײַע יאָר צום סוף געגעבן? 10. וואָס איז געשען מיטן שליסל צום אוצר? 11. פאַר וואָס האָבן זיך די קינדער שטאַרק צעוויינט? 12. ווער האָט פאַר די קינדער צוריקגעקראָגן דעם שליסל צום אוצר? 13. וואָס איז ווײַטער געשען מיט בענין?

וואָס אַ פוילער קען זיך פאַרגינען!

וויפל זאַצן קענסטו מאַכן?

מילא	וועל איך ניט	קומען
	וועל איך אַן אַנדער מאָל	זינגען
	וועל איך מאָרגן	שרײַבן
	וועל איך שפּעטער	לייענען
	וועל איך גאָרנישט	עסן
		זאָגן
		קויפן
	וועט (בערל)	ברענגען

אַז מע רעדט דערעדט מען זיך!

אַז ענדיקט די זאַצן. טראַכט צו פראַגעס צו די זאַצן, וואָס איר וועט קריגן.

1. עס קען זײַן, אַז... 2. עס איז גוט, אַז... 2. עס איז שלעכט, אַז... 4. איך האָב געהערט, אַז... 5. איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז... 6. דו האָסט מיר שוין איין מאָל דערציילט, אַז... 7. איך האָב באַמערקט, אַז... 8. עס איז גאָרניט אמת, אַז... 9. דו זאָגסט מיר, אַז... 10. איך ווייס, אַז... 11. איך האָף, אַז... 12. מיין ניט, אַז...

בענים זיידע מאַכט אַ סוכּה

בענים זיידע האָט אויפגעשטעלט אַ פײַנע סוכּה.

— אַ, זאָל כאָטש קיין רעגן ניט גיין — האָט ער געזאָגט — וועלן מיר קאָנען זיצן אין סוכּה.

— און איך וועל אויך זיצן? — האָט בעני געפרעגט.

— אַז דו וועסט זײַן אַ מענטש, וועסטו זיצן אין סוכּה, — האָט דער זיידע געענטפערט.

— איך וועל זײַן אַ מענטש — האָט בעני צוגעזאָגט.

— גוט, וועסטו זיצן אין סוכּה — האָט דער זיידע געענטפערט, — נאָר עס זאָל קיין רעגן ניט גיין!

— עס וועט ניט גיין! עס וועט ניט גיין!

בעני האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט זיצן אין סוכּה, און ער האָט געערעדט אַ גאַנצן טאָג וועגן דעם, געערעדט און געקוקט אויפן הימל. און אויפן הימל האָבן זיך גראָד באַוויזן וואָלקנס. בעני האָט זיך גענומען שרעקן, טאָמער וועט גיין אַ רעגן.

אַז עס איז געקומען אין אָוונט און מען האָט געדאַרפט גיין אין דער סוכּה, האָט גענומען טריפן אַ רעגן. האָט בעני געבעטן זיך בײַם רעגן:

רעגן, רעגן, גיי אַוועק
פון די סוכּותדיקע טעג.
קום אַן אַנדער מאָל צו גיין.
בעני וויל אין סוכּה גיין.

אָבער דער רעגן האָט ניט געהערט און האָט ניט אויפגעהערט צו גיין.

— מיר וועלן שוין הײַנט אין סוכּה ניט זיצן! — האָט דער זיידע געזאָגט.

בעני האָט זיך צעוויינט, און דער זיידע האָט אים געזאָגט:

— וויין ניט, בעני! מאָרגן איז אויך אַ טאָג, אפשר וועט מאָרגן זײַן שיין, און אויב ניט, איז איבער מאָרגן. מיר האָבן זיבן טעג צו זיצן אין סוכּה.

בעני האָט אויפגעהערט צו וויינען, אָבער פאַרדראָסן האָט אים אַלץ, וואָס מע קאָן ניט גיין אין סוכּה עסן, און אַז מען האָט אָפּגעגעסן די יום-טובֿדיקע וועטשערע איז ער געגאַנגען אַן אומעטיקער שלאָפן.

נאָר ווי ער איז איינגעשלאָפן, אַזוי איז ער אַוועק קיין חלום-לאַנד אין איינעם מיט זײַן שוועסטער פּעני און מיט זײַן חבֿר מעני. און גייענ־דיק האָט ער געהאַלטן שטייף אין האַנט דעם שליסל, וואָס דאָס נײַע יאָר האָט אים געגעבן צו דעם אוצר פון די אַלע גוטע זאַכן.

גייען זיי זאַלבעדריט, און דאָ נעמט גיין אַ רעגן. רופט זיך אָן מעני:

— עס גייט דאָך אַ רעגן.

ענטפערט בעני:

— אַז מיר וועלן קומען אין חלום-לאַנד, וועט קיין רעגן ניט גיין. דאָרטן איז שיין!

גייען זיי ווײַטער. גייען זיי און גייען, דערזעען זיי אַ סוכּה אין מיטן וועג און לעבן דער סוכּה שטייט דער זיידע און וויינט. רופט זיך אָן בעני:

— גוט יום-טובֿ, זיידע! וואָס וויינסטו?

ענטפערט דער זיידע:

— ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז עס איז סוכּות, און עס גייט אַ רעגן. מיר קאָנען דאָך אין סוכּה ניט זיצן, האָבן מיר דערווײַל אַ פאַר־שטערטן יום-טובֿ.

מאַכט בעני:

— וויין ניט, זיידע! קום מיט אונדז אין חלום-לאַנד, דאָרטן גייט קיין רעגן ניט, וועסטו קאָנען זיצן אין סוכּה.

זאָגט דער זיידע: — ווייסט אויף געוויס, אַז דאָרטן גייט קיין רעגן ניט?

ענטפערט בעני: — אויף געווים, אויף געווים. און אָט, זעסטו, האָב איך דעם שליסל צו די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דאָס נײַע יאָר האָט באַהאַלטן אין זײַן אוצר. קום מיט אונדז, זיידע, וועסטו האָבן אַ פריי־לעכן יום-טובֿ.

רופט זיך אָן דער זיידע:

— גוט, איך וועל גיין מיט אײַך, קינדער, אָבער וואָס טו איך מיט דער סוכּה?

ענטפערט בעני:

— די סוכּה קאָן מען נעמען מיט זיך. מיר וועלן זי טראָגן.

מאַכט דער זיידע:

— ניין, איר זײַט צו יונג, קינדער, איר וועט ניט קאָנען טראָגן די סוכּה. איך וועל זי טראָגן.

מאַכט בעני:

אָבער, דו, זיידע, ביסט צו אַלט. עס איז ניט פאַר דײַנע יאָרן צו טראָגן אַזאַ משׂא.

זאָגט דער זיידע:

— נישקשה, איך בין טאַקע אַלט, אָבער איך האָב נאָך כּוח. אַט וועט טאַקע, קינדער.

און דער זיידע האָט אַ נעם געטאָן די סוכּה אויף די פּלייצעס און גע־טראָגן זי אַזוי ווי מע טראָגט עפּעס אַ גרינגע זאַך. דער זיידע איז גע־גאַנגען און די קינדער זײַנען אים נאָכגעגאַנגען און האָבן געזונגען:

דער זיידע זאָל לעבן,
דער זיידע זאָל לעבן,
גליק און יאָרן
זאָל גאָט אים געבן!

און זיי זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען ביז זיי זײַנען געקומען אין חלום־לאַנד, און דאָרטן איז טאַקע קיין רעגן ניט געגאַנגען, און דער זיידע האָט אַוועקגעשטעלט די סוכּה און געזאָגט:

— נו, קינדער, לאָמיר איצטער עסן אין סוכּה.

רופט זיך אָן בעני:

— וואַרט, זיידע, איך וועל גיין אַפּריִער ברענגען גוטע זאַכן.

פרעגט דער זיידע: — וואו וועסטו נעמען?

ענטפערט בעני:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זיידע, אַז איך האָב דעם שליסל צו דעם אוצר, וואו עס ליגן באַהאַלטן אַלע גוטע זאַכן פונעם נײַעם יאָר.

זאָגט דער זיידע: — גוט, נו גיי. מירן דאָ וואַרטן.

איז בעני אַוועק.

לעאָן עלבע.

וואָס באַטײַט?

1. טאָמער — אפשר. 2. וועטשערע — אָונטבּרויט, supper. 3. חלום (כאָלעם)־לאַנד — dream-land. 4. אוצר (אויצער) — treasure. 5. זאַל־בּעדריט — דרײַ צוזאַמען. 6. אַ פאַרשטערטער יום־טובֿ (יאָמטעוו) — אַ יום־טוב, ווען עס פּאַסירט אַ צרה (צאָרע) און מען קען זיך ניט פרייען.

1. וואָס האָט דער זיידע צוגעגרייט אויף סוכּות? 2. פאַר וואָס האָט זיך בּעני געשראָקן פאַרן רעגן? 3. וואָס איז געשען אין אָוונט? 4. ווי האָט דער זיידע געטרייסט דעם אייניקל? 5. וואָס האָט זיך בּענין געחלומט יענע נאַכט? 6. וועמען האָט בּעני באַגעגנט, ווען ער איז געגאַנגען אין חלום־לאַנד? 7. פאַר וואָס האָט דער זיידע געוויינט? 8. וואוהין האָט בּעני גערופן דעם זיידן? פאַר וואָס? 9. ווער האָט געטראָגן די סוכּה? 10. וואָס איז דערנאָך געשען אין חלום־לאַנד?

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

פאַר דעם ענגלישן וואָרט *put* זיינען דאָ עטלעכע יידישע ווערטער.

1. *Put* the glass on the table.	1. שטעל אָוועק די גלאָז אויפן טיש.
2. I *put on my* hat.	2. איך טו אָן מיין הוט.
3. *Put* the book on the table.	3. לייג אָוועק דאָס בוך אויפן טיש.
4. *Put out* the fire.	4. לעש אויס דאָס פײַער.
5. He *puts* his hands into his pockets.	5. ער שטעקט אַרײַן די הענט אין די קעשענעס.
6. He always *puts* the blame on somebody else.	6. ער וואַרפט שטענדיק די שולד אויף אַן אַנדערן.
7. *Put* the letter in the letter-box.	7. וואַרף אַרײַן דעם בריוו אין בריווקעסטל.

זעץ איבער אויף יידיש:

1. Please (זײַ אַזוי גוט) put the chair in the corner (ווינקל). 2. The mother puts him to bed (שלאָפן). 3. Put on the blue dress. 4. The little boy puts away his toys. 5. Put the book back (צוריק) on the table. 6. Put out the candle. 7. Do not put the blame (שולד) on your friend. 8. Put the pot on the stove. 9. Put the pen into the penholder (האַלטער). 10. Put the crumbs (ברעקלעך) into the basket (קערבל).

בענים זיידע הוליעט

בעני איז אַוועק אין חלום־לאַנד נאָך די גוטע זאַכן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דעם אוצר פֿון דעם נײַעם יאָר. מיט אים איז געגאַנגען, ווי שטענדיק, זײַן שוועסטער פֿעני און זײַן חבר מעני. אָן זיי גייט ער קיין מאָל ניט. ס'איז פֿריילעכער.

זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זײַנען צוגעקומען צום אוצר, און דער אוצר איז געווען פֿאַרשלאָסן. דאָס נײַע יאָר האָט דאָך אָבער בענין געגעבן דעם שליסל צום אוצר. וויל בעני אַרויסנעמען דעם שליסל פֿון קעשענע, ערשט עס איז ניטאָ קיין שליסל! זוכט ער אין אַ צווייטער קעשענע, — ווידער ניטאָ! זוכט ער אין אַ דריטער — אויך ניטאָ! זוכט ער אין אַ פֿערטער — ווײַטער ניטאָ! און מער קיין קעשענעס האָט ער ניט. וואָס זשע זאָל ער טאָן? זאָגט ער צו מענין:

— זוך, מעני, בײַ דיר אין די קעשענעס, אפֿשר האָב איך דיר אָפּ־געגעבן דעם שליסל?

— האָט מעני געזוכט אין זײַנע קעשענעס, און אויך ניט געפֿונען. זאָגט בעני צו פֿענין:

— זוך, פֿעני, בײַ דיר אין די קעשענעס.

— מאַכט פֿעני:

— איך האָב אין גאַנצן איין קעשענע, און זי איז אַ צעריסענע. איך געדענק אָבער, אַז דו האָסט מיר דעם שליסל ניט געגעבן. דו האָסט אים אַליין באַהאַלטן.

זאָגט בעני:

טאַ וואו זשע קען זײַן דער שליסל?

מאַכט פֿעני:

— דו האָסט אים געמוזט פֿאַרלירן, אַזוי ווי פֿריִער.

און מעני זאָגט אויך:

— האָסט אים געמוזט פֿאַרלירן.

מאַכט בעני:

— און אפֿשר האָב איך אים גאָר פֿאַרגעסן אין דער היים?

מאַכט מעני:

— דאָס קאָן אויך זײַן.
און פעני זאָגט אויך:
— דאָס קען אויך זײַן.
זאָגט בעני:
— נו, אויב אַזוי, טאָ לאָמיר גיין צוריק. עס איז אַפּילו אַ שאָד, וואָס מיר דאַרפֿן גיין אַן איבעריק מאָל, אָבער וואָס קען מען טאָן? אָן דעם שליסל קענען מיר דאָך דעם אוצר ניט עפֿענען.

זײַנען זיי געגאַנגען צוריק אַהיים נאָכן שליסל. קומען זיי אַהיים, ערשט עס איז אַ גאַנצע שׂמחה, אַלע פֿרייען זיך און הוליען און טאַנצן און שפּרינגען און זינגען, און דער זיידע מער פֿון אַלעמען.

ווי דער זיידע האָט דערזען די קינדער, אַזוי האָט ער זיי גערופֿן:
— קומט, קינדער! קומט טאַנצן! הײַנט איז שׂמחת־תּורה; הײַנט דאַרף מען זיך פֿרייען.

האָבן די קינדער זיך פֿאַרגעסן אָן דעם שליסל און זיי זײַנען צוגע־לאָפֿן צום זיידן, און דער זיידע האָט זיי אַרײַנגענומען אין ראָד און זיי האָבן געטאַנצט מיט אַלעמען גלײַך.

און די ראָד, זי דרייט זיך,
און דער זיידע פֿרייט זיך.
און די ראָד ווערט גרעסער,
שליסן זיך די שלעסער.
נעמט דער זיידע זינגען,
און אַלע טאַנצן, שפּרינגען.
און די ראָד, זי דרייט זיך,
און דער זיידע פֿרייט זיך.
דער זיידע הייסט אונדז הוליען
און נעמט אַליין זיך קוליען.

קונצן נעמט ער ווײַזן —
שטאַרק איז ער ווי אײַזן!
דרייט זיך ווי אַ בייגל,
פֿלינקער פֿון אַ פֿויגל.
אַזוי איז ער, דער זיידע,
הייבט די פֿיס, די ביידע.
שרײַט: „אַהער אַ כּוסע!
ס'איז אַ פֿרייד אַ גרויסע!
נעמט דער זיידע זינגען
און אין אַ טעצל קלינגען.

און דער זיידע גיט דערנאָך די קינדער פֿאָנען, שׂמחת־תּורה־פֿאָנען, פּאַפּירענע פֿאָנען מיט לייבן אויסגעמאָלט, מיט קרוינען אויף די קעפּ פֿון לייבן, וואָרעם דער לייב איז דאָך אַ קיניג, דער קיניג פֿון אַלע חיות. און די קינדער פֿרייען זיך שטאַרק מיט די פֿאָנען און זיי מאַרשירן מיט די פֿאָנען און זינגען:

שׂמחת־תּורה, האָפּ! האָפּ! האָפּ!
פֿיס אַרויף, קאָפּ אַראָפּ!

און דער זיידע שרײַט:

— לעבעדיקער, קינדער, לעבעדיקער!

און די קינדער גייען אַוועק אַ טענצל, צווינגענדיק דערבײַ:

דער זיידע האָט געהייסן פריילעך זײַן,

ביזן גרויסן טאָג אַרײַן!

און זיי הוליען שטאַרק און לאַנג, און דער זיידע מיט זיי, און עס נעמט גאָר קיין סוף ניט. אין מיטן דערינען אָבער דערמאָנט זיך בעני נאָך וואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים: נאָך דעם שליסל! זאָגט ער דאָס דעם זיידן. זאָגט צו אים דער זיידע:

— דער שליסל איז דאָך בײַ מיר אין קעשענע!

און דער זיידע נעמט גלײַך אַרויס דעם שליסל און גיט אים.

פרעגט בעני:

— ווי אַזוי קומט צו דיר, זיידע, דער שליסל?

— ענטפערט דער זיידע:

— איך האָב אים געפונען אונטער דײַן בעט.

און דער זיידע זאָגט צו אים דערנאָך:

— אַז מען האָט אַזאַ טײַערן שליסל, דאַרף מען אים היטן, היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

זאָגט בעני:

— איך וועל שוין ווײַטער היטן. נו, און איצטער, זיידע, וועלן מיר גיין נאָך די גוטע זאַכן. מירן באַלד קומען צוריק און מירן ווײַטער הוליען. וואַרט, זיידע, אויף אונדז.

זאָגט דער זיידע:

— איך וועל וואַרטן, קינדער, אָבער איר זאָלט זיך ניט זאַמען.

— ניין, ניין! מירן זיך ניט זאַמען! — האָבן די קינדער געזאָגט און זיי זײַנען אַוועק.

אָבער דאָ האָט זיך בעני אויפגעכאַפּט.

לעאָן עלבע.

וואָס באַטײַט?

1. הוליעט — מאַכט זיך פריילעך. 2. קעשענע — pocket. 3. אַ גאַנצע שׂמחה (סימכע) — אַ גרויסע פרייד. 4. שׂמחת־תּורה (סימכעס־טוירע) — דער יום־טוב, ווען ייִדן פרייען זיך מיט דער תּורה. 6. פאָנען — flags. 7. לייבן — lions. 8. חיות (כאַיעס) — animals. 9. זיך ניט זאַמען — זיך ניט פאַרהאַלטן.

שׂמחה	שׂמחת־תּורה

פראגעס:

1. פאר וואס האבן די קינדער ניט געקענט אויפשליסן די טיר צום אוצר? 2. וואוהין זיינען די קינדער אוועק? 3. וואס האבן זיי געטראפן אין שטוב? 4. וואס האט דער זיידע געגעבן די קינדער? 5. ווי האבן זיך אלע געפרייט מיטן יום-טוב? 6. ווער האט געהאט דעם שליסל צום אוצר?

מיט וואס פרייען זיך יידן שמחת-תורה?

שבת פאר נאכט

ער גייט שוין אוועק זיך,
דער הייליקער שבת,
און שטיבל ווערט פינצטער,
און שטיבל איז שטיל;
עס שעפטשעט די מאמע:
„אך גאט פון אברהם" —
זי שעפטשעט די תפילה
מיט הארץ און געפיל.

אך גאט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב,
פארנעם דאך מיין תפילה
אין הימלס געצעלט —
און שיק מיר פרנסה,
און ריכט אויף מיין מזל,
און ליכטיק זאל ווערן
מיין פינצטערע וועלט...

יעקב אדלער.

שבת	תפילה	אברהם	יצחק	יעקב	פרנסה	מזל

וואס באטייט?

1. תפילה (טפילע) — prayer 2. פרנסה (פארנאסע) — livelihood.
3. מזל (מאזל) — luck.

יוסף דער שבת־היטער

א.



ײַ אַ רײַכן פּריץ האָט אַמאָל געוואוינט אַן אָרעמער ייִד יוסף. ער האָט געאַרבעט אין די פעלדער, סעדער און ווײַנגערטנער פון דעם פּריץ. דער פּריץ איז געווען אַ שלעכטער — און האָט יוספן געניט צו טאָן די שווערסטע אַרבעט פון פרימאָרגן ביז בײַ נאַכט, און פלעגט אים נאָך אָפּנאַרן בײַם באַצאָלן.

אָט דער אָרעמער ייִד האָט געטרײַ אָפּגעהיט שבת. אַ גאַנצע וואָך פלעגט יוסף און זײַן הויזגעזינד עסן נאָר ברויט מיט וואַסער, אָבער אויף שבת פלעגט ער אָנגרייטן פאַר דעם לעצטן גראָשן פיש און פלייש און זיך איבערטאָן אין שיינע קליידער. און דערפאַר האָבן אים אַלע, ווער עס האָט אים געקענט, טאַקע אַ נאָמען געגעבן: יוסף דער שבת־היטער.

יוסף האָט זײַן באַלעבאָס געטרײַ געדינט, און דער פּריץ איז פון טאָג צו טאָג רײַכער געוואָרן.

ב.

איין מאָל חלומט זיך דעם פּריץ אַ חלום, אַז אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרײַז־גרויער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן מאַנטל, איז אַרײַן אין זײַן פּאַלאַץ.

דער אַלטער האָט זיך גענומען בייזערן אויף אים דערפאַר, וואָס ער נייט יוספן אַזוי שווער צו אַרבעטן, און צום סוף האָט ער געזאָגט: „דײַן גאַנץ האָב־און־גוטס האָט דיר יוסף אַרײַנגעבראַכט, צו אים וועט דאָס מיט דער צײַט געהערן".

דער פּריץ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ צעשראָקענער: „ווי זאָל איך אָפּראַטעווען מײַן גוטס פון דעם ייִדנס הענט?" — האָט ער לאַנג געקלערט. און צום סוף האָט ער באַשלאָסן: איך וועל פאַרקויפן אַלע מײַנע גיטער, מײַנע פעלדער און וועלדער און פאַר דעם געלט וועל איך קויפן

אַ טײַערן אײדלשטײן, און דעם שטײן װעל איך שױן קענען אױסהיטן פֿון דעם ייִדנס הענט.

געזאָגט און געטאָן. ער האָט זײַן גאַנץ אײגנס געמאַכט צו געלט, און פֿאַר דעם געלט האָט ער געקױפֿט אַ זײער טײַערן דימענט און אים אײַנגענײט אין זײַן היטל.

— איצט װעט שױן יוסף אַ ביסל װאַרטן, ביז ער װעט קומען צו מײַן גוטס! — האָט זיך דער פּריץ געטראַכט אין האַרצן.

ג.

אײן מאָל איז דער פּריץ געגאַנגען איבער אַ בריק. האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שטאַרקער װינט, האָט אים אָפּגעריסן דאָס היטל פֿון קאָפּ און פֿאַרטראָגן אין טײַך אַרײַן. איז געקומען צו שװימען אַ גרױסער פֿיש און אײַנגעשלונגען דעם טײַערן שטײן. איז געקומען אַ פֿישער צום טײַך און האָט דעם פֿיש געכאַפּט. דער פֿישער האָט דעם פֿיש געבראַכט אין שטאָט אַרײַן צו פֿאַרקױפֿן, נאָר קײנער האָט אים ניט געװאָלט קױפֿן, װײַל דער פֿישער האָט געבעטן פֿאַר אים אַ גרױסן פּרײַז.

טראַכט זיך דער פֿישער: — איך װעל אָקאָרשט אַרײַנגײן צו יוספֿן. אָט דער אָרעמאַן קאַרגט ניט קײן געלט אױף פֿיש אױף שבת.

יוסף האָט געקױפֿט דעם פֿיש. אַז מען האָט דעם פֿיש געמאַכט אױף שבת האָט מען אין אים געפֿונען דעם דימענט.

נאָך שבת האָט יוסף פֿאַרקױפֿט דעם טײַערן שטײן און איז געװאָרן אַ גרױסער גביר.

(פֿאָלקס־מעשׂה).

פֿראַגעס:

1. װער איז געװען יוסף? 2. פֿון װאָס האָט ער געלעבט? 3. װי האָבן אַלע גערופֿן יוספֿן? 4. פֿאַר װאָס האָט מען אים אַזױ גערופֿן? 5. װאָס האָט זיך דעם פּריץ אײן מאָל געחלומט? 6. װאָס האָט דער שלעכטער פּריץ געטאָן? 7. װאָס האָט ער געטראַכט אין האַרצן? 8. װאָס האָט מיטן פּריץ אײן מאָל געטראָפֿן? 9. װי איז יוסף געװאָרן אַ גרױסער גביר?

געפֿינט די שטעל: 1) וואָס דערציילט וועגן יוספֿס שווער לעבן, 2) וואָס באַווייַזט די שלעכטקייט פֿון דעם פּריץ, 3) וואָס דערקלערט פֿאַר וואָס דער פֿישער איז אַוועק צו יוספֿן.

וועלכער מאָמענט פֿון דער מעשׂה איז דער שענסטער?

פּריץ	חלומט	חלום	גבֿיר

וואָס באַטייַט?

1. פּריץ (פּאָרעץ) — nobleman. 2. מעדער orchards. 3. ווייַנ־גערטנער — vineyards. 5. חלומט (כאָלעמט) dreams. 5. חלום (כאָלעם) — dream. 6. גרייַז־גרוי — שטאַרק גרוי. 7. מאַנטל — overcoat. 8. האָב־און־גוטס — פֿאַרמעגן, אַלץ וואָס אַ מענטש האָט. 9. גיטער — estates. 10. וועלדער — forests. 11. איידלשטיין — טייַערער שטיין. 12. אייגנס — דאָס וואָס מען האָט. 13. קאַרגט ניט — spends freely. 14. דימענט — diamond. 15. גבֿיר (גווירַ) — רייַכער מענטש.

ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן!

וואָס מע קען דאָס אָנשרייַבן!
ווער קאָן דאָס אַלץ אויספּלאָנטערן?

ס'איז זייער גרינג אויסצופּלאָנטערן. איין וואָרט אין זאַץ דאַרף מען פֿאַרבייַטן מיט אַן אַנדער וואָרט, אָדער מען שטעלט איבער די ווערטער.

1. אַ סוכּה איז געפֿלויגן אין דער לופֿטן און קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט.
2. נאָך סוכּות האָבן די קינדער געוואַרט אויף ראש־השנה, ווייַל זיי האָבן געוואָלט זיצן אין סוכּה.
3. אונדזער מויז האָט געכאַפּט אַ קאַץ און זיך באַהאַלטן אין ווינקעלע.
4. **שׂמחת־תּורה** זייַנען די קינדער געגאַנגען הערן בלאָזן שופֿר.
5. דער זיידע האָט געזאָגט „גוט יום־טובֿ" און איז אַרויס דורכן פֿענצטער.
6. די חיות און פֿייגל אויף די שׂמחת־תּורה־פֿאָנען זייַנען אמתע, ניט קיין אויפֿגעמאָלענע.
7. ראש־השנה בייַ נאַכט האָט אַ הויז גענומען ברענען זייַנען געקומען די פֿייַער־לעשערס און עס גיך גענומען באַשפּריצן מיט פֿייַער.



דאָס וואונדערלעכע פײַפל

א.

נישט ווײַט פון אַ גרויסן וואַלד איז געשטאַנען אַ קליין דערפל. בײַם אַנהייב דאָרף איז געשטאַנען אַ קליין אָרעם הײַזל. אין הײַזל האָט געוואוינט טביה דער האָלצהעקער און פיר קינדערלעך. טביה דער האָלצהעקער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.

איין מאָל, פאַר נאַכט, האָבן אין טביהס טיר אָנגעקלאַפּט דרײַ אַלטע ייִדן, אָרעמעלײַט. ווען טביה האָט זיי געעפנט די טיר, האָבן זיי געבעטן אַ שטיקל ברויט און נאַכטלעגער.

— אַך, גוטע מענטשן, — האָט טביה צו זיי געזאָגט, — איך האָב נאָר איין בעט פאַר די קינדער. צו עסן האָב איך בלויז קאַרטאָפל און אַ שטיקל שוואַרץ־ברויט. נאָר עס מאַכט נישט אויס, קומט, עסט עפּעס און לייגט זיך שלאָפן.

די דרײַ אָרעמעלײַט האָבן געגעסן מיט גרויס חשק, דערנאָך זיך אַנידערגעלייגט און באַלד אײַנגעשלאָפן.

ב.

אין דער פרי האָט איינער פון די אָרעמעלײַט געזאָגט, אַז זיי ווילן אים באַצאָלן פאַר זײַן גוטסקייט. נאָר טביה האָט קיין געלט נישט געוואָלט נעמען. האָט דעמאָלט דער צווייטער אָרעמאַן געזאָגט:

— דערפאַר וועלן מיר דיר געבן אַ מתנה, וואָס איז טײַערער פון געלט: נאַ דיר אַ פײַפעלע. אַז דו וועסט עפּעס וועלן, זאָלסטו אַ פײַף טאָן, וועסטו באַלד האָבן וואָס דו פאַרלאַנגסט. נאָר זע, דו זאָלסט שטענדיק זײַן גוט צו אָרעמעלײַט.

די אָרעמעלײַט זײַנען אַוועקגעגאַנגען. קוקט טבֿיה דער האַלצהעקער אויפֿן פֿײַפֿעלע און לאַכט:

— צו וואָס טויג מיר אַ פֿײַפֿעלע? איך בין דאָך נישט קיין קינד. נאָר איך וועל פּרוּוון פֿײַפֿן. איך וויל, אַז אויפֿן טיש זאָלן איצט שטיין זעמל מיט מילך, מיט אייער און פּוטער...

טוט ער אַ פֿײַף — און גלײַך שטייט אויפֿן טיש אַלץ, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, און עס ליגט נאָך אַ שיין זיל־בערן מעסער מיט זילבערנע לעפֿעלעך און מיט אַ גאָלדן זאַלצמעסטל. האָט טבֿיה שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָסט פֿײַפֿל. און אַז ער האָט נאָר עפּעס באַ־דאַרפֿט, איז גענוג געווען, ער זאָל אַ פֿײַף טאָן, איז שוין אַלץ געשטאַנען אויפֿן טיש.

ג.

גייט זיך די צײַט, און טבֿיה דער האָלצהעקער איז שוין אַ גבֿיר געוואָרן. אויף דעם אָרט וואו עס איז פֿריִער געשטאַ־נען דאָס קליינע אײַנגעפֿאַלענע הײַזל, האָט טבֿיה אויסגע־בויט אַ גרויסן שיינעם פּאַלאַץ. לעבן פּאַלאַץ איז געווען אַ שיינער גאָרטן מיט אַלערליי בלומען, און אין מיטן גאָרטן האָט זיך געקײַקלט אַ קליין זילבערן וואַסערל, און אין וואַ־סערל האָבן זיך געשפּילט פֿישעלעך.

אַז דער פּאַלאַץ איז אין גאַנצן אויפֿגעבויט געוואָרן, האָט טבֿיה געמאַכט אַ גרויסן באַל. האָט ער צונויפֿגערופֿן אַלע פּריצים פֿון די דערפֿער און שטעט.

זײַנען אַלע געקומען, זיך אויסגעזעצט בײַ די לאַנגע טישן, געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואויל גיין. בײַם טויער פֿון פּאַלאַץ האָט טבֿיה אַוועקגעשטעלט דינערס, זיי זאָלן נישט אַרײַנלאָזן קיין אָפּגעריסענע, קיין אָרעמעלײַט, מע זאָל אים נישט שטערן די שׂמחה.

ד.

פּונקט דעם זעלבן אָוונט זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם פּאַלאַץ יענע דרײַ אָרעמעלײַט, וואָס האָבן געגעבן

טביהן דאָס פּײַפל. זעען זיי, אַז בײַ טביהן איז אַ שמחה. זאָגט אײנער: — לאָמיר אַרײַנגײן אַ קוק טאָן! לאָזט מען זיי אָבער נישט אַרײַן, און אַז זיי ווילן נישט אַוועקגײן, שיקט מען אַרויס אַ גרויסן הונט אויף זיי, וואָס רײַסט אָפּ בײַ אײנעם די קאַפּאָטע און בײַסט אײַן בײַם צווייטן אַ פינגער. גייען די אָרעמעלײַט אַוועק.

נאָר אין אַ רגע אַרום קומט אָן אַ גאָלדענע קאַרעטע, געשפּאַנט אין פיר פערד. פון קאַרעטע גײען אַרויס דרײַ פּאַרפּוצטע פּריצים מיט בריליאַנטן און גאָלדענע פינגערלעך אויף די הענט. עפנט מען באַלד טיר און טויער פאַר זיי. לויפט טביה זיי אַרויס אַנטקעגן און דערקענט אין זיי די אָרעמעלײַט, וואָס האָבן אים געגעבן דאָס פּײַפל. נאָר די אָרעמעלײַט האָבן געזאָגט:

„מיר ווילן נישט זײַן אויף קיין שמחה בײַ אַ ייִדן, וואָס לאָזט נישט אַרײַן צו זיך קיין אָרעמעלײַט". און אײנער האָט געוויזן די קאַפּאָטע, וואָס די הינט האָבן אים צעריסן.

דער עלטסטער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּײַפל, פּונקט אַזאַ ווי ער האָט געגעבן טביהן, אַ פּײַף געטאָן אײנס־צוויי־דרײַ — און באַלד איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער פּאַלאַץ מיטן גאָרטן, מיט אַלע טײַערע זאַכן, וואָס טביה האָט געהאַט, און עס איז ווידער געשטאַנען דאָס אַלטע אײַנגעפּאַלענע הײַזל.

און די דרײַ אַלטע לײַט זײַנען אַוועק. (פאָלקס־מעשה).

טביה	חשק	מתנה	גביר	פּריצים	שמחה	רגע

וואָס באַטײַט?

1. וואַלד — forest. 2. דערפל — village. 3. טביה (טעוויע) — אַ נאָמען. 4. האָלצהעקער — woodcutter. 5. נאַכטלעגער — אַן אָרט וואו איבערצושלאָפן די נאַכט. 6. קאַרטאָפל — potato. 7. מיט גרויס חשק (כיישעק) — געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. 8. מתנה (מאַטאָנע) — present. 9. זעמל — roll. 10. זאַלצמעסטל — salt-shaker. 11. פראָסט — אײנפאַך. 12. גביר (גוויר) — אַ רײַכער מענטש. 13. פּריצים — noblemen. 14. זיך געלאָזט וואוילגײן — געגעסן פון דעם בעסטן.

15. בײַם טויער — at the gate. 16. דינערס — servants. 17. שׂמחה — (סימכע) party. 18. קאַפּאָטע — אַ לאַנגער ראָק (coat) וואָס ייִדן פֿלעגן אַמאָל טראָגן. 19. רגע (רעגע) — second. 20. קאַרעטע — coach. 21. געשפּאַנט — harnessed. 22. פֿאַרפּוצטע — אָנגעטאָן אין שיינע קליי־דער. 23. בריליאַנטן — diamonds. 24. פֿינגערלעך — rings. 25. קע־שענע — pocket. 26. פֿאַרשוואונדן געוואָרן — ניט געוואָרן.

פֿראַגעס:

1. וואו האָט טבֿיה געוואוינט? 2. ווער האָט איין מאָל אָנגע־קלאַפּט אין טבֿיהס טיר? 3. פֿון וואָס קען מען זען, אַז טבֿיה איז געווען אַ פֿרײַנדלעכער מענטש? 4. פֿון וואָס זעט מען, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן? 5. וואָס פֿאַר אַ מתּנה האָבן די אָרעמעלײַט טבֿיהן איבערגעלאָזט? 6. ווי האָט טבֿיה אויסגעפֿונען, אַז די אָרעמעלײַט האָבן ניט געלאַכט פֿון אים? 7. ווי האָט טבֿיה געלעבט נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַ גבֿיר? 8. פֿון וועלכן טייל פֿון דער מעשׂה קען מען דאָס זען? 10. ווי האָבן די דרײַ אָרעמעלײַט טבֿיהן באַשטראָפֿט?

**
*

שטעל צונויף אַ פּלאַן פֿון דער מעשׂה. טייל אײַן די מעשׂה אין קלענערע טיילן. גיב אַ נאָמען יעדן טייל.

ווער ווייס?

1. ווען מאַכט אַ ייִד אַ שׂמחה ווען ס'איז אים גוט אויפֿן האַרצן, אָדער ווען עס איז אים ביטער אויפֿן האַרצן?

2. ווען פֿאַרלירט דער מענטש זײַן גאַנץ האָב־און־גוטס, ווען עס בלײַבט אים נאָך עפּעס, צי ווען ער בלײַבט מיט גאָרנישט?

3. ווען ווערט אַ ייִד אַ גבֿיר, ווען ער ווערט רײַך, צי ווען ער ווערט אָרעם?

4. ווען טוט אַ מענטש עפּעס מיט חשק, ווען ער וויל עס טאָן, צי ווען ער וויל עס ניט טאָן?

5. וועלכע מתּנה איז דיר ליבער, די מתּנה פֿון אַן אמתן פֿרײַנד, צי די מתּנה פֿון אַ פֿאַלשן פֿרײַנד?

6. ווער פֿאָרט אין אַ קאַרעטע, אַ גבֿיר, צי אַן אָרעמאַן?

7. וואָס גייט מען דורך פֿריִער, דעם טויער, צי די טיר?

8. ווען פֿאַרפּוצט זיך אַ מענטש, ווען ער גייט צו אַ שׂמחה, צי ווען ער גייט שלאָפֿן?

צוויי ברידער

אַמאָל האָבן געלעבט צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און ניט קיין קינדער; דער יינגערער האָט געהאַט אַ ווײַב מיט עטלעכע קליינע קינדער. זיי זײַנען געווען אָרעמע ערד־אַרבעטער, און חוץ זייער שטיקל ערד, אַ ירושה פֿון זייער פֿאָטער, האָבן זיי מער גאָרניט געהאַט. די ברידער האָבן ניט געוואָלט צעטיילן צווישן זיך די ירושה, ווײַל זיי האָבן זייער ליב געהאַט איינער דעם צווייטן. זיי פֿלעגן באַאַרבעטן די ערד ביידע צוזאַמען און פֿלעגן זיך דערנאָך צעטיילן מיט די גאַרבן פֿונקט אויף דער העלפֿט, און אַוועקלייגן די קופּעס גאַרבן יעדער לעבן זײַן געצעלט.

איין נאַכט נאָכן אָפּשנײַדן די תּבֿואה איז דער עלטערער ברודער געלעגן אויף זײַן געלעגער און ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן: ער האָט געקלערט וועגן זײַן ברודער: „ער איז מיט אַ פֿרוי און קינדער, אָבער איך בין מיר איין מענטש אויף דער וועלט, וואָס דאַרף איך? — אָפּעסן און גאָר! פֿאַר וועמען האָב איך צו זאָרגן? הײַנט ווי אַזוי זשע נעם איך דאָס פֿון דער תּבֿואה אַזאַ טייל ווי מײַן ברודער? דאָס איז קיין יושר ניט”. ער איז אויפֿגעשטאַנען אַרום האַלבע נאַכט פֿון זײַן געלעגער און האָט איבערגעלייגט אין דער שטיל אַ טייל פֿון זײַנע גאַרבן אין זײַן ברודערס קופּע. אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט, האָט ער זיך געלייגט אויפֿן געלעגער און איז גלײַך זיס אײַנגעשלאָפֿן.

אין דער זעלביקער נאַכט האָט אויך דער יינגערער ברודער ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. ער איז געלעגן און געטראַכט וועגן זײַן עלטערן ברודער: „אַ רחמנות אויף אים, ער איז נעבעך עלנט. איך האָב מיר אַ ווײַב מיט קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זײַן; אויף דער עלטער וועלן זיי מיך אויס־

האַלטן. אָבער וואָס וועט מיט אים זײַן אויף דער עלטער? הײַנט ווי אַזוי זשע טײלן מיר דאָס די תּבֿואה פֿון פֿעלד פּונקט אויף דער העלפֿט? דאָס איז קײן יושר ניט — ער דאַרף באַקומען אַ גרעסערן טײל. און נאָך גאַנץ פֿרי, פֿאַר טאָג, איז ער אויפֿגעשטאַנען און שטילערהייט איבערגעלייגט אַ טייל פֿון זײַנע גאַרבן אין ברודערס קופּע און האָט זיך צוריק געלייגט און אײַנגעשלאָפֿן.

אויף מאָרגן זענען ביידע ברידער, אַז זייערע קופּעס זײַנען ביידע גלײַך, אַזוי פֿיל גאַרבן אין יעדער קופּע, ווי געווען. האָבן זיי זיך געוואונדערט, נאָר געשוויגן.

די אַנדערע נאַכט האָבן די ברידער ווידער געטאָן דאָס וואָס זיי האָבן נעכטן געטאָן, און אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָבן זיי דערזען, אַז זייערע קופּעס זײַנען ווידער גלײַך. האָבן זיי זיך נאָך מער געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבן געטראָגן זייערע גאַרבן איינער צום אַנדערן, האָבן זיי זיך באַגעגנט אין מיטן וועג. די ברידער האָבן מיט טרערן אין די אויגן גענומען קושן און האַלדזן איינער דעם צווייטן.

(אַגדה).

וואָס באַטײַט?

1. חוץ — אויסער, except. 2. ירושה (יערושע) — דאָס פֿאַרמעגן וואָס עלטערן לאָזן איבער קינדער, heritage, inheritance. 3. גאַרבן — sheaves. 4. קופּעס — heaps. 5. געצעלט — tent. 6. תּבֿואה (טוואוּע) — grain. 7. געלעגער — בעט, אָרט וואו מע שלאָפֿט. 8. יושר (יוישער) — justice. 9. רחמנות (ראַכמאָנעס) — pity. 10. עלנט — ווען מען איז אַליין, אָן קיינעם. 11. איבערגעלייגט — אַריבערגעטראָגן. 12. סוד (סאָד) — secret.

חוץ	ירושה	תּבֿואה	יושר	רחמנות	סוד

פראַגעס:

1. ווער זײַנען געווען די צוויי ברידער? 2. וואָס האָבן זיי געטאָן מיט זייער פאָטערס ירושה? 3. וואָס האָט דער עלטערער ברודער גע־טראַכט ווען ער איז געלעגן אויף זײַן געלעגער? 4. וואָס האָט ער גע־טאָן? 5. פאַר וואָס האָט דער יינגערער ברודער ניט געקענט אײַנ־שלאָפן? וואָס האָט ער געטראַכט? 6. פאַר וואָס זײַנען אויף מאָרגן בײַביידע ברידער די קופּעס געווען גלײַך? 7. ווי האָבן ביידע ברידער אויסגעפונען דעם סוד? 8. וואָס איז דער שענסטער מאָמענט אין דער דערציילונג? 9. ווי קען מען אַנדערש אָנרופן די דערציילונג?

ווער וויים?

1. פאַר וועמען איז דאָס לעבן אַן אַפּקומעניש, פאַר איינעם וואָס אים לעבט זיך גוט, צי פאַר איינעם וואָס אים לעבט זיך שלעכט?

2. וועמען גייט אין איין אויער אַרײַן פון דעם אַנדערן אַרויס, אַ גוטן תּלמיד, צי אַ שלעכטן?

3. ווען גייט אַ מענטש אויס פון הונגער, ווען ער האָט פרײַנד וואָס זאָלן אים העלפן, צי ווען ער האָט ניט קיין פרײַנד וואָס זאָלן אים העלפן?

4. ווען קען אַ מענטש ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, נאָך דעם ווי ער איז געלאָפן, צי נאָך דעם ווי ער איז געשלאָפן?

5. וועמען דאַרף מען ניט אַרײַנלייגן קיין פינגער אין מויל, אַ קלוגן, צי אַ נאַר?

6. ווער האָט אַרבעט איבערן קאָפּ, איינער וואָס גייט אום ליידיק, צי איינער וואָס איז כּסדר פאַרשמאַיעט?

ווער איז געווען חוץ מיר? ווער איז געקומען חוץ דיר?

איז עס טאַקע אמת מע זאָגט כ'האָב געהערט ווער זאָגט עס פון וואַנען ווייסטו	אַז	חוץ	מיר און דיר דיר אונדז דעם לערער חנהן מלכּהן	איז קיינער ניט זײַנען אַלע	געוועזן געקומען

תורה איז די בעסטע סחורה

אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען אין ווײַטע לענדער, זײַ־נען געפאָרן אַ סך סוחרים, וואָס האָבן געפירט פאַרשיידענע סחורות. זיי האָבן געשמועסט וועגן מסחר, געוויזן איינער דעם צווייטן זייערע סחורות, געקויפט און געביטן זיך מיט זיי.

צווישן די סוחרים איז געזעסן אַ געלערנטער מענטש.

— וואו איז דײַן סחורה? — האָט מען אים געפרעגט.

— מײַן סחורה וועל איך ווײַזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאַנד — האָט געענטפערט דער געלערנטער.

די סוחרים האָבן זיך געוויצלט איבער אַזאַ סחורה, וואָס מען זעט זי ניט און זי פאַרנעמט קיין אָרט ניט אויף דער שיף.

אויפן וועג זײַנען אויף זיי אָנגעפאַלן ים־רויבערס און צו־גענומען די גאַנצע סחורה. ווען די שיף איז אָנגעקומען אין לאַנד, זײַנען אַלע סוחרים אַראָפּ הוילע און נאַקעטע. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט אויפן ערשטן מאָלצײַט.

אויפן געלערנטן האָבן אָבער געוואַרט אַ סך תּלמידים זײַ־נע און פרײַנד. מען האָט אים באַגעגנט מיט גרויס כּבוד.

יעמאָלט האָבן די סוחרים פאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט זײַן סחורה. זיי זײַנען צו אים צוגעגאַנגען און גע־זאָגט:

— גליקלעך ביסטו מיט דײַן סחורה! איצט ווייסן מיר, אַז זי איז די בעסטע; מען קען זי ניט רויבן און זי גייט ניט פאַרלאָרן. (אַגדה).

תּורה	סחורה	סחורות	מסחר	כּבוד	תּלמידים

וואָס באַטײַט?

1. תּורה (טוירע) — knowledge, learning. 2. סחורה (סכוירע) — merchandise, goods. 3. סוחרים (סאָכרים) — merchants. 4. מסחר (מיסכער) — trade, business. 5. געוויצלט — cracked jokes. 6. ים־רויבערס — pirates. 7. הוילע — bare. 8. מאָלצײַט — meal. 9. תּלמידים (טאַלמידים) — שילערס. 10. כּבוד (קאָווען) — רעספּעקט.

ווען זאָגט מען „וואָלט״ ?

אַ שפּאַס

רייזל דערציילט: כ׳האָב געזען אַ מענטשן, איז ער שוין אַלט 96 יאָר.

ענטפערט בערל: ס׳איז גאָרנישט קיין סך. ווען מײַן עלטער־זיידע וואָלט געלעבט, וואָלט ער שוין אַלט געווען העכער הונדערט יאָר!

שפּריכווערטער

אַ קאַץ זאָל האָבן פליגל, וואָלט זי אַלע פייגעלעך אין דער לופט אויסגעוואָרגן.

ווען ס׳וואָלט ניט געווען מײַן נאַר, וואָלט איך אויך געלאַכט.

אַ שפּאַס

ווען אַלע ביימער וואָלטן געווען איין בוים, אוי וואָס פאַר אַ גרויסער בוים עס וואָלט געווען!

ווען אַלע טײַכן וואָלטן געווען איין טײַך, אוי וואָס פאַר אַ גרויסער טײַך עס וואָלט געווען!

ווען אַלע העק וואָלטן געווען איין האַק, אוי וואָס פאַר אַ גרויסע האַק עס וואָלט געווען!

ווען אַלע פּויערים (peasants) וואָלטן געווען איין פּויער, אוי וואָס פאַר אַ גרויסער פּויער עס וואָלט געווען!

טאָ וואָס וואָלט געווען?

דער גרויסער פּויער וואָלט גענומען די גרויסע האַק און אַראָפּגע־האַקט דעם גרויסן בוים, און דער גרויסער בוים וואָלט אַראָפּגעפאַלן אין גרויסן טײַך, אַ, וואָס פאַר אַ גרויסן פּליושק (splash) עס וואָלט דער־לאַנגט!!!

וואָס וואָלטסטו געטאָן?

1. ווען דו זעסט אַ בלינדער וויל אַריבערגיין די גאַס און קען ניט? 2. ווען דו גייסט אַרײַן אין סאָבוועי און די באַן איז ערשט אַוועק? 3. ווען דו גייסט אַרויס פון שטוב אָן אַ היטל און עס הייבט אָן רע־גענען? 4. ווען דו געפינסט געלט אין שול? 5. ווען דו פאַרבלאָנ־דזשעסט און ווייסט ניט ווי צו גיין אַהיים? 6. ווען דו זעסט אַ גרויסער יינגל שלאָגט אַ קליינעם? 7. ווען דו כאַפּסט זיך אויף אין מיטן נאַכט און זעסט דאָס הויז ברענט? 8. ווען דו קומסט אין שול און די שול איז פאַרמאַכט? 9. ווען דו פאַרלירסט די שולביכער? 10. ווען דו גע־ווינסט הונדערט דאָלאַר?

וואָסער שול נאָך אויף דער וועלט
האָט אַזוי פיל פרייד און חן ?
וואָסער שול, ביַי וועלכן פאָלק
בויען טאַטע־מאַמע אַליין ?
— אונדזער יִדישע שול !

וואָסער שול, ביַי וועלכן פאָלק
לערנט אוים צו זיַין אַ ייִד ?
רעדן ייִדיש — אונדזער שפּראַך,
זינגען ייִדיש — אונדזער ליד ?
— אונדזער ייִדישע שול !

וואָסער שול נאָך לערנט אונדז
פיַינט צו האָבן ביקס און שווערד ?
און צו ליבן יעדן פאָלק,
אַלע מענטשן אויף דער ערד ?
— אונדזער ייִדישע שול !

שניאור וואַסערמאַן.

די ערשטע לעקציע אין נײַעם קלאַס

ס'איז טומלדיק און פריילעך. די קינדער קערן זיך אום אין שול נאָך די זומער־חדשים. די פּנימער שמייכלען, און די אויגן גלאַנצן. מע דערזעט זיך מיט חברים און חברטעס, וואָס מען האָט זיי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען! מע באַגריסט זיך. מע פרעגט זיך אוים און מע דערציילט זיך, וואו מען האָט פאַרבראַכט דעם זומער.

מע ווערט צוריק ווידער היימיש. יעדער איינער זעט, ווי דער צווייטער איז פאַר דער ציַיט אַנדערש געוואָרן. מען איז אונטערגע־וואַקסן, דער פּנים איז געוואָרן פרישער.

פריילעך און אויפגערעגט לויפט מען אַריַין אין קלאַס. באַלד קומט אַריַין דער לערער — אויך מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און אַ פריילעכער :

— אַ גוטן טאָג אײַך, קינדער! זעצט זיך.

מע זעצט זיך און מע וואַרט. ווי אַזוי וועט עס אויסזען אין נײַעם קלאַס?

— נו, קינדער, — זאָגט דער לערער — די ערשטע לעקציע ווערן מיר שמועסן אַ ביסל, ווי אַזוי מיר האָבן פֿאַרבראַכט דעם זומער.

אַלע קינדער האָבן אַ סך צו דערציילן. אַלע ווילן דערציילן. זאָגט דער לערער:

— ווייסט איר וואָס, קינדער? שרײַבט אָן, ווי אַזוי איר האָט פֿאַרבראַכט דעם זומער. די בעסטע אַרבעטן וועט מען פֿאַרלייענען אין קלאַס.

— גוט! — די קינדער זײַנען געווען צופֿרידן.

וואָס די קינדער אַליין שרײַבן.

אויף מאָרגן איז דער לערער אַרײַנגעקומען אין קלאַס מיט אַ סך העפֿטן אין האַנט. די קינדער האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען די העפֿטן מיט זייערע שריפֿטלעכע אַרבעטן. ערשט נעכטן האָט זיי דער לערער בײַ זיי גענומען, און שוין האָט ער זיי אָפּגעבראַכט! ער האָט זיי שוין איבערגעלייענט!

יעדער איז זייער גערן געווען צו זען, וואָס האָט דער לערער געטאָן מיט זײַן אַרבעט. דער לערער האָט צעטיילט די העפֿטן צווישן די קינדער. די אַרבעטן זײַנען געווען אונטערגעשטראָכן אויף פֿאַרשיידענע ערטער מיט רויטן טינט. בײַ איין קינד מער, בײַ אַ צווייטן ווייניקער. דער רויטער טינט זאָגט: גיב אַכטונג, דאָ האָסטו געמאַכט אַ פֿעלער!

— לערער, וואָס פֿאַר אַ גרײַז איז דאָ? — קומט צו מיטן העפֿט אין דער האַנט און טײַטלט מיט אַ פֿינגער איין קינד און נאָך אַ קינד.

דער לערער קלערט אויף. ער שרײַבט אויפֿן טאָוול, ווי דאָס וואָרט לייגט זיך אויס ריכטיק.

— לערער! פֿאַר וואָס האָט דער לערער מיר נישט געגעבן מײַן העפֿט? — פֿרעגט אַבֿרהמל.

— און פֿאַר וואָס נישט מיר? — פֿרעגט דוד.

— אײַערע אַרבעטן און אויך מרימלס אַרבעט זײַנען הײַנטיקס מאָל די בעסטע. איר וועט זיי פֿאַרלייענען פֿאַרן קלאַס, — האָט געזאָגט דער לערער. און ער האָט זיי טאַקע איינציקווײַז אַרויסגערופֿן צום פֿאַר־לייענען. און אָט זײַנען די דרײַ אַרבעטן:

1. אין קעמפּ

עס איז געווען פֿאַר נאַכט. בײַם אָוונטברויט האָט דער לערער געזאָגט, מיר זאָלן זיך צוגרייטן צו אַ נאַכטשפּאַציר. עס איז געוואָרן אַ גערודער. די קינדער זײַנען געלאָפֿן אין די באַנגאַלאָס אָנצוטאָן זיך וואַרעם. אין פֿינף מינוט אַרום זײַנען אַלע געווען גרייט. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען און געגאַנגען.

מיר זײַנען אַרײַן אין וואַלד. ס'איז אַזוי שטיל! מיר גייען צווישן די ביימער. ס'איז טונקל. די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט ווי אַ רויטע קויל. די ביימער האָבן אויסגעזען ווי מענטשן. אָט דאָ שטייט אַ בוים, ווי איינער וואָס בעטלט. דאָ שטייט אַ צווייטער מיט צווייגן צעשפּרייט אַזוי ווי הענט.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרײַז. אַ קינד האָט אָנגעהויבן זינגען. ביסלעכווײַז האָבן אַלע מיטגעהאָלפֿן. אָבער לאַנג האָט דאָס זינגען נישט געדויערט. עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

עפּעס האָט אַ זשומע געטאָן. פֿון ווײַטן האָט עפּעס אַ בלישטשע געטאָן. דער לערער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גליווערעמל. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשׂה.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פֿון אַ צווײַגל. מיר האָבן דערזען אַ ווײַס געשטאַלט. אַלעמען האָט אַרומגענומען אַ שרעק. אָבער באַלד האָט דאָס געשטאַלט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די ווײַסע קליידער און זיך צעלאַכט. דאָס איז געווען איינער פֿון די קינדער פֿון אונדזער קעמפּ. מיר האָבן זיך אויך צעלאַכט.

באַלד זײַנען מיר געגאַנגען אַהיים. איצט האָט געשײַנט די לבֿנה. מיר זײַנען געווען שטאַרק מיד, אָבער פֿריילעך. מיר האָבן זיך געלייגט אין די בעטן און געשמאַק אײַנגעשלאָפֿן.



2. אויף דער זומער־וואוינונג

איך האָב אָפּגערעדט מיט מײַנע חבֿרים צו גײן כאַפּן פֿיש. אײן מאָל אין אַ שײנעם זומערטאָג האָבן מיר זיך געלאָזט צום טײַך. מיר האָבן זיך אױעקגעזעצט אױפֿן ברעג און פֿאַרװאָרפֿן די װענטקעס. אין אָנהײב האָט עס בײַ קײנעם נישט „גענומען". אָבער מיר האָבן גע־װאַרט מיט געדולד. מײַנע חבֿרים האָבן זיך טאַקע דערװאַרט. אין גיכן האָבן זײ שױן געהאַט אַ ביסל פֿיש. נאָר איך אײנער האָב נישט געהאַט קײן מזל.

אײן מאָל האָב איך שױן געהאַט אַ פֿישל אױף דער װענטקע, האָט זיך עס אָפּגעריסן און צוריק אַרײַנגעפֿאַלן אין טײַך. אַ צװײט מאָל האָב איך שױן אָט־אָט געהאַט אַ פֿישעלע, טוט אַ שװוּם צו אַ העכט און — צופּ! אַװעק מיטן פֿישל!

מײַנע גליקלעכע חבֿרים האָבן געלאַכט פֿון מיר. זײ האָבן מיר אַפֿילו געזאָגט שטעכװערטלעך:

— שלומיאל דו אײנער!

בין איך אױפֿגערעגט און טרױעריק אַלײן אַהײם געגאַנגען.

3. איך בין זומער פֿאַרבליבן אין שטאָט

עס האָט זיך געענדיקט דאָס שוליאָר. די קינדער זײַנען זיך צע־פֿאָרן. טײל קינדער זײַנען געפֿאָרן אין קעמפּ, טײל קינדער זײַנען גע־פֿאָרן אױף אַ זומער־װאױנונג. אָבער דער גרעסטער טײל קינדער איז פֿאַרבליבן אין שטאָט. איך בין אױך געבליבן. װען מײַנע חבֿרטעס זײַ־נען אָפּגעפֿאָרן, איז מיר אַזױ אומעטיק געװאָרן אױפֿן האַרצן! די באַן רירט זיך, די קינדער פֿאָכען פֿרײלעך מיט די טיכלעך לאַנג, לאַנג און מײַן האַרץ האָט שטיל געװײנט אין מיר.

איך האָב גאַנץ גוט געװוּסט, אַז איך קאָן נישט פֿאָרן. אָבער װען איך בין אַהײם געקומען, האָט מיר דאָס האַרץ װײ געטאָן, און איך האָב געװײנט:

— פֿאַר װאָס פֿאָר איך נישט אין ערגעץ?

— װאָס קאָן מען טאָן, קינד? — האָט מײַן טאַטע געזאָגט מיט אַ זיפֿץ, — איך האָב אָפּגעשפּאָרט געלט, האָט ער געזאָגט, דו זאָלסט פֿאָרן אין קעמפּ. נאָר איצט, אַז די מאַמע איז קראַנק, דאַרף מען דאָך האָבן דאָס

געלט פֿאַרן דאָקטער. און דו מוזסט דאָך בלײַבן אין שטוב אַ ביסל צו־צוהעלפֿן.

האָב איך זיך אײַנגעהאַלטן און אָפּגעווישט די טרערן. איך האָב זיך געשעמט פֿאַר דער מאַמען.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געלייענט און געשריבן פֿון ביכל. איך האָב אויך געהאָפּטן און געשטריקט. און וואָס ווײַטער איז מיר געוואָרן אַלץ מער אומעטיק. אַלע טאָג דאָס אייגענע!

איך פֿלעג אויך אַראָפּגיין אין קרעמל און אַרויפֿברענגען וואָס די מאַמע האָט מיר געהייסן. אָבער די טעג זײַנען געווען זייער לאַנג. אַראָפּגיין אין גאַס זיך שפּילן מיט די קינדער האָב איך נישט געקענט, ווײַל די מאַמע האָט מיך אַלע מאָל געדאַרפֿט האָבן.

אַז די מאַמע האָט מיר אַ מאָל דערלויבט אַראָפּצוגיין, בין איך אין אָנהייב געווען גליקלעך. נאָר דערנאָך איז אויפֿן גאַס אויך געווען נישט גוט. די זון האָט געברענט. ס׳איז געווען אַזוי דושנע צווישן די געדיכ־טע מויערן. די גאַס איז געווען פֿול מיט שטויב.

איך פֿלעג גיין אויפֿן טראָטואַר און זיך פֿאָרשטעלן, ווי מײַנע חבֿר־טעס לויפֿן איצט אַרום אויף די לאָנקעס און שפּילן זיך אין וואַלד.

בײַ נאַכט פֿלעגט זיך מיר חלומען, אַז איך בין מיט די חבֿרטעס אין קעמפּ. נאָר ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז מיר געווען נאָך ערגער.

איך פֿלעג שטילערהייט רעדן צו זיך אַליין:

— אוי, זאָל שוין די מאַמע געזונט ווערן! און זאָל שוין קומען דער טאָג, ווען כ׳וועל שוין גיין אין שול!

און — ביידע זאַכן זײַנען געשען. די מאַמע איז ביסלעכווײַז גע־זונט געוואָרן, און דעם ערשטן טאָג האָט זי מיך באַגלייט אין שול אַרײַן.

ווי פֿריילעך און ווי גוט עס איז מיר אויפֿן האַרצן!

וואָס באַטײַט?

א. 1. **חדשים** (כאַדאָשים) — months. 2. **קרובֿים** (קרויווים) — relatives. 3. **היימיש, מע ווערט היימיש** — מע ווערט נאָענט איינער צום צווייטן. 4. **אויפֿגערעגט** — excited.

ב. **טײַטלט מיט אַ פֿינגער** — points with a finger.

ג. 1. **קויל** — ball. 2. **גליוואָרעם, גליוועררמל** — firefly. **3.** **גע־שטאַלט** — פֿיגור.

ד. 1. **ווענטקע** — fishing-line. 2. **העכט** — pike. 3. **שלומיאל** (שלומיעל) — איינער וואָס טויג צו גאָרנישט. 4. **געהאָפּטן** — embroidered. 5. **געשטריקט** — knitted. 6. **לאָנקעס** — lawns.

שלומיאל	מזל	קרובים

פראגעם :

וועמעס קאמפאזיציע איז אייך געפעלן געווארן מער ווי אלע אנדערע ? פאר וואס ?

1. דערציילט ווי אזוי איר האט פארבראכט דעם זומער ? 2. גיט איבער אן אינטערעסאנטע פאסירונג וואס האט זיך מיט אייך געטראפן ? 3. וועלכע נייע פריינד האט איר געקראגן ? 5. ווי פלעגט איר צוזאמען פארברענגען ? 6. וועלכע נייע זאכן האט איר זיך דורכן זומער אויסגעלערנט ? 7. ווי וואלט איר געוואלט פארברענגען איבער א יאר זומער ? 7. וואס זיינען אייערע פלענער ?

פרעג און ענטפער

פרעג : האסטו מורא (א)
ענטפער : ניין, כ'האב נים קיין מורא (א)
(אדער) יא, כ'האב מורא (א)

1. צו זיין אליין אין שטוב ?
2. צו גיין אליין ביי נאכט אין גאס ?
3. פאר מייז ?
4. צו פארן אין אן עראפלאן ?
5. צו פארן מיט א שיף ?
6. איבערצונעכטיקן אליין אין שטוב ?
7. צו נעכטיקן אליין אין וואלד ?
8. צו פארן אליין מיט דער באן ?

אוודאי — איך רעכן

ביישפיל : איז אמעריקע א גרויס לאנד ?
אוודאי איז אמעריקע א גרויס לאנד.

1. זעען מיר די זון ביי טאג ?
2 איז דאס גראז נאס נאך א רעגן ?
3. איז א קאץ צופרידן, ווען מעווארפט זי אריין אין וואסער ?
4 האבן ענטלעך (ducks) ליב דאס וואסער ?
5. איז אן אייזל איינגעשפארט ?
6. ביסטו איינגעשפארט ?
7. איז אמת, אז דיין זיידע איז יינגער פון דיר ?
8. איז אמת וואס מע זאגט, אז מע איז פויל, האט מען ניט אין מויל ?

ייִדיש לשון

ייִדיש לשון, פשוט לשון
פון די טאַטע־מאַמעס,
ביסט דאָך מלא חן אַזוי
ווי בלימעלעך אין תמוז!

ייִדיש לשון, האַרציק לשון
פון מיליאָנען ברידער!
מאַמעס, באַבעס האָבן אונדז
געזונגען שיינע לידער,

זיידעס האָבן מעשהלעך,
אויף ייִדיש אונדז געגעבן, —
ייִדיש לשון, מאַמע־לשון,
פרייד פון אונדזער לעבן!

א. שינדלער.

ייִדיש

די וועלט איז פול מיט רעדן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך.
און יעדער אויף זיין שטייגער,
און יעדער אויף זײַן שפּראַך.

און ייִדן רעדן ייִדיש
אויף אַלע עקן וועלט,
אין אַפריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
און ייִדיש איז דאָך שיין,
און גרינג אַ צווייטן ייִדן
פאַרשטיין ווי זיך אַליין.

מאַני לייב.

וואָס באַטײַט?

1. לשון (לאָשן) — שפּראַך. 2. פשוט (פּאָשעט) — איינפאַך. 3. מלא חן (מאָליי כיין) — פול מיט שיינקייט, זייער ליבלעך. 4) תמוז (טאַמוז) — דער צענטער ייִדישער חודש, וואָס פאַלט אוים אין יוני אָדער יולי.

לשון	פשוט	מלא חן	תמוז

יִדיש איז אַנדערש ווי ענגליש

פאַרבײַט ניט די ווערטער: זאָגן, דערציילן, הייסן.

דערציילן איז: איבערגעבן אַ פּאַסירונג, דערציילן אַ מעשׂה, דער־ציילן וואָס מען האָט געזען, וואָס מען האָט געהערט.

לייען אויפמערקזאַם די ווײַטערדיקע זאַצן, וועסטו זיך אויסלערנען דעם אונטערשייד צווישן **דערציילן, זאָגן, הייסן.**

1. איר האָט אונדז דערציילט אַן אינטערעסאַנטע מעשׂה. 2. דער טאַטע הייסט די קינדער ניט טומלען. 3. לייבל זאָגט, אַז עס טוט אים וויי דער קאָפּ.

אויפגאַבע: אויפן אָרט פון שטריך שטעל אַוועק וואו מע דאַרף: דערציילט, הייסט, געזאָגט.

1. צו אונדז אין שול איז געקומען אַ גאַסט פון אַרגענטינע און אונדז ——— ווי אַזוי עס לעבן דאָרטן די ייִדן. 2. דער זיידע האָט ——— דעם אייניקל די מעשׂה פון חנוכּה. 3. דער דאָקטער ——— דעם קראַנקן ליגן אין בעט. 4. די מאַמע האָט ——— לעמעכן ער זאָל ניט שטיין אונטערן רעגן. 5. דאָס פייגעלע האָט ——— דעם ייִנגל, אַז עס וויל ניט גיין צו אים אין שטײַגל. 6. דער פּאָליציימאַן ——— די קינדער ניט אַריבערגיין די גאַס ביז די אויטאָמאָבילן וועלן זיך ניט אָפּשטעלן. 7. מײַן חבֿר האָט מיר ——— אַ סוד (סאָד (secret . 8. בערל האָט ——— אַז ער קען ניט לייענען אָן ברילן. 9. די מאַמע ——— שרהלען זי זאָל פון שול קומען גלײַך אַהיים. 10. דער לערער האָט אונדז ——— אַ שיינע מעשׂה.

זאָגט עס אויף ייִדיש

1. The teacher told the children not to talk to each other. 2. My uncle tells me many interesting stories. 3. Sammy told the children about the games they played in camp. 4. Mary told the class about her kittens. 5. My mohter told me to come home directly (גלײַך) from school. 6. The teacher told the children never to come late to (אין) school. 7. My father told me to be very careful when crossing (בײַם אַריבערגיין) the street.

ביכער

קלוג זײַנען ביכער,
זיי וויסן אַ סך.
לערנט זיך, קינדער,
פון ביכער די שפּראַך!

ווערט מיט די ביכער
די קלוגע באַקאַנט.
ניט נאָר די בלעטלעך
אַ מיש מיט דער האַנט.

מישט אויף אַ בלעטל,
אַ זײַט, נאָך אַ זײַט. —
ס'רעדן די שורות
מיט מענטשלעכע רייד.

ס'פינקלען געדאַנקען
פון איטלעכן אָרט.
ס'קלינגט אַזוי היימיש
דאָס יִדישע וואָרט.

ש. וואַסערמאַן.

וואָס איז די פראַגע אויב דאָס איז דער ענטפער?

אָנהייבן מיט ווער

ענדיקט די זאַצן. טראַכט צו פראַגעס צו די זאַצן וואָס איר וועט קריגן.

1. ווער עס גראַבט אַ גרוב פאַר יענעם פאַלט אין איר אַליין אַרײַן. 2. ווער עס וויל זײַן אַ גוטער תּלמיד... 3. ווער עס וויל ניט הערן זאָל... 4. ווער עס איז קראַנק דאַרף בעסער... 5. ווער עס וויל עפּעס פאַרדינען יענער... 6. ווער עס אַרבעט ניט... 7. ווער עס זאָגט „א"... 8. ווער עס וויל זײַן אַ גוטער שווימער... 9. ווער עס האָט אַ גוט האַרץ... 10. ווער עס לייגט זיך שפּעט שלאָפן...

ווער איז שוין געקומען? ווער איז שוין אַוועק?

מסתּמא אַוודאי אפשר	איז איז שוין	ווער עס איז עמעצער	געקומען געוועזן אַוועק געלאָפן אויפגעשטאַנען געפאַלן

פון דער טאַבעלע שרײַבט אַרונטער 12 זאַצן. שטעלט וואו מע דאַרף אַ פּינטל (.) אַ פראַגעצייכן (?) און אַן אויסרוף-צייכן (!)



מאַמעס האָבן ליב צו וויינען

א

עס איז געווען אַ ליכטיקער טאָג אָנהייב האַרבסט. די מאַמע האָט געפירט גיטעלען אין דער יִדישער שול. גיטעלע האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמען.

— מאַמע, וואָס וועל איך טאָן אין שול? וואָס זאָל איך זאָגן?

— דו וועסט שוין זען, מײַן קינד. צום אַלעם ערשטן וועסטו זיך פאַרשרײַבן. דו וועסט זאָגן ווי דו הייסט, ווי אַלט דו ביסט און וואו דו וואוינסט.

— וועלכן נאָמען זאָל איך פאַרשרײַבן, דעם נאָמען פון סקול צי פון דער היים?

— דו וועסט זאָגן אַז דו הייסט גיטעלע. גיטל-רחל איז דײַן יִדישער נאָמען. אַזוי האָבן געהייסן דײַנע צוויי באָבעס נאָך וועמען מען האָט דיר אַ נאָמען געגעבן.

גיטעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער מאַמען און דערזען צוויי טרערן אין די ווינקלען פון דער מאַמעס טיף-שוואַרצע אויגן. די מאַמע האָט אויף גיך אָפּגעווישט די טרערן, געשמייכלט צו גיטעלען און זי צוגעטוליעט צו זיך.

ב

צום סוף פון דער ערשטער וואָך האָט גיטעלע אַהיים געבראַכט פון שול אַ יִדישן העפט. די ערשטע פּאָר זײַטלעך אין העפט זײַנען געווען

פאַרשריבן מיט ניט־זיכערע אותיות. גיטעלע האָט אונטערגעטראָגן דעם העפט דער מאַמען און איבערגעלייענט פאַר איר עטלעכע ווערטער וואָס זײַנען דאָרט געווען געשריבן און אויך איר נאָמען נאָך די צוויי באָבעס: גיטל־רחל.

די מאַמע האָט איר אַ קוש געגעבן און זי אַרויסגעשיקט אין דרויסן זיך שפּילן. שפּעטער, ווען גיטעלע איז צוריק אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט זי געטראָפן די מאַמע ווי זי שטייט אָנגעשפּאַרט בײַם פענצטער און קוקט אויף די פאַרשריבענע זײַטלעך פון איר העפט. די מאַמע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט באַגעגנט גיטעלען מיט איר שטענדיקן שמייכל. נאָר גיטעלע האָט דערקענט ווי די מאַמע האָט ווידער אויף גיך אָפּגעווישט צוויי טרערן אין די ווינקלען פון אירע אויגן.

גיטעלע איז יענע נאַכט געלעגן און געקוקט אין דער פינצטערניש פון איר צימער. זי האָט געהערט ווי אין קיך רעדן נאָך טאַטע און מאַמע בײַ אַ גלאָז טיי. נאָר גיטעלע האָט אַלץ געזען די מאַמע ווי זי שטייט בײַם פענצטער און קוקט אויף איר העפט, אויף דעם זײַטל וואו מיט ניט־זיכערע אותיות איז אָנגעשריבן איר יידישער נאָמען. זי האָט אפילו געקענט זען די צוויי גלאַנציקע טרערן אין די ווינקלען פון דער מאַמעס אויגן. נאָר באַלד האָבן זיך די אותיות, מיט די טרערן, מיט דער מאַמעס אויגן אויסגעמישט איבער די שורות פון די געשריבענע זײַטלעך... און גיטעלע איז אײַנגעשלאָפן. פון דעמאָלט אָן, אַז גיטעלע האָט זיך געדאַרפט דערמאָנען ווי אָנצושרײַבן איר נאָמען אויפן טאָוול אין שול, האָט זי אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אייגעלעך און געזען ווי עס שטייען פאַר איר אין דער פינצטערניש פון שלאָפצימער, אײַנגעקריצט אין דער לופט, די ניט־זיכערע אותיות, אויסגעמישט מיט דער מאַמעס טרערן.

קיינער אויסער גיטעלען אַליין האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס זי האָט ליב צו פאַרמאַכן די אייגעלעך אויף אַ רגע איידער זי דאַרף אָנשרײַבן איר נאָמען און פאַר וואָס זי שמייכלט ווען זי עפנט צוריק אויף די אייגעלעך. אפילו איצט, ווען זי איז שוין אין דריטן קלאַס, און קאָן שוין גוט אויסלייגן די שווערסטע ווערטער, טוט זי אַזוי ווען עס קומט צום שרײַבן איר יידישן נאָמען.

ג

גיטעלע האָט צוויי געבורטסטעג. איינער פאַלט אויס אַלע יאָר דעם זעלבן טאָג אין דעצעמבער, און דער אַנדערער, דער ייִדישער, פאַלט אויס דעם ערשטן טאָג חנוכּה. ווען דער לערער האָט געפרעגט גיטעלען בײַם פאַרשרײַבן זי אין שול, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, האָט זי געענטפערט: דעם ערשטן טאָג חנוכּה. און אַזוי האָט טאַקע דער לערער פאַרשריבן אין ביכעלע וואו ער פאַרשרײַבט די געבורטסטעג פון אַלע קינדער פון דער שול. און אַזוי פײַערט גיטעלע איר געבורטסטאָג צוויי מאָל, איינס נאָכן אַנדערן. איר לערערין און אירע קלאַס-חבֿרטעס אין דער ענגלישער שול באַגריסן זי און גיבן איר מתּנות צו איר געבורטסטאָג וואָס פאַלט אויס אין דעצעמבער, יעדער יאָר אין דעם זעלבן טאָג, און אין דער ייִדישער שול גיט איר דער לערער אַ ייִדיש ביכעלע אַ מתּנה צו איר געבורטסטאָג דעם ערשטן טאָג חנוכּה.

גיטעלע איז אַלט געוואָרן צען יאָר. די מאַמע האָט פאַר גיטעלעם קלאַס אָפּגעבאַקן אַ האָניק-קוכן און געקויפט צוקערקעס און ניס. זי האָט דאָס געבראַכט אין שול אַרײַן פּונקט דעמאָלט ווען דער קלאַס האָט זיך אויסגעזעצט אויף די ערטער. דער לערער האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי הײַנט איז חנוכּה, וועט מען שוין הײַנט ניט לערנען, נאָר זינגען און פאַרברענגען אין צווייען, אי צוליב גיטעלעס געבורטסטאָג, אי צוליב דעם ערשטן טאָג חנוכּה. די קינדער האָבן זיך שטאַרק געפרייט. די מאַמע האָט זיי אַלעמען געגעבן אויף טעלערלעך שטיקלעך קוכן, צוקערקעס מיט ניס, און די קינדער האָבן אויסגעזונגען אַלע שוללידלעך וואָס זיי האָבן געקענט. דערנאָך האָט דער לערער געגעבן גיטעלען אַ מתּנה אַ ביכעלע מיט רויטע טאָוולען און געזאָגט:

— אַזוי ווי דײַן געבורטסטאָג פאַלט אויס אום חנוכּה, וועל איך דיר געבן אַ מתּנה אַ חנוכּה-שפּיל מיטן נאָמען „חנוכּה-געלט” פון שלום-עליכם.

גיטעלע האָט אויסגעשטרעקט דאָס הענטל צו נעמען די מתּנה וואָס דער לערער האָט איר דערלאַנגט... זי האָט קוים געקענט אַרויסזאָגן שטיל: — איך דאַנק דיר.

און זי האָט זיך גלײַך געכאַפּט, אַז זי האָט ניט ריכטיק געזאָגט, און האָט זיך פאַררייטלט. זי האָט געדאַרפט זאָגן: „איך דאַנק אײַך”. דער לערער האָט איר געזאָגט:

— איצט דאַרפסטו אונדז געבן אַ מתנה צו דײַן געבורטסטאָג. לאָמיר זען צי קענסטו געפינען אין דײַן לייענבוך עפּעס געשריבן פון שלום-עליכמען און דאָס לייענען.

גיטעלע האָט אַ בלעטער געטאָן איר לייענבוך און אויפגעמישט אין מיטן ביכל. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען לייענען:

„שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע! וואו איז אַמעריקע? ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר אַז ס׳איז ווײַט, מע דאַרף אַהין פאָרן און פאָרן אַזוי לאַנג, ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַראַן אַ „קעסטל-גאַרטעל״. דאָרט, אין „קעסטל-גאַרטעל״ קוקט מען אײַך אין די אויגן. האָט איר געזונטע אויגן, איז גוט. אויב ניט, פאָרט, זײַט מוחל, צוריק. דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגן... זעט איר, מיט מײַן מאַמען איז ניט פריי-לעך... ווער איז שולדיק? אַז טאָג און נאַכט וויינט זי.

איבער דיר וועלן מיר חלילה אַלע דאַרפן פאָרן צוריק!

אַזוי טענהט מיט איר מײַן ברודער עליע, און זי ענטפערט אים:

נאַריש קינד וואָס די ביסט! איך ווײן דען? עס וויינט זיך אַליין״.

דאָ האָט גיטעלע, אַליין, ווי פון זיך, געוואָרפן אַ בליק אויף איר מאַמען וואָס איז געזעסן בײַ דער זײַט. יאָ, געטראָפן! איר מאַמעווישט אויך אַ ווינקל פון אַן אויג. נאָר ניט מיט אַן עק פון איר פאַרטעך ווי מאָטלס מאַמע ווישט די אויגן, נאָר מיט אַ שפּיץ פון אַ ווײַס, זײַדן טיכעלע.

מאַמעס האָבן ליב צו וויינען. בערל סיגאַל.

וואָס באַטײַט?

1. זיך געטוליעט — זיך געדריקט. 2. אותיות (אויסיעס) — characters letters. 3. אָנגעשפּאַרט בײַם פענצטער — leaned against the window. 4. באַגעגנט — אויפגעגנומען. 5. שורות (שורעס) — lines. 6. אויף אַ רגע (רעגע) — אויף אַ ווײַלע. 7. אײַנגעקריצט — engraved. 8. אויסלייגן — שרײַבן, to spell. 9. זײַט מוחל (מויכל) — זײַט אַזוי גוט. 10. חלילה (כאַלילע) — דער אומגליק זאָל ניט טרעפן. 11. טענהט (טײַנעט) — רעדט.

פראַגעס:

א. 1. וואוהין איז גיטעלע געגאַנגען מיט איר מאַמען? 2. וועגן וואָס האָבן מאַמע און טאָכטער גערעדט? 3. נאָך וועמען איז גיטעלע אַ נאָמען? 4. פאַר וואָס האָט גיטעלעס מאַמע געהאַט אַ טרער אין די אויגן.

ב. 5. וואָס פֿאַר אַ ווערטער האָט זיך דאָס מיידעלע געלערנט שרײַבן? 6. ווי האָט די מאַמע אויפֿגענומען איר קינדס ערשטן פּרוּוו? 7. וואָס האָט גיטעלע געזען שפּעטער ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים? 8. פֿאַר וואָס האָט דאָס גיטעלע קיין מאָל ניט געקענט פֿאַרגעסן? 9. וואָס טוט אַלע מאָל דאָס מיידעלע ווען זי דאַרף אָנשרײַבן איר נאָמען?

ג. 10. וועלכע צוויי געבורטסטעג האָט גיטעלע? 11. ווי האָבן די קינדער געפּײַערט גיטעלעס געבורטסטאָג אין דער ייִדישער שול? 12. וואָס פֿאַר אַ מתּנה האָט דער לערער געגעבן גיטעלען? 13. וואָס האָט גיטעלע געלייענט פֿאַר די קינדער? 14. וואָס האָט גיטעלע דערזען ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען? 16. פֿאַר וואָס האָט די מאַמע געהאַט טרערן אין די אויגן?

צום נײַעם לערניאָר

אין גאָלד־רויטע בלעטער
סעפּטעמבער מאַרשירט.
וועגענער פֿולע
מיט אויפּסן ער פֿירט.

און ברוינע קאַשטאַנעס,
אין גאַנצן אומזיסט,
קײַקלען זיך יעדערן
אונטער די פֿיס.

איז נעמט, חבֿרה, ניכער
די ביכער אַרום,
די העפֿטן, די פּענעס, —
דער זומער איז אוים!

נעשפּילט זיך, געלאָפֿן,
נעאַרבעט, גערוט.
איצט לאָמיר זיך לערנען,
און לערנען זיך גוט!

י. מאַטלינסקי.



1. **אויפּסן** — fruits. 2. **קאַשטאַנעס** — chestnuts. 3. **חבֿרה** (כעווירע) — boys, fellows.

ווייסטו אפשר?

— ניין, איך ווייס ניט.
— יע, איך רעכן, אַז...
— יע, איך ווייס.

ווייסטו אפשר?

1. (ווען) ס'וועט מאָרגן שנייען?
2. (צי) דער טאַטע איז אין דער היים?
3. (צי) מיר לערנען מאָרגן אין שול?
4. ווי שפּעט עס איז איצט?
5. ווי מע גייט צו דער (42טער גאַס, 103טער גאַס)?
6. וואו מײַנע ביכער זײַנען?
7. ווער ס'איז געקומען דער ערשטער אין שול?
8. ווער ס'איז געקומען דער לעצטער אין שול?

זאָג מיר נאָר!

דו פרעג, זאָל דײַן חבֿר, אָדער חבֿרטע ענטפערן. שפּעטער זאָל ער, אָדער זי, פרעגן און דו וועסט ענטפערן.

(1)

זאָג מיר	שלאָפסטו	ווען עס איז
	לייענסטו	כסדר
	שרײַבסטו	אַ גאַנצן טאָג
	לאַכסטו	גאָרנישט
	עסטו	אַ ביסל
	שפּילסטו זיך	אָפט
	שווײַגסטו	אַמאָל
	וויינסטו	
	קריגסטו זיך	
	פאַרגעסטו	
	חזרסטו	
	טאַנצסטו	
	לערנסטו	
	העלפסטו	טאַטע־מאַמע
	טומלסטו	

(2)

ביסטו	ווען עס איז	פויל
ווער איז	אַלע מאָל	אין כּעס
איז (נאָמען)	תמיד	גליקלעך
איז זי	קיין מאָל ניט	אומגליקלעך
איז ער	גאָרנישט	הונגעריק
זײַנען זיי	טאָקע	דאָרשטיק
זײַט איר		שלעפעריק
		ברוגז
		פריילעך
		פאַרנומען
		פאַרקילט
		פאַרשוויצט
		אויפגערעגט
		מיד
		מזלדיק

פליפּאַסט

(פון שוללעבן אין פּוילן)

דער פינפטער קלאַס פון דער פרץ-שול האָט שבת-צו-נאַכט געהאַט אַ קלאַס-פאַרווײַלונג. מען האָט גע-שפּילט, געזונגען שיינע לידער און גוט פאַרבראַכט.

מער פאַר אַלץ איז די קינדער געפעלן געוואָרן די נײַע שפּיל אין פליפּאַסט.

געבראַכט די שפּיל האָט שלמהלע. ער ברענגט שטענדיק אין שול עפּעס נײַס.

שלמהלע האָט געזען די שפּיל אויף אַ חתונה. האָט ער איצט גע-בעטן דעם לערער דורכפירן זי אויך בײַ זיי אויף דער פאַרווײַלונג.

דעם לערער איז דאָס געפעלן. ער האָט פאַרטיילט אַלעמען נומערן און פּאַפּיר. דעם נומער האָט יעדערער צוגעשפּילעט צו זיך.

דעם נומער 13 האָט קיינער ניט געוואָלט נעמען:

— ס'איז ניט מזלדיק!

— אַ נאַרישע אײַנרעדעניש! — האָט דער לערער געלאַכט און ער אַליין האָט גענומען דעם 13.

— אין די בריוו קענט איר שרײַבן אַלץ, וואָס איר ווילט — האָט דער לערער דערקלערט — צו די חברים און חברטעס, לערערס און עלטערן. איר קענט פרײַ שרײַבן וואָס איר ווילט, דערציילן מיט וואָס איר זײַט צופרידן און מיט וואָס ניט. די פּאָסט איז אַ געהיימע, מע מעג זיך אויף די בריוו ניט אונטערשרײַבן. די בריוו דאַרפן אָבער זײַן געשריבן אָנ-שטענדיק. זידלען זיך אין זיי טאָר מען ניט. דער אַדרעס איז דער נומער.

נאָך דער פאַרשטעלונג זײַנען אַלע געווען פאַרטאָן מיט דער פּאָסט. מען האָט געשריבן אויף וואָס די וועלט שטייט. דאָס פּאָסטקעסטל האָט זיך געפונען בײַ לייבלען אין היטל — דאָס גרעסטע היטל אין קלאַס. און אַפילו דאָס דאָזיקע היטל איז באַלד געווען פול אָנגעפּאַקט מיט בריוו.

בײַם פאַרטיילן די בריוו זײַנען אַלע געווען שטאַרק אויפגערעגט. יעדערן האָט זיך געוואָלט באַקומען וואָס מער בריוו און וואָס גיכער וויסן, וואָס מע שרײַבט צו אים.

אָן בריוו איז קיינער ניט געבליבן. מער, ווייניקער — אַלע האָבן באַקומען בריוו.

מער בריוו פון אַלעמען האָט באַקומען דער לערער.

בײַם לייענען די בריוו האָבן אַ פּאָר געלאַכט, אַנדערע — זיך גע־רייטלט און געברוגזט זיך. טייל האָבן געוויזן און פאַרגעלייענט זייערע בריוו פאַר די חברים און חברטעס, אַנדערע האָבן זייערע בריוו באַהאַלטן.

דער לערער האָט געהאַלטן זיין פּאַק בריוו פון אויבן אויף. ער האָט זיי גיך איבערגעלייענט און כּסדר געשמייכלט. ווײַזט אויס, ער איז געווען צופרידן. אַלעמען האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס מע שרײַבט צום לערער. דער לערער האָט פאַרשטאַנען, וואָס די קינדער פאַרלאַנגען פון אים, און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— קינדער! איר ווילט, וועל איך אײַך איבערלייענען, וואָס מע שרײַבט מיר.

— אַ־אַ־אַ! — האָבן זיך דערהערט שטימען און ס'איז געוואָרן שטיל.

פון 25 בריוו האָט דער לערער איבערגעלייענט נאָר 19.

6 — האָט ער געזאָגט — זײַנען ניט ווערט, מע זאָל זיי לייענען. זײַנען די איבעריקע ווערט געווען? זאָגט איר אַליין, אָט זײַנען זיי.

ערשטער בריוו:

לערער! איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אײַך עפּעס פרעגן. פאַר וואָס אַז איך לייען אַ בוך, וויל דער טאַטע ניט לײַדן? מיר וואוינען אין אַ קעלער. ס'איז דאָרט שטענדיק טונקל. ס'איז ענג. די שוועסטערלעך שרײַען. די מאַמע שרײַט. אָבער ווי נאָר איך קום פון שול, שטעל איך זיך בײַם פענצטערל, פאַרטיף זיך אין אַ בוך און זע ניט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. פאַר וואָס לאָזט מיך דער טאַטע ניט לייענען?

צווייטער בריוו:

לערער! איצט וועל איך אײַך אויסזאָגן, פאַר וואָס קומט אין שול איין טאָג מײַן ברודער און איין טאָג איך. דאָס איז דערפאַר, ווײַל מיר האָבן ביידע איין פּאָר שיך.

די קינדער האָבן צווישן זיך געפּרוּווט טרעפן, ווער עס האָט גע־שריבן די בריוו. דער לערער האָט זיך אָבער גלײַך גענומען צום דריטן בריוו:

— איך האָב היינט געהערט אין גאַס, ווי צוויי יינגלעך האָבן זיך גערופן מיט מיאוסע צונעמענישן. איך וועל שוין מער קיין מאָל קיינעם מיט קיין צונעמענישן ניט רופן.

פיר בריוו האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער ביבליאָטעק און מיטן לייענען.

— ביים בייטן די ביכער — האָט געשריבן דער פערטער — איז אַ שטופעניש. עס טויג ניט אַזוי.

— מע גיט מיר אַלץ אַזוינע דינינקע ביכעלעך — האָט זיך באַקלאָגט דער פינפטער — איך וויל שוין לייענען גראָבע ביכער.

דער זעקסטער האָט געשריבן:

— איך וואָלט וועלן לייענען אַ בוך וואָס זאָל זיך ציִען און ציִען.

דער זיבעטער האָט געפרעגט:

— פאַר וואָס זיינען אַ סך יידישע ביכער אָן בילדער?

אַ נייער שילער, וואָס איז געקומען פון אַ פוילישער שול, האָט געשריבן:

— דאָרטן אין דער פוילישער שול האָב איך פאַר די לערערס געציטערט. אין דער שול האָב איך די לערערס ליב.

דער נײַנטער האָט געשריבן:

— לערער! איך וועל אַליין מאַכן אַ פאָרשטעלונג פון „מעסערל" ביי אונדז אויפן הויף מיט מיינע חברים.

דער צענטער האָט דערציילט:

— די מעשה מיט מאָטלען „אַ גאַס ניסט" האָב איך איבערגעלייענט ביי אַן אונטערבראָיט פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען. זיי האָבן געקייכט פאַר געלעכטער. שלום-עליכם איז אַ פריילעכער שרייבער.

דער עלפטער בריוו איז געווען זייער ניט קיין פריילעכער.

לערער! מאירקע פון צווייטן קלאַס איז היינט געקומען אין שול אָן אַ פרישטיק. איך האָב אים געגעבן אַ שטיקל ברויט. זיין טאַטע גייט שוין אַרום אַ לאַנגע צייט אָן אַרבעט.

צוויי בריוו זיינען געווען מיט טענות צו די לערערס:

12) פאַר וואָס אַז מע גיט אַפילו אַ קליינעם שטויס, שיקט דער לערער גלייך אַרויס פון קלאַס?

13) פאַר וואָס רופט איר אונדז צו לייענען אַזוי פיל מאָל הערשלען

און וועלוולען? איך האָב היינטיקן חודש געלייענט נאָר צוויי מאָל. לערער, רופט מיך אוים!

דער קירצסטער בריוו איז געווען דער פערצנטער.

— לערער, איך וויל אויך עפּעס פאַרשטעלן.

דער פופצנטער און זעכצנטער בריוו האָבן אַלעמען דערמאָנט אָן גוטע צייטן:

15) לערער! איך וואָלט וועלן, עס זאָל שוין וואָס גיכער זיין זומער, מע זאָל זיך קענען באָדן.

אין קאָלאָניע — האָט געשריבן דער זעכצנטער — איז טויזנט מאָל בעסער ווי אין שול. מען האָט דאָרט גוט פאַרבראַכט און געגעבן אינטערעסאַנטע ביכער צום לייענען.

דעם שרייבער פון דעם זיבעצנטן בריוו האָבן די קינדער גלייך דערקענט. דאָס איז געווען בערעלע „קאַצנקאָפּ".

— אַלע טאָג — האָט ער געשריבן — אַז איך קום אין שול, מוז איך עפּעס פאַרגעסן. די מאַמע זאָגט, אַז מיין טאַטע איז אויך אַזאַ.

יאַנקעלע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט ריכטיק אָנשרייבן די ווערטער מיט אַן וי — פויער, בויער, מויער, האָט ער שטענדיק געשריבן אָן אַ יוד נאָכן וואָוו. איצט האָט ער אַליין צוגעטראַכט אַ זאַץ און געשריבן צום לערער אַ בריוול אָן איין גרייז:

— אַ הויכער פויער שטייט ביים טויער פון אַ הויכן מויער.

— אַזוי איז גוט? — האָט ער פאַרענדיקט זיין בריוו מיט אַ פראַגע.

ס'איז דעריבער זייער גרינג געווען צו דערקענען, ווער ס'האָט גע־שריבן דעם אַכצנטן בריוו און אַלע האָבן געלאַכט.

ווער עס האָט געשריבן דעם ניינצנטן בריוו, האָבן געטראָפן נאָר די, וואָס ווייסן, אַז לייבעלעס טאַטע איז אין אַרגענטינע. לייבעלע האָט געשריבן:

— לערער! איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז מיין פאָטער איז שוין צוויי יאָר אין אַרגענטינע אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס. ער שפּילט דאָרט אין אַן אָרקעסטער. אויף חנוכּה האָט ער אונדז צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַ פאָטאָגראַפיע. ער האָט זיך אַרונטערגענומען מיט אַלע זיינע חבֿרים פון אָרקעסטער. דער פאָטער זעט דאָרט אוים זייער מאָדנע. איך האָב אים אָבער באַלד דערקענט.

***

אַ שיינעם אָוונט האָט געהאַט דער פינפטער קלאַס פון דער פּרץ-שול. גייענדיק אַהיים האָבן די קינדער זיך דערמאָנט וועגן דער פריי־לעכער פאַרשטעלונג, וועגן די לידער און שפּילן. אָבער מער פאַר אַלץ האָבן אַלע גערעדט וועגן דער נײַער שפּיל אין פליפּאַסט.

ש. באַסטאָמסקי.

וואָס באַטײַט?

1. פאַרווײַלונג — שׂמחה, entertainment. 2. גוט פאַרבראַכט — had a good time. 3. חתונה (כאַסענע) — wedding. 4. צוגעשפּיליעט — buttoned. 5. מזלדיק (מאַזלדיק) — גליקלעך, lucky. 6. חבֿרים — פרײַנד. 7. געהיימע — secret. 8. זידלען זיך — ניט רעדן שיין צו אַ צווייטן. 9. פאַרטאָן — פאַרנומען. 10. געברוגזט זיך (געברויגעזט) — געווען בייז, אויפגערעגט, excited. 11. פּאַק — bunch. 12. כּסדר — שטענדיק, די גאַנצע צײַט. 13. פאַרלאַנגען — זיי ווילן. 14. ווערט — worth. 15. וויל ניט לײַדן — געפעלט אים ניט. 16. מיאוסע — ניט שיינע. 17. צונע־מענישן — nicknames. 18. ביבליאָטעק — library. 19. געציטערט — זיך געשראָקן. 20. האָבן טענות (טײַנעס) — באַקלאָגן זיך. 21. חודש (כוידעש) — מאָנאַט. 22. קאָלאָניע — קעמפּ. 23. גרײַז — פעלער, mistake. 24. זיך אַרונטערגענומען — they took a picture.

חתונה	מזלדיק	מיאוסע	טענות

פראַגעס:

1. וואָס פאַר אַ פאַרווײַלונג האָבן געהאַט די קינדער פון דער פּרץ־שול? 2. וואָס פאַר אַ שפּיל האָט שלמהלע געבראַכט? 3. אין וואָס באַשטייט די שפּיל? 4. ווי האָבן זיך די קינדער געפילט ווען זיי האָבן געלייענט די בריוו? 5. פאַר וואָס האָבן אַ פּאָר קינדער געלאַכט, אַנדערע האָבן זיך גערייטלט און געברוגזט זיך? 6. וואָס האָבן די קינדער גע־בעטן דעם לערער? 7. אויף וואָס באַקלאָגט זיך דאָס קינד אין ערשטן בריוו? 8. ווער איז גערעכט, דאָס קינד, צי דער טאַטע? 9. פאַר וואָס האָט דער לערער גלײַך גענומען לייענען דעם דריטן בריוו און זיך ניט לאַנג אָפּגעשטעלט אויפן צווייטן? 10. וועגן וואָס דערציילט דער עלפ־טער בריוו? 11. וועגן וואָס האָט געשריבן לייבעלע אין זײַן בריוו? 12. וואָסער בריוו איז דער קאָמישסטער? 13. וועלכער איז דער טרויע־ריקסטער? דער אינטערעסאַנטסטער? 14. אין וועלכן בריוו ווערט גע־לייבט די יידישע שול? 15. פאַר וואָס איז די קינדער די שפּיל געפעלן געוואָרן?

פרעג און ענטפער

1. קען אַ זייגער גיין פיר און צוואַנציק שעה כּסדר?
2. קען אַ מענטש אַרבעטן זיבן טעג כּסדר און זיך ניט אָפּרוען?
3. ווערט די וועלט כּסדר בעסער, אָדער ניט?
4. ווערט אַ מענטש כּסדר עלטער, אָדער ניט?

יידיש אַזוי ווי ענגליש

שטיין, בלײַבן

שטיין מיינט אין יידיש שטיין אויף עפּעס, שטיין אויף די פיס (ווען מע זיצט ניט). אין ענגליש ניצט מען דעמאָלט דאָס וואָרט to stand.

בלײַבן איז: to stay, to remain.

Why are you *standing* at the window?

פאַר וואָס שטייט איר בײַם פענצטער?

Why don't you want to *stay* here?

פאַר וואָס ווילט איר דאָ ניט בלײַבן?

אויפגאַבע: אויפן אָרט פון שטריך שטעלט אַוועק וואו מע דאַרף: בלײַב, בלײַבט, בלײַבן, שטייט, שטיין.

1. ווען מײַנע עלטערן גייען אין אָוונט אַוועק ——— איך אַליין אין דער היים. 2. דער פּוילער שילער ——— שטענדיק איבער אין שול. 3. איך וועל ——— בײַ מײַן חבר איבער שבת. 4. דער טיש ——— בײַ דער וואַנט. אָפּט 5. ——— דער לערער איבער אין שול צו פאַר־ברענגען מיט די קינדער. 6. עס איז שווער צו ——— אויף איין פוס. 7. ווען מע ———צו לאַנג ווערט מען מיד. 8. וועט איר דאָ נאָך לאַנג ———, אָדער איר וועט באַלד אַוועקפאָרן. 9. וועסטו דאָ נאָך לאַנג ———, אָדער דו וועסט באַלד אַוועקגיין פון דאַנען?

זעצט עס איבער אויף יידיש:

1. Did you stay long at (אויף) the play ground? (שפּילפּלאַץ). 2. Please stay here, don't go away. 3. He stays home to do (מאַכן) his (די) home work. 4. Stay here and read the sentences. 5. The child stood beside (לעבן) his father. 6. How long did you stay in your friend's house? 7. The chair stands behind the door. 8. Last summer I went to camp for (אויף) two weeks, but I stayed there only a week. 9. I stood all the time, and did not sit down for (אויף) a moment (אַ רגע). 10. How long did you stand there? 11. How long did you stay there?

די מאַמע גייט אין „לײַברערי״

די צוועלפיאָריקע בעסי, כאָטש זי גייט נאָך אין אַ גאַנץ קורץ קליידל, האַלט שוין פון זיך אַליין אַ וועלט.

און נישט נאָר קעגן די חבֿרטעס בלאָזט זיך די צוועלפיאָריקע בעסי, אַפילו אויף דער אייגענער מאַמען קוקט זי אויך פון אויבן אַראָפּ.

די פּאָר חבֿרטעס וואָס בעסי האָט, נעמט זי זייער זעלטן צו זיך אַרויף. זי שעמט זיך מיט דער מאַמען, כאָטש זי ווייס, אַז אויך זיי האָבן נישט קיין געלערנטערע מאַמעס, ווי אירע.

אויב זי נעמט שוין אַ מאָל יאָ אַרויף אַ חבֿרטע צו זיך, האָט זי מורא צו זאָגן דער מאַמען אַ וואָרט, כּדי יענע זאָל איר נישט ענטפערן צוריק אין ייִדיש. מעג בעסי זײַן ווי הונגעריק, וועט זי נישט בעטן עסן בײַ דער מאַמען, ווען אַ חבֿרטע איז דאָ אין שטוב. אַז זי איז אין שטוב אַליין, רעדט זי ענגליש און די מאַמע ענטפערט איר אין ייִדיש. צום גליק דאַרף בעסי מיט דער מאַמען קיין סך נישט רעדן. אַ גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין אָוונט איז זי אָדער אין סקול, אָדער אויפן גאַס, אָדער אין „לײַברערי״.

אין דער „לײַברערי״ איז בעסי אַ גאַנצע מאַכערין. נישט נאָר לייענט זי דאָרט ביכער און נעמט אַהיים צו צוויי און דרײַ ביכער, נאָר די „לײַברערי״ איז איר צווייטע היים.

אַז בעסי קומט אַהיים אַ הונגעריקע, בעט זי גלײַך עסן. דאָס עסן פאָדערט זי ווי אַ חובֿ, וואָס איר קומט. זי האָט פאַרבראַכט צוויי שעה אין דער „לײַברערי״, האָט דאָרט געלייענט די שענסטע ענגלישע ביכער, און אַהיים געבראַכט גאַנצע דרײַ ביכער מיט אַ מאָל — קומט איר דערפאַר ניט עסן?...

פאַר די ביכער און פאַר דער „לײַברערי״ האָט די מאַמע גרויס רעספּעקט. זי וואונדערט זיך נאָר, ווי אַזוי קען אַ צוועלפיאָריקע מיידל אַזוי פיל. זי האָט צו צוועלף יאָר אין

איר היים, אין שטעטל, געהאָלפן וואַשן וועש, אָדער געוויגט דאָס קלענערע קינד. ווען האָט זי געוואוסט פון אַ בוך ?

און אָפט מאָל דערפילט בעסים מאַמע אַ מין קנאה צו איר אייגענעם קינד, וואָס עס גייט איר אַזוי גוט. דעמאָלט פאַרווילט זיך איר אָנבייזערן אויף איר, ווי עס האָט זיך גע־בייזערט און געשריען אַמאָל איר מאַמע. אָבער זי דערמאָנט זיך, אַז דאָ איז אַמעריקע און שרײַען אויף קינדער איז ניט אָנגענומען.

און די מאַמע האָט געזוכט, ווי אַזוי צו געפעלן ווערן איר טעכטערל. זי פלעגט איר כּסדר אונטערקויפן מיט אַ ריין אַמעריקאַנער מאכל. פלעגט עס אַפילו בעסי ליב האָבן, אָבער מער רעספּעקט קריגן פאַר דער מאַמען פלעגט זי דערפאַר נישט.

ענדלעך האָט די מאַמע צופעליק אויסגעפונען, אַז אין דער זעלבער „לײַברערי", וואו בעסי נעמט אירע ענגלישע ביכער, זײַנען אויך דאָ יידישע ביכער. די נײַס האָט זי אין אָנהייב אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט זיך געהאַלטן אין איין וואונדערן און אין איין איבערפרעגן: איז דאָס מיגלעך, אַז אין אַן אַמעריקאַנער „לײַברערי" זאָלן אויך זײַן יידישע בי־כער ?

⁂

צו דער מאַמעס גליק איז ניט געווען קיין ברעג, ווען אין דער „לײַברערי" האָט זי געטראָפן אַ זייער סימפּאַטישע און צוגעלאָזטע יידישע מיידל, וואָס האָט מיט איר גערעדט יידיש, פּונקט ווי אין דער היים. זי האָט איר געזאָגט וועלכע ביכער צו לייענען, און האָט איר גלײַך געגעבן צוויי ביכער.

— לייענט וואָס מער, און קומט נאָך אַ מאָל!...

אַז די מאַמע איז געקומען אַהיים, איז בעסי געזעסן אין שטוב און פאַרבראַכט מיט אַ חבֿרטע. דערזעענדיק די מאַמע אַרײַנקומענדיק מיט צוויי ביכער, האָט זי אין אָנהייב זיך איבערגעקוקט מיט איר חבֿרטע, נאָך דעם האָט זי שטיל גע־פרעגט אין ענגליש:

— וואו ביסטו געווען ?

— אין דער „לײַברערי"...

בעסי האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר חבֿרטע, יענע אָבער האָט פאַרוואונדערט געקוקט צום טיש, וואו די צוויי ביכער זײַנען געלעגן מיטן שטעמפּל פון דער זעלבער „לײַברערי", וואו זיי ביידע נעמען ביכער.

און זינט דעמאָלט האָט בעסי פּאַר איר מאַמען אָנגעהויבן צו האָבן דרך־ארץ. זי דערציילט איר דעם אינהאַלט פון אירע ענגלישע ביכער און פאָדערט דערפאַר, אַז די מאַמע זאָל איר דערציילן וואָס זי לייענט אין די ייִדישע ביכער.

די מעשׂיות פון די ייִדישע ביכער זײַנען בעסין אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט איין מאָל אַ זאָג געטאָן:

— מאַמע, איך וויל זיך אויסלערנען לייענען ייִדיש.

די מאַמע איז געווען זייער גליקלעך און אויף מאָרגן זײַנען זיי ביידע אַוועק פאַרשרײַבן בעסין אין אַ ייִדישער שול.

מוטער און טאָכטער זײַנען געוואָרן נאָענט. די טאָכטער האָט שוין מערניט געקוקט אויף דער מאַמען פון אויבן אַראָפּ און די מאַמע איז שוין מער איר טאָכטער ניט מקנא געווען.

און אַז ס'קומט אַ חבֿרטע צו בעסין און יענע פרעגט: וואו איז דײַן מאַמע? — ענטפערט בעסי מיט שטאָלץ:

— די מאַמע איז אַוועק אין דער „לײַברערי".

וואָס באַטײַט?

1. כאָטש — although. 2. האַלט פון זיך אַ וועלט — זי טראַכט אַז זי איז זייער וויכטיק, זייער קלוג, she thinks very highly of herself. 3. בלאָזן זיך — זיך האַלטן שטאָלץ, to be proud, to put on airs. 4. קוקן פון אויבן אַראָפּ — קוקן אויף עמעצן ווי אויף איינעם וואָס איז ווייניקער וויכטיק פון זיך. 5. חובֿ (כויוו) — debt. 6. קנאה (קינע) — envy. 7. אונטערקויפן — to bribe. 8. מאַכל (מײַכל) — delicacy. 9. צופעליק — accidentally. 10. סימפּאַטישע — אָנגענעמע, pleasant. 11. דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — רעספּעקט. 12. אינהאַלט — content. 13. מקנא זײַן (מעקאַנע זײַן) — to envy.

מורא	חובֿ	קנאה	מאַכל	דרך־ארץ	מקנא זײַן

פראַגעס:

1. פאַר וואָס קוקט בעסי פון אויבן אַראָפּ אויף דער מאַמען? 2. ווי פירט זי זיך אויף אין שטוב? 3. וואו פאַרברענגט בעסי די גאַנצע צײַט? 4. איז בעסי געווען געערעכט? 5. וואָס האָט די גוטע מאַמע געטאָן כּדי געפעלן צו ווערן איר טאָכטער? 6. פאַר וואָס האָט עס ניט געהאָלפן? 7. ווי האָט די מוטער געלעבט, ווען זי איז געווען אַ יונגע מיידל? 8. פאַר וואָס דערפילט בעסים מאַמע אָפט מאָל אַ מין קנאה צו איר טאָכטער? 9. וואָס האָט ענדלעך צונויפגעבראַכט די מוטער מיט דער טאָכטער? 10. ווי איז גאָר בעסין אײַנגעפאַלן צו גיין אין אַ יידישער שול? 11. פאַר וואָס האָט די טאָכטער אויפגעהערט צו קוקן אויף דער מאַמען פון אויבן אַראָפּ?

פרעג און ענטפער

בעט דײַן חבֿר אין קלאַס ער זאָל שטעלן די פראַגעס און דו ענטפער. ענטפער מיט אַ גאַנצן זאַץ. לאָז ניט דורך דאָס וואָרט ד ר ך - א ר ץ. דערנאָך פרעג דו און זאָל דײַן חבֿר ענטפערן. לאָמיר זען ווער עס וועט גיכער ענטפערן און ניט מאַכן קיין גרײַזן.

דאַרפן קינדער האָבן דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע?
דאַרפן קינדער האָבן דרך־ארץ פאַר זייערע לערערס?
דאַרפן קינדער האָבן דרך־ארץ איינע פאַר די אַנדערע?
דאַרפן מענטשן דרך־ארץ האָבן פאַר די וואָס האָבן אַ סך געלט?
דאַרפן מיר האָבן דרך־ארץ פאַר גרויסע געלערנטע?
דאַרפן מענטשן דרך־ארץ האָבן פאַר די וואָס האָבן געקעמפט פאַר פרײַהייט?

ווי מיינסטו, ווער פאַרדינט דעם גרעסטן דרך־ארץ? פאַר וואָס?

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

געדענק: דאָס ענגלישע וואָרט never. איז אין יידיש אַלע מאָל: קיין מאָל ניט.

זאָג די ווײַטערדיקע זאַצן אין יידיש:

1. He never saw his brother. 2. She never came into (אין) the city. 3. I will never do it again. 4. He is never afraid. 5. My father is never angry. 6. I never go out (אין דרויסן) on a rainy day. 7. I was never in a village. 8. I never read the book. 9. He never listens to a speech. 10. He never goes by (מיט דער) train.

משה גיך

פאראן ביי אונדז אין שול א יינגל משה. רופט מען אים נישט משה קאפּוישע, נאר: משה גיך, משה ווינט, משה שנעלצוג.

די צונעמענישן האט טאקע משה געקראגן פון די חברים אין שול, ווייל ער איילט זיך און לויפט שטענדיק ארום פארהאוועט און פאר־שמייעט און האט קיין מאל נישט קיין צייט.

דער דאזיקער משה איז שוין א בחור פון א יאר צען, אבער ווען איר קוקט אים אן, וואלט איר געזאגט, אז ער איז נאך אפילו ניט אלט קיין זיבן.

— פאר וואס?

— ער וואקסט נישט.

פרעגט מען אים:

— משה, דו וואקסט דאך גארנישט!

— איך האב נישט קיין צייט — זאגט ער.

האט משה א שוועסטער שרה, איז זי עלטער פאר אים מיט צוויי יאר, און אז ער קריגט זיך מיט איר, סטראשעט ער זי נאר, אז ער וועט זי אריבעריאגן אין די יארן.

— וועסט זען — זאגט ער — אז איך וועל זיך געבן אן איל צו, וועל איך זיין דער עלטערער און דו די יינגערע...

— ווי אזוי?

— איך הייס משה גיך, איך קען אין איין יאר אניאגן דריי...

משה איז טאקע א גיכער, משה איז טאקע א ווינט; ער רעדט גיך, עסט גיך, לערנט גיך, שלאפט גיך, לייענט גיך אאז״וו.

אנומלט, שטייט משה אויף באגינען, פרעגט מען אים:

— וואס אזוי פרי?

—איך איל זיך, איך וויל נישט פארשפעטיקן אין שול?

משה טוט זיך אן גיך, גיך און פארבייט די שיך: טוט אן דעם רעכטן שוך אויפן לינקן פוס, דעם לינקן שוך אויף דעם רעכטן פוס, דאס רעקל אויף דער לינקער זייט.

— משה — זאגט די מאמע — זע נאר ווי אזוי דו האסט אנגעטאן די שיך.

— לאז שוין זיין — זאגט ער — היינט אזוי, איך איל זיך...

פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע לאָזט אים נישט אָפּ און ער מוז אי־בערבײַטן די שיך, איבערדרייען דאָס רעקל, צי די בלוזע, און ער כּעסט זיך, שרײַט

— כ׳על שוין הײַנט פאַרשפּעטיקן אין שול!

מיטן וואַשן איז ווידער דאָס זעלבע: משה טוט אַ נעץ אײַן אײַן באַק און זאָגט:

— שוין, אָפּגעוואַשן.

— ווען וועסטו וואַשן די אַנדערע באַק? — פרעגט אים די מאַמע.

— שפּעטער. איך האָב קיין צײַט ניט...

משה מוז זיך גוט אַרומוואַשן און אויך זיך רייניקן די ציין, אָפּפּוצן די מלבושים, די שיך און ער אײַלט זיך און זאָגט:

— מאַמע, אפשר וועט זײַן גענוג אָפּצופּוצן דערווײַל איין שוך?

— און מיטן צווייטן וואָס וועט זײַן?

— דעם צווייטן וועל איך אָפּפּוצן מאָרגן.

די מאַמע לאַכט.

— מאָרגן וועסטו פּוצן נאָך אַ מאָל...

פון אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס און פּונקט דאַן, ווען משה שטייט אויף פרי, פאַרשפּעטיקט ער ערשט רעכט אין שול.

— ווי אַזוי?

— אַזוי ווי ער אײַלט זיך, לויפט ער אַוועק אָן די העפטן און מוז זיך אומקערן צוריק אַהיים און ווען ער נעמט שוין די העפטן און לויפט גיך, גיך אין שול אַרײַן, דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט פאַרגעסן די פּעדער. לויפט ער שוין צוריק נאָך דער פּעדער, פאַרגעסט ער דערווײַל דאָס ביכל.

פאַרשטייט זיך, אַז משה קומט אין שול אַרײַן שוין אין מיטן דער לעקציע און ווען דער לערער פרעגט אים, פאַר וואָס ער האָט פאַרשפּע־טיקט, זאָגט ער:

— כ׳האָב זיך געאײַלט...

— אַז דו האָסט זיך געאײַלט, האָסטו דאָך געדאַרפט קומען פריִער ווי אַלע?

משה שווײַגט, משה שעמט זיך צו דערציילן, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט און אַלע קינדער לאַכן פון אים.

משה גיך, קומט דער לעצטער...

משה שנעלצוג, פאַרשפּעטיקט זיך...

משה ווינט איז קיין מאָל נישטאָ צו דער צײַט. . .

אַז עס קומט צו דער לעקציע און דער לערער רופט אים אַרויס צום לייענען, לייענט ער תּמיד מיט צען בלעטער ווײַטער.

— משה, וואו לייענסטו? — פרעגט אים דער לערער.

— אויף זײַט הונדערט און צוואַנציק.

— מיר האַלטן דאָך ערשט זײַט הונדערט און צען.

משה קוקט פאַרחידושט. משה האָט זיך געאײַלט אַ ביסל, און אַלע קינדער לאַכן ווידער פון אים.

⁂

אין שטוב האָט אויך די מאַמע פון אים גרויסע צרות. אַנומלט זאָגט זי אים:

— משה, גיי אין קראָם און ברענג מיר צוויי פונט...

הערט נישט משה מער ווי די ערשטע ווערטער, כאַפּט ער די פיס אין די הענט אַרײַן און לויפט.

די מאַמע שרײַט אים נאָך:

אָבער משה איז שוין נישטאָ. משה איז שוין אויפן גאַס.

גייט נישט דורך קיין צוויי מינוט און דער בחור איז דאָ צוריק.

— מאַמע, נאָך וואָס האָסטו מיך געשיקט?

— כ'האָב דיך געשיקט נאָך צוקער. . .

די מאַמע וויל אים זאָגן וויפל צוקער, אָבער משה איז שוין ווידער נישטאָ. משה פליט שוין ווי אַן עקספּרעס איבער דער גאַס און דרייט מיט די הענט ווי אַ ווינטמיל. אים דוכט זיך, אַז ער איז אַ לאָקאָמאָטיוו און פליט איבער פעלדער און וועלדער און מאַכט:

— טראַטאַטאַ! טראַטאַטאַ!

אַוודאי גייט נישט פאַרבײַ קיין מינוט און משה איז דאָ צוריק מיט ליידיקן.

— וויפל צוקער?

די מאַמע איז בייז.

— עס איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן פון דיר! וואָס ביסטו געלאָפן? גיי ברענג צוויי פונט צוקער. . .

איידער די מאַמע פאַרענדיקט אירע רייד, איז שוין משה אויפן גאַס און ער לויפט און חזרט זיך:

— צוויי פונט צוקער! צוויי פונט צוקער!

אין אַ סעקונדע — ער איז ווידער דאָ צוריק.

— און געלט ?

— נאָ דיר געלט און ברענג. . .

משה כאַפּט דאָס געלט און לויפֿט אַרויס, און די מאַמע שרייַט אים נאָך :

— משה! משה!

אָבער משה איז שוין ווידער אויפֿן גאַס.

אין אַ פּאָר סעקונדעס אַרום, משה איז ווידער דאָ.

— וואָסער צוקער, קלעצלעך, צי מעלצוקער ?

די מאַמע זעט, אַז זי וועט שוין פֿון דעם בחור נישט אַרויסקריכן, כאַפּט זי אים אָן פֿאַר די לאַצן, האַלט אים צו פֿעסט און זאָגט :

— ברענג מיר צוויי פֿונט מעלצוקער פֿאַר פֿופֿצן סענט, גיב אַ האַלבן דאָלער און נעם פֿינף און דרייַסיק סענט רעשט, פֿאַרשטאַנען ?

— יאָ, זאָגט משה און וויל שוין לויפֿן. אָבער די מאַמע האַלט אים פֿעסט ביַי די לאַצן.

— זאָג מיר איבער וואָס האָב איך דיר געהייסן קויפֿן ?

— האָסט מיר געהייסן קויפֿן אַ האַלבן דאָלער פֿאַר פֿופֿצן סענט און נעמען רעשט צוויי פֿונט מעלצוקער.

— משה גיך! משה ווינט! — זאָגט די מאַמע — צוויי פֿונט מעל־צוקער פֿאַר פֿופֿצן סענט און נעם רעשט פֿינף און דרייַסיק סענט.

— קויפֿן פֿינף און דרייסיק סענט פֿאַר אַ האַלבן דאָלער און נעמען רעשט צוויי פֿונט מעלצוקער — זאָגט משה.

די מאַמע זעט, אַז זי וועט שוין מיט משהן גאָרנישט מאַכן, לאָזט זי משהן צו רו און גייט אַליין אין שפּייַזקראָם אַרייַן.

אָט אַזאַ פֿאַרשווין איז משה, משה גיך. ליטמאַן.

וואָס באַטייַט ?

1. שנעלצוג — עקספּרעס. 2. צונעמעניש ן— nicknames. 3. פֿאַר־האַוועט, פֿאַרשמייַעט — פֿאַרנומען. 4. אַ בחור (באָכער) — יינגל. 5. סטראַשעט — threatens. 6. אַנומלט — מיט אַ קורצער (געוויסער) צייַט צוריק. 7. באַגינען — גאָר פֿרי, dawn. 8. כעסט (קאַעסט) זיך — בייזערט זיך. 9. מלבושים (מאַלבושים) — קליידער. 10 רעכט — ריכטיק. 11. תמיד (טאָמעד) שטענדיק. 12. פֿאַרחידושט (פֿאַרכידעשט)—פֿאַרוואונדערט, surprised. 13. צרות (צאָרעס) — trouble. 14. אוודאי (אַוואַדע) — געוויס, זיכער. 15. חורט (כאַזערט) זיך — לערנט זיך איבער. 16. לאַצן — lapels of a coat. 17. רעשט — אויסגאַב, change. 18. שפּייַזקראָם — grocery.

בחור חורט זיך	כעסט זיך מלבושים	תמיד	פֿאַרחידושט	צרות	אוודאי



פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס!

וואָס טויג דאָ ניט?

1. וואַשינגטאָן איז די הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד. 2. אַ וואָך האָט אַכט טעג. 3. אַן ענטל האָט פיר פיס און קען ניט שווימען. 4. די ערד איז פלאַך און דרייט זיך אַרום דער זון. 5. משה האָט אַרײַנגעפירט די ייִדן אין מצרים (מיצראַיִם). 6. אַ גוטער תלמיד גרייט קיין מאָל ניט די לעקציעס. 7. למך איז אַ גרויסער חכם. 8. זומער איז זייער קאַלט און ווינטער איז אַלע מאָל הייס. 9. די קינדער באַשטראָפן די לערערס, ווען זיי פאַרשפּעטיקן זיך אין שול. 10. אַ ייִדיש בוך הייבט מען אָן צו לייענען פון לינקס אויף רעכטס.

זאָג דעם אמת!

האָסטו זיך	ווען עס איז	דערשראָקן
האָט זיך (נאָמען)	טאָקע	אויסגעגליטשט
	גאָרניט	צעטומלט
	אויף אַן אמת	פאַרשפּעטיקט
	דעמאָלט	פאַרשעמט
	אַזוי	באַרימט
		צעוויינט
		צעלאַכט
		פאַרפּלאָנטערט

איינצאָל און מערצאָל. שרײַב צו לויטן מוסטער

שול — שולן	יאָר — יאָרן	שוך — שיך	לעקציע — לעקציעס
ווינט —	באַק —	פּוס —	באַבע —
צונעמעניש —	העפט —	זון —	רעגן —
צײַט —	גאָס —	האַנט — הענט	שאַפע —
לאָץ —	מינוט —	וואַנט —	פאָטער —

די פוילע שילערין

(אַ שפּיל)

אין צימער זײַנען דאָ צוויי מיידלעך. איינע מאַכט די לעקציעס און די צווייטע שפּאַצירט אַרום. די מאַמע קומט אַרײַן, זוכט עפּעס און די ערשטע מיידל זאָגט:

ראָזע: מאַמע, ווען דו זעסט, וואָס פאַר אַ שיינע לעקציע מיר האָבן אויף מאָרגן!

אסתּר: (מורמלט) שיין... שיין... זי וויל זיך באַווײַזן.

מאַמע: וואָס פאַר אַ לעקציע?

ראָזע: קריסטאָפאָר קאָלומבוס. די אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

מאַמע: אמת, זייער אינטערעסאַנט. איך וועל באַלד אַרײַנקומען, וועלן מיר שמועסן וועגן דער לעקציע.

ראָזע: גוט, מאַמע.

(די מאַמע גייט אַרויס).

די קינדער זעצן זיך לערנען. ראָזע קוקט פאַרטיפט אין ביכל און אסתּר מישט די בלעטער פון דער געשיכטע און ציילט זיי אויפן קול.

אסתּר: איינס... צוויי.... דרײַ.. פיר... און זיי מיינען, אַז דאָס אַלץ וועט מיר אַרײַן אין קאָפּ (זינגט) טראַ.. לאַ לאַ ראַ... טראַ... לאַ לאַ ראַ (לייענט) קריסטאָפאָר קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע אין יאָר טויזנט פיר הונדערט... (טוט האָסטיק אַ מאַך צו דאָס ביכל) אופֿףף! עס הייבט זיך שוין אָן מיט די ציפערן! איך וועל גיין אַ ביסעלע אי־בערלופטערן דעם קאָפּ. (שפּאַצירט אַרום איבערן צימער און רעדט בייז) ווער־עמען איז דאָס אײַנגעפאַלן צו שרײַבן געשיכטע? וואָס דאַרפן מיר וויסן, וואָס עס איז געשען?... דערצו נאָך מיט ציפערן... דער קאָ־לומבוס געפעלט מיר נישט. ווער ער זאָל נישט האָבן געווען... (עס קומט אַרײַן די מאַמע און זעט אסתּרן).

מאַמע: האָסט שוין געענדיקט?

אסתּר: ניין מאַמע. איך בין געגאַנגען טרינקען וואַסער. (גייט צום טיש און עפנט דאָס ביכל און לייענט הויך אויפן קול) קאָלומבוס... קאָ־לומבוס... האָט אַנטדעקט... אַנטדעקט אַמעריקע... אַמעריקע... אַמע־ריקע...

מאַמע: וויפל איז דער שיעור? מאַכסט מיר לעבער אין קאָפּ מיט דײַן אַמעריקע.

אסתּר: איך חזר זיך אײַן גוט.

מאַמע: (צו די קינדער) לאָמיר הערן, ווער איז געווען קאָלומבוס?

אסתּר: אַ מענטש...

ראָזע: אַ מאַטראָס פֿון גענוא.

אסתּר: איך האָב געוואָלט זאָגן. שטענדיק כאַפּט זי מיר אוים.

מאַמע: וואָס האָט קאָלומבוס געטאָן?

אסתּר: ער האָט... (קוקט אויפֿן סופֿיט) כ׳וועל דיר באַלד זאָגן... ער האָט...

ראָזע: אַנטדעקט אַמעריקע.

אסתּר: (בייז) זי לאָזט מיך נישט אויסרעדן. איך האָב געוואָלט זאָגן.

מאַמע: ווען איז דאָס געווען?

אסתּר: (טראַכט) אין יאָר... אין יאָר... (קלאַפּט זיך אין שטערן) שטענדיק פֿאַרגעס איך דאָס יאָר!

ראָזע: דעם 12טן אָקטאָבער 1492.

מאַמע: ווי האָט געהייסן דער אינדזל, וואו קאָלומבוס איז אַראָפּ־געגאַנגען אין אַמעריקע?

אסתּר: כ׳על דיר באַלד זאָגן. ער האָט געהייסן... עס ליגט מיר אויפֿן שפּיץ צונג.

ראָזע: די אײַנגעבוירענע פֿון לאַנד האָבן דעם אינדזל גערופֿן גואַהאַנאַהאַני און קאָלומבוס האָט אים גערופֿן סאַן־סאַלוואַדאָר.

מאַמע: וואו איז געשטאָרבן קאָלומבוס?

אסתּר: וואו ער איז געשטאָרבן? אין שטוב, מאַמע.

מאַמע: שווײַג, דו פֿוילע!

ראָזע: אין וואַליאַדאָליד, אין עלטער פֿון זיבעציק יאָר.

מאַמע: ראָזע, דו קענסט זיך גיין שפּילן. (צו אסתּרן) און דו בלײַב מאַכן די לעקציע.

(די מאַמע און ראָזע גייען אַרוים).

אסתּר: איך פֿרעג אײַך: ווער האָט קאָלומבוסן געבעטן אַנטדעקן אַמעריקע? איבער אָט דעם נאַרישן קאָלומבוס דאַרף איך דאָ זיצן... און פּונקט איז אים אײַנגעפֿאַלן אַנטדעקן אַמעריקע אין יאָר טויזנט פֿיר

הונדערט מיט נאָך עפּעס. פֿאַר וואָס האָט ער נישט אַנטדעקט אַמעריקע אין יאָר טויזנט, צי צוויי טויזנט, אַז עס זאָל זײַן גרינגער צו געדענקען? אַזאַ שלימזל! מע ווייסט, אַז ער איז נישט געגאַנגען אין שול אַרײַן און נישט געדאַרפֿט מאַכן קיין לעקציעס! דערפֿאַר זאָג איך: ווען מע שיקט מיך עפּעס אַנטדעקן, גיי איך נישט. עס איז פּשוט אַ רחמנות אויף די קינדער, וואָס וועלן נאָך דעם דאַרפֿן לערנען און שטודירן!... איך רעד און רעד און די צײַט גייט אַוועק. אַך! עס איז דאָך אַזוי היים!... איך ווער דאָ דערשטיקט... איך וועל אַרויסגיין אויפֿן הויף מאַכן די לעקציע. (גייט אַרויס מיטן ביכל אין האַנט).

ליטמאַן.

וואָס באַטײַט?

1. אַנטדעקונג — discovery. 2. אויפֿן קול (קאָל) — aloud.
3. איבערלויפֿטערן דעם קאָפּ — זיך אָפּרוען און כאַפּן פֿרישע לופֿט.
4. וויפֿל איז דער שיעור (שיר)? — ווי לאַנג? 5. חזר (כאַזער) זיך אײַן — לערנען זיך אײַן. 6. אינדזל — island. 7. פּשוט (פּאַשעט) אַ רחמנות (ראַכמאָנעס) — it is just a pity.

קול	שיעור	חזרן זיך	שלימזל	פּשוט	רחמנות

וואָס פֿאַר אַ לאַנד! וואָס פֿאַר אַ מענטשן!

אַלץ איז אין קאַפּויער־לאַנד פֿאַרקערט.

גלײַך בײַם אַרײַנגאַנג הענגט אַזאַ אויפֿשריפֿט:

ווי דו זאָלסט זיך פֿירן אין קאַפּויער־לאַנד

ווען דו ביסט הונגעריק זאָלסטו ניט עסן. ווען דו ביסט מיד זאָלסטו אַרויפֿקלעטערן אויף אַ הויכן באַרג. ווען עס ווערט פֿינצטער זאָלסטו אויסלעשן אַלע לאָמפּן. ווען עס טוט דיר וויי די ציין זאָלסטו אָנהייבן לאַכן. ווען דו שטייסט אויף אין דער פֿרי זאָלסטו זיך אויסטאָן.

ווי מיינסטו, וואָס נאָך פֿאַר אַ געזעצן פּאַסן זיך פֿאַר קאַפּויער־לאַנד?



מײַן מיידעלע

איר ווייסט, קינדער,
ווער עס וואַרט בײַ מײַן טיר ?
אַ פּיצינקע מיידעלע
וואַרט דאָרט אויף מיר.

איר נעזעלע האָט זי
צוגעפּרעסט צום שויב,
שטייט דאָרט און וואַרט,
ווי אַ שטילינקע טויב.

די הענטעלעך אירע —
ווי קאַטשקעלעך צוויי,
ווי בלימעלעך בלויע —
די אייגעלעך צוויי.

דערהערט זי מיך קומען,
לויפט זי צו דער טיר
און שטעלט אויס די ראָזינקע
הענטעלעך צו מיר.

ווערן די פיס בײַ מיר
פליגלדיק גרינג,
און וואָס נאָר איך טו,
טו איך און זינג.

שרה באַרקאָן.

אפשר ווי דער טאַטע?



עדי און זינע זײַנען געגאַנגען אין צירק. זיי האָבן געזען חיות, זיי האָבן געזען די גרויסע מענטשן און די קליינע מענטשעלעך, — אַלצדינג האָבן זיי געזען און זיך געוואונדערט. נאָר מער פון אַלץ זײַנען זיי געפעלן די קלאָונס.

— זע נאָר, — האָט עדי געשריִען, — זיי טראָגן היטלעך אויף די שפּיץ קעפּ.

— די נעז זײַנען בײַ זיי רויט און די פּנימער ווײַס, — האָט זינע געפּאַטשט מיט די הענטלעך.

— ער גייט ווי אַ קאַטשקע! זעסט? ווי אַ קאַטשקע!

פּלוצעם האָט זינע זיך פאַרטראַכט. עדי האָט זי געצויגן בײַם הענטל: קוק, זע... אָבער זי איז געווען פאַרטראַכט. עדי האָט נישט געקענט פאַרשטיין וואָס די שוועסטער איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי ערנסט. נאָר אַז זי וויל טראַכטן, זאָל זי טראַכטן. ער וועט ווײַטער קוקן אויף די קלאָונס און זיך מחיה זײַן.

— עדי — האָט זיך אין מיטן זינע אָנגערופן — זײַנען די קלאָונס טאַקע מענטשן?

— וואָס דען זײַנען זיי? חיות? — האָט עדי אומגעדולדיק געענטפערט.

— איך מיין, אַזוינע מענטשן ווי דער טאַטע...

דאָ האָט עדי זיך שוין אויך פאַרטראַכט, ווארעם ער האָט זיך אויסגעמאָלט ווי דער טאַטע גייט אָנגעטאָן אין ברייטע הויזן, דער פּנים איז אים באַדעקט מיט מעל, די אויגן איבערגעקערט און אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ שפּיציק מיצעלע, און...

— ניין, נישט ווי דער טאַטע!

— אַוודאי נישט ווי דער טאַטע, — האָט זינע געזאָגט.

זי האָט אויך נישט געקענט זיך אויסמאָלן אַ טאַטן ווי אַ קלאָון. אָבער אַז אַ מענטש איז ער, ווי ווער זשע איז ער?

זינע האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. זי האָט דעם קלאָון ליב געהאַט, רחמנות געהאַט וואָס ער איז אַ מענטש און איז נישט ווי דער טאַטע, נישט ווי קיין איין טאַטע אין דער וועלט.

*****

דער צירק איז דערווײַל געגאַנגען אויף רעדלעך: די בערן האָבן געטאַנצט און די קלאָונס האָבן זיי נאָכגעמאַכט די בערישע פּיס. אַקראָבאַטן האָבן זיך געוויגט אין דער הייך, — אַזוי הויך, אַז עדי מיט זינען האָבן אַוש נישט גע־קענט פאַררײַסן די קעפּ אַזוי הויך. און מיט אַ מאָל האָבן זיך צוויי קלאָונס צונויפגעשלאָגן, גלײַך נאָז אין נאָז האָבן זיי זיך צונויפגעשלאָגן, און ביידע האָבן זיך צעוויינט. איינער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד און דער אַנדערער האָט גע־וויינט ווי אַן אַלטער מאַן, מיט אַ גראָב קול. אַלע אין צירק האָבן געלאַכט, קינדער זײַנען אַוש אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, אַזוי איז זיי געפעלן וואָס די קלאָונס וויינען.

זינען האָבן אָבער געשטיקט די טרערן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך טאַקע אין אמתן צעקלאַפּט און זיי וויינען ווײַל עס טוט זיי ווי.

— פאַר וואָס לאַכט מען אַז זיי וויינען? די מענטשן זײַנען שלעכטע, האָט זינע געטראַכט. עס אַרט זיי נישט אַז אַנדערע טוט ווי. זי וואָלט צוגעלאָפן צו דעם קלאָון, וואָס וויינט ווי אַ קליין קינד, און וואָלט אים אַ קוש געטאָן... זאָל ער אויפהערן וויינען.

דערווײַל האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טייל. די חיות האָט מען אַרונטערגעפירט, די אַקראָבאַטן זײַנען אַרונ־טערגעשפּרונגען פון די הוידלקעס, נאָר די קלאָונס זײַנען גע־בליבן. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער ברייטער אַרענע און האָבן געמאַכט נאַרישע שטיק. זינע האָט אַ שלעפּ געטאָן עדין:

— קום!

— וואוהין קום? — עדי האָט נישט געוואוסט, נאָר ער איז נאָכגעגאַנגען זינען. ביידע קינדער זײַנען אַרויף אויף דער אַרענע און זינע איז געבליבן שטיין. לעבן איר — עדי.

דער קלאָון, וואָס האָט פריִער געוויינט ווי אַ קינד, איז צוגע־
קומען. זינע האָט אים אויסגעשטרעקט איר הענטל און ער
האָט עס גענומען. אַ וואַרעמע האַנט האָט ער געהאַט, אַזוי
ווי דעם טאַטנס האַנט. און גערעדט האָט ער איצט ווי אַ
מענטש, אַזוי ווי דער טאַטע.
די קליינע זינע האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.
— איך האָב אַזאַ מיידעלע ווי דו, — האָט דער קלאָון
געזאָגט.
— און ביַי איר איז אויך דער פּנים באַדעקט מיט מעל?
האָט עדי געפרעגט.
דער קלאָון האָט דורכן מעל אַ שמייכל געטאָן און האָט
אַלץ געקוקט אויף זינען:
— ניין, זי גייט אין שול און איז אַ גוט קינד.
זינען איז געוואָרן אַזוי פריילעך דערפון, אַז זי האָט אַליין
נישט געוואוסט וואָס זי טוט: זי האָט אָנגעכאַפּט דעם
קלאָונס האַנט און האָט זי אַ קוש געטאָן.
דעם קלאָון האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, נאָר
רעדן האָט ער שוין נישט געקענט, ווייַל די מוזיק האָט זיך
צעשפּילט מיט שטורעם און דער קלאָון איז שוין ווידער גע־
לאָפן איבער דער אַרענע.

אפרים אויערבאַך.

וואָס באַטייַט?

1. חיות (כאַיעס) —animals. 2. געוואונדערט זיך —were surprised. 3. שפּיץ —top. 4. קאַטשקע — ענטל, duck. 5. מחיה (מעכאַיע) זיין זיך — האָבן פאַרגעניגן. 6. אומגעדולדיק —impatiently. 7. אויסגע־מאָלט זיך — זיך פאָרגעשטעלט, imagined. 8. מיצעלע — היטעלע. 9. אוודאי — זיכער. 10. רחמנות (ראַכמאָנעס) האָבן — האָבן מיטלייד, to pity. 11. געגאַנגען אויף רעדלעך — געווען לעבעדיק, לוסטיק. 12. פאַררייַסן — אויפהייבן. 13. קול (קאָל) — שטים. 14. עס אַרט זיי ניט — עס קימערט זיי ניט, don't care. 15. הוידעלקעס — swings. 16. געמאַכט שטיק — made fools of themselves.

פראַגעס:

1. וואָס האָבן די קינדער געזען אין צירק? 2. פאַר וואָס זייַנען זיי די קלאָונס מער געפעלן געוואָרן? 3. וואָס האָט דער ברודער געזאָגט דער שוועסטער? 4. פאַר וואָס האָבן די קינדער זיך ניט געקענט פאַר־שטעלן, אַז די קלאָונס זייַנען אַזעלכע מענטשן ווי דער טאַטע? 5. וועל־כע שפּיל פון די קלאָונס איז אַלעמען מער פון אַלץ געפעלן? 6. פאַר וואָס איז זינע טרויעריק געוואָרן, ווען אַלע האָבן געלאַכט? 7. וואָס האָט זי דערבייַ געטראַכט? 8. ווי האָבן די קינדער אויסגעפונען, אַז די קלאָונס זייַנען אמתע מענטשן, טאַקע ווי דער טאַטע? 9. פאַר וואָס האָט דער קלאָון וואָס האָט זינען אַ קוש געטאָן געוויינט?

האָסטו עס ווען עס איז געזען?

אוודאי	האָב איך עס	ווען עס איז	געזען
מסתמא	האָסטו עס	אַלע מאָל	באַמערקט
אפשר	האָט ער עס	קיין מאָל ניט	געלייענט
געווים	האָט (נאָמען) עס	וואו עס איז	געשריבן
	האָבן זיי עס	אַמאָל	געלערנט
	האָבן מיר עס	טאַקע	געטאָן
		פריִער	געפרעגט
		שפּעטער	פאַרשלאָסן
			פאַרשפּאַרט
			באַהאַלטן
			געזאָגט
ווער האָט עס?			גענומען

פרעג און ענטפער

בעט דײַן חבר אין קלאַס ער זאָל דיר שטעלן די פראַגעס און דו ענטפער. אַט אַזוי ווי עס ווערט געוויזן אין דעם בײַשפּיל:

— וואָלטסטו זיך דערשראָקן ווען דו דערזעעסט אַ העלפאַנט?

— ניין, איך וואָלט זיך ניט דערשראָקן, ווען איך דערזע אַ העלפאַנט.
(אָדער) — יע, איך וואָלט זיך דערשראָקן, ווען איך דערזע אַ העלפאַנט.

איצט פרעג: וואָלטסטו זיך דערשראָקן ווען דו...

1. דערזעעסט אַ העלפאַנט.
2. דערזעעסט אַ מויז.
3. דערזעעסט אַ הונט, וואָס בײַסט זיך.
4. דערזעעסט אַ בין.
5. דערזעעסט אַ באַן גייט אַרונטער פון די רעלסן.
6. זעעסט דײַן קליין ברודערל פאַלט.
7. זעעסט די מאַמע שטייט און וויינט.
8. זעעסט דאָס הויז וואו דו וואוינסט ברענט.
9. זעעסט דער טאַטע קומט פריִער ווי אַלע מאָל פון דער אַרבעט.
10. ווען דו קומסט אַהיים און די טיר איז פאַרשלאָסן.

גייט איבער נאָך אַ מאָל די פראַגעס. איצט זאָלט איר פרעגן:

— פאַר וואָס וואָלטסטו זיך דערשראָקן?

— פאַר וואָס וואָלטסטו זיך ניט דערשראָקן?

פרעג און ענטפער

אַנו, לאָמיר זען ווער עס וועט קענען גיכער פרעגן און ענטפערן. זאָל איין שילער פרעגן בײַם צווייטן. אַט אַזוי: — וואָס טראָגסטו אויפן ——— ? (גיב אַ וואָרט פון דער ריי, וואָס איז באַצייכנט מיט „א"). — אויפן... (א)... טראָג איך ——— (נעם אַ וואָרט פון דער ריי וואָס איז באַצייכנט מיט „ב")

(ב)	(א)
אַ רינג, ברילן, קליידער	קאָפּ, נאָז, האַלדז
אַ פּעקל, אַ שאַל, אַ היטל	לײַב, פינגער, אַקסל

מאַמעס

עס היטן די הימען,
אין גרויקייט געמאָלט —
די מאַמעס, די ליבע,
מיט הערצער ווי גאָלד.

אין שטענדיקער ענגשאַפט,
און אָפט מאָל אין נויט, —
זיי וועקן זיך אויף שוין
ווי טאָג נאָר ער גרויט.

אַליין אויפגעשטאַנען
און קיינעם געוועקט;
מיט רירנדער מינע
אַ קינד צוגעדעקט.

האַ, זאָל עס נאָך שלאָפן
און זי וועט אַליין
דעם אָנבייַסן גרייטן;
אין שפּייַזקרעמל גיין.

דאָס האַרץ פון דער מוטער
מיט ליבשאַפט איז פול;
דאָס קינד זאָל ניט הונגעריק
אַוועקגיין אין שול . . .

אַברהם רייזען.

אַ מתּנה דער מאַמען

א.

חנהלע און הערשל זייַנען געווען שוועסטער און ברודער. הערשעלע איז געווען אַכט יאָר אַלט און חנהלע — פינף. זייער טאַטע־מאַמע האָבן זיך געזאָרגט פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן גוטע קינדער און אַז זיי זאָל גאָרניט ניט פעלן.

ביידע קינדער, הערשעלע און חנהלע, האָבן זייערע עלטערן שטאַרק ליב געהאַט. דער טאַטע איז אַלע מאָל געווען אַזאַ גוטער און אַ פריילעכער. ער פלעגט אָפט ברענגען די קינדער שיינע מתּנות. די מאַמע איז געווען

זייער אַ „געלערנטע". זי פּלעגט הערשעלען העלפֿן צוגרייטן די לעקציעס פֿון דער סקול. הערשעלע האָט געוואוסט, אַז די מאַמע קען גוט ענגליש, און אַז זי איז אין קאָלעדזש געגאַנגען.

איין מאָל האָבן זיך די קינדער דערוואוסט, אַז אין גיכן דאַרף זײַן דער מאַמעס געבורטסטאָג.

עס איז אײַנגעפֿירט בײַ זיי אין הויז, אַז דער טאַטע פּלעגט יענעם טאָג דער מאַמען קויפֿן אַ מתּנה און אין אָוונט האָט מען געפּראַוועט אַ שיינעם יום־טובֿ. הערשעלע האָט אין דער שטיל זיך צונויפֿגערעדט מיט זײַן שוועסטערל, אַז אויך זיי זאָלן הײַנטיקס יאָר קויפֿן דער מאַמען אַ מתּנה. נאָר דערווײַל זאָל עס בלײַבן אַ סוד. די קינדער האָבן געוואָלט די מאַמע איבעראַשן. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן אָפּשפּאָרן די פּענים, וואָס זיי קריגן אויף צו קויפֿן זיך נאַשערײַען.

די קינדער האָבן גענומען קלערן וואָס פֿאַר אַ מתּנה זיי זאָלן קויפֿן דער מאַמען. האָבן זיי געטראַכט און געטראַכט און גאָרניט געקענט אויסטראַכטן, ביז זיי האָבן אָפּגעמאַכט בײַ זיך, זיי וועלן גאָר פֿרעגן אַן עצה בײַ דעם טאַטן, ער וועט זיי געוויס אַרויסהעלפֿן.

***

איין מאָל, ווען די מאַמע איז ניט געווען אין שטוב, האָבן זיי דערציילט דעם טאַטן די גאַנצע זאַך. דעם טאַטן איז דאָס זייער געפֿעלן געוואָרן. ער האָט אַפֿילו געזאָגט, אַז דאָס געלט אויף דער מתּנה וועט ער אַליין געבן. נאָר וואָס אַזוינס זאָל מען קויפֿן? זײַנען אַלע דרײַ געזעסן און געקלערט, ביז די מאַמע איז צוריקגעקומען. מען האָט געמוזט איבעררײַסן דעם שמועס.

הערשל אַליין איז יענע טעג אַרומגעגאַנגען שטאַרק באַזאָרגט. ער איז געוויינט געווען, אַז ווען ער באַשליסט עפּעס צו טאָן, זאָל ער דאָס אויספֿירן און ניט גלאַט אַזוי רעדן.

הערשעלע איז שוין געגאַנגען אין אַ ייִדישער שול. איין מאָל, אַז ער איז געזעסן אין קלאַסצימער און דער

לערער האָט מיט די קינדער געלערנט ייִדישע געשיכטע, האָט הערשעלע זיך פאַרקוקט אויפן לערער. הערשעלע האָט אַ קלער געטאָן, אַז דער לערער איז דאָך זייער אַ קלוגער מענטש, און אים איז איַינגעפאַלן, ער וועט גאָר מיט אים זיך האַלטן אַן עצה, וואָס פאַר אַ מתנה עס פּאַסט זיך פאַר אַ מאַמעס געבורטסטאָג.

— די בעסטע זאַך, — האָט דער לערער געזאָגט — איז צו געבן דער מאַמען אַ ייִדיש בוך. דאָס וועט זיַין אַ שיינע מתנה.

— וואָס פאַר אַ בוך? — פרעגט שוין הערשל זייער אַ צופרידענער.

— וואָס פאַר אַ בוך? — טראַכט אַ וויַילע דער לערער — שלום־עליכמס קינדער־מעשׂיות.

דער לערער גייט באַלד צו צו דער פּאָליצע, נעמט אַרויס דאָס בוך, און גיט עס איבער הערשלען. הערשל כאַפּט דאָס בוך, פּאַקט עס איַין צוזאַמען מיט זיַינע אייגענע ביכער, אַז מע זאָל גאָרניט באַמערקן און ער קומט צו לויפן אַהיים.

דעם זעלבן אָוונט האָט ער שוין אין דער שטיל דער־ציילט פון דעם דעם טאַטן. קיין סך רעדן האָט מען ניט גע־קענט, צוליב דעם וואָס די מאַמע איז גראָד יענע מינוט גע־ווען אין דער היים. נאָר ס'האָט אויסגעזען, אַז דער טאַטע איז צופרידן. און חנהלע איז דאָך אַוודאי געווען צופרידן. אַלץ וואָס הערשל האָט געטאָן, איז איר געווען געפעלן.

ב.

ענדלעך איז געקומען דער אָוונט פון דעם געבורטסטאָג. עס זיַינען געקומען אַ סך מענטשן, דער מאַמעס און דעם טאַטנס פריַינד. דער טיש איז געווען געגרייט מיט אַלע גוטע זאַכן. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן זייער פריילעך. נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט געגעבן אַ וואונק צו הערשעלען, איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען די קליינע חנהלע מיט דער מתנה אין האַנט, אַזוי ווי ס'איז אָפּגערעדט געווען.

אַלץ איז דוכט זיך צוגעגאַנגען גוט. די מאַמע האָט זיך

זייער געפּרייט. נאָר אַז זי האָט צעעפנט דאָס פּעקל און דער־זען דאָס בוך, איז זי אַ ווײַלע שטיין געבליבן און גאָרניט גע־זאָגט.

הערשעלע האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט וואָס וועט די מאַמע זאָגן, און צי די מתנה וועט איר געפעלן. מיט אַ מאָל האָט ער דערזען ווי די מאַמע עפנט דאָס בוך און האַלט עס פאַרקערט, מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווי עס טוען מענטשן, וואָס קענען ניט לייענען. הערשעלע איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען:

— ניט אַזוי, מאַ, — האָט ער איבערגעקערט דאָס בוך אויף דער ריכטיקער זײַט. אַליין איז זײַן פּנים רויט געוואָרן ווי פײַער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן און דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און ביידע האָבן געשוויגן שטיל.

די מאַמע האָט באַלד דאָס בוך אַוועקגעלייגט אָן אַ זײַט און די שמחה איז זיך געגאַנגען ווײַטער. מען האָט געגעסן און געטרונקען און זיך פריילעך געמאַכט. נאָר הערשעלע איז שוין ניט געווען רואיק און ער איז שלעכט געשלאָפן יענע נאַכט. ס'איז אים אײַנגעפאַלן אַ מאָדנע זאַך: זאָל דאָס זײַן אַז די מאַמע קען ניט לייענען קיין יִדיש? ווי קען דאָס זײַן? זײַן מאַמע — אַזאַ קלוגע, אַזאַ געלערנטע. ווי קומט דאָס?

ג.

אויף מאָרגן אין דער פרי, איידער הערשעלע איז אַוועק אין סקול, האָט ער געקוקט אויף דער מאַמען און געטראַכט: אַזאַ שיינע און אַזאַ יונגע און אַ געלערנטע! קען דאָס זײַן זי זאָל גאָר קיין יִדיש ניט קענען לייענען?

אין אָוונט, ווען מען האָט אָפּגעגעסן אָוונטברויט און די גאַנצע פאַמיליע איז נאָך געזעסן אַרום טיש, האָט הערשל אַ פרעג געטאָן: פאַר וואָס קען די מאַמע ניט לייענען קיין יִדיש?

האָט דער טאַטע ניט געוואַרט אויף דער מאַמעס ענט־פער און האָט הערשעלען דערציילט:

די מאַמע האָט אין דער יוגנט געמוזט זייער שווער אַר־

בעטן און זי האָט נאָך געוואָלט דורכגיין קאַלעדזש אויך. ס'איז איר ניט געבליבן קיין צײַט אויף צו לערנען זיך ייִדיש. אירע אייגענע טאַטע־מאַמע זײַנען געווען ווײַט פון איר אין אַן אַנדער לאַנד.

און ווען דער טאַטע האָט פאַרענדיקט דערציילן, האָט ער געזאָגט:

— שאַ, ווייסטו וואָס, הערשעלע, ס'איז נאָך איצט אויך ניט צו שפּעט פאַר דער מאַמען זיך אויסצולערנען ייִדיש. די מאַמע האָט אַ גוטן קאָפּ. זי וועט עס גיך באַנעמען.

האָבן אַלע זיך זייער דערפרייט מיט דעם. די מאַמע איז געווען זייער צופרידן. דער טאַטע אַליין האָט זיך אונטערגענומען זי צו לערנען, און הערשעלע האָט אויך צוגעזאָגט צו העלפן. און יענער אָוונט אין שטוב האָט זיך בײַ דער משפּחה פאַרענדיקט גאָר פרייליך.

מרים ראַסקין.

וואָס באַטײַט?

1. מתנה (מאַטאָנע) — present. 2. געפּראַוועט אַ יום־טובֿ (יאָם־טעוו) — celebrated a holiday. 3. סוד (סאָד) — secret. 4. איבערראַשן — to surprise. 5. עצה (אייצע) — advice. 6. פּאַסט זיך — fits. 7. אַוודאי (אַוואָדע) — געווים, זיכער. 8. וואָנק — wink. 9. שמחה (סימכע) — party. 10. משפּחה (מישפּאָכע) — פאַמיליע.

פראַגעס:

1. פאַר וואָס האָט הערשעלע שטאָלצירט מיט זײַן מאַמען? 2. ווי פלעגט די פאַמיליע פײַערן דער מאַמעס געבורטסטאָג? 3. מיט וועמען האָבן זיך די קינדער געהאַלטן אַן עצה וועגן אַ מתנה פאַר דער מאַמען? 4. איז אַ ייִדיש בוך אַ גוטע מתנה פאַר אַ מאַמען, צי ניט? 5. וואָס איז געשען ווען חנהלע האָט דערלאַנגט דער מאַמען דאָס בוך? 6. ווי האָט הערשעלע זיך געפילט נאָך יענער פאַסירונג? 7. פאַר וואָס האָט ער יענע נאַכט ניט געקענט שלאָפן? 8. פאַר וואָס האָט די מאַמע ניט געקענט לייענען קיין ייִדיש? 9. האָבן דער טאַטע און הערשל גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך איצט אונטערגענומען לערנען מיט דער מאַמען לייענען ייִדיש? פאַר וואָס? 10. וואָס איז דער שענסטער טייל פון דער דערציילונג?

לייענט נאָך אַ מאָל די מעשה און שטעלט צונויף אַ פּלאַן.

מתנה	יום־טובֿ	אַפילו	מעשיות	שמחה
מתנות	סוד	שלום־עליכם	אַוודאי	משפּחה
חנהלע	עצה	מעשה	פּנים	

די ווײַסע שאָף

אין דעם גאָרטן פֿאַר מײַן הויז —
טיר און פֿענצטער — אָפֿן,
וויינט אַ פֿויגל אין דער נאַכט,
וויינט און קען ניט שלאָפֿן.
ווי דער פֿויגל וויינט מײַן קינד,
ס'איז דער שלאָף אַנטלאָפֿן, —
פֿויגל, פֿויגל, זינג אַ ליד
אַז מײַן קינד זאָל שלאָפֿן.
שוואַרצע קרויזן, ווײַסע בעט,
ברוינע אויגן — אָפֿן,
און די מאַמע האַלדזט און גלעט —
ס'קען דאָס קינד ניט שלאָפֿן.
שומר, שומר פֿון דער נאַכט:
האָסטו ניט געטראָפֿן
ערגעץ בלאָנדזשענדיק אַ שאָף,
מיר און ניט דערשלאָפֿן?
אויף די וועגן — טשאַטעס וועלף,
פֿונעם וואַלד געלאָפֿן. —
שומר, שומר היט די שאָף:
ס'קען מײַן קינד ניט שלאָפֿן.
און דער שומר פֿון דער נאַכט,
פֿאַר די פֿענצטער — אָפֿן,
ברענגט די ווײַסע שאָף אַהיים,
און דאָס קינד נעמט שלאָפֿן.

מ. באַסין.

וואָס באַטײַט?

1. שאָף — sheep. 2. קרויזן — curls. 3. האַלדזט — נעמט אַרום, גלעט, caresses. 4. שומר (שוימער) — היטער, watchman. 5. בלאָנדזשען — ניט קענען געפֿינען דעם וועג. 6. טשאַטעס וועלף — packs of wolves.

שוועסטערל מײַנס

קלײן איז דער ברודער, די שוועסטער — נאָך קלענער
שוועסטערל־זינגערל מײַנס.
שײן איז דער ברודער, די שוועסטער — נאָך שענער, —
שוועסטערל־גאָלדעלע מײַנס.
צײלט זײַנע יאָרן דער ברודער — זעקס פינגער.
צײלט אָפּ די שוועסטער נאָר דרײַ.
ברודער איז עלטער און שוועסטער איז יִינגער,
ווער זשע איז וועמען געטרײַ?
טאַטע דאַרף האָרעווען ברויט צו פאַרדינען,
מאַמע דאַרף העלפן דערבײַ,
גײען זײ בײדע אַוועק פון באַגינען,
ווער זשע איז וועמען געטרײַ?
איך בין דער טאַטע און איך בין די מאַמע,
שוועסטערל זינגערל מײַנס.
איך וועל די זײַדענע האָר דײַנע קאַמען,
שוועסטערל־גאָלדעלע מײַנס.
איך וועל דיך קלײדן און איך וועל דיך נערן,
שוועסטערל עסערל מײַנס,
איך וועל די רײד דײַנע קינדערשע הערן,
שוועסטערל פּלאַפּלערל מײַנס.
וועך וועט אין שטוב מיט דיר אַלע מאָל זיצן,
שוועסטערל אײגנס דו מײַנס?
וועך וועט דיך היטן פון קעלטן און היצן,
שוועסטערל־שטיפערל מײַנס?
איך וועל דיך היטן פון וואַסער און פײַער,
שוועסטערל אָרעמס דו מײַנס.
איך בין דײַן ברודער און דו ביסט מיר טײַער,
שוועסטערל־גאָלדעלע מײַנס.

א. אויערבאַך.



יונגע בויערס

מיר זײַנען יונגע בויערס,
בויען מיר אַ הויז,
אײנער ברענגט דאָס ליים
אַ צווייטער קנעט דאָס אויס.

אַ דריטער לייגט די ציגל,
וואַקסן הויך די ווענט,
איז אַ פרייד צו קוקן,
ווי די אַרבעט ברענט.

אַ פרייד איז יעדער ציגל,
יעדער נײַער שטיין,
יעדער טראָפּן שוויים
פאַר אונדזער נײַער היים.

ש. וואַסערמאַן.

וואָס באַטײַט ?

1. **בויערס** — builders. 2. **ליים** — clay. 3. **קנעטן** — to knead. 4. **ציגל** — bricks. 5. **אַרבעט ברענט** — מען אַרבעט גיך. 6. **שוויים** — sweat.

דער חלום פון א שניידער

אן ארעם יתומל איז אמאל געקומען צו א שניידער און ביי אים געבעטן:

— איך וויל ווערן א שניידער! אפשר וואלט איר מיך אויסגעלערנט אייער מלאכה?

דער שניידער האט דעם יינגל געפרעגט: — וואס האט זיך דיר די דאזיקע נאכט געחלומט?

האט דער יינגל געענטפערט:

— מיר האט זיך געחלומט, אז איך בין פלוצעם געווארן א גרויסער גביר.

— קום מארגן! — האט דער שניידער געזאגט צום יתום. — איך קאן דיך היינט ניט צונעמען!

דעם צווייטן טאג איז דער יינגל ווידער געקומען.

— איך וויל ווערן א שניידער, האט ער ווידער געזאגט.

האט אים דער שניידער ווידער געפרעגט, וואס פאר א חלום עס האט זיך אים געחלומט.

האט דער יינגל דערציילט: — איך האב געוואנדערט א גאנצע נאכט און אונטערוועגנס געפונען אן אוצר — א גרויסן טייסטער פול מיט גאלדענע רענדלעך.

— איך קאן מיט דיר היינט ווידער ניט אנהייבן, קום מארגן.

אזוי איז דער יינגל געקומען יעדן טאג. דער שניידער האט אלץ געוואלט וויסן, וואס דעם יתומל האט זיך געחלומט און אים אלע מאל אהיים געשיקט און געהייסן קומען מארגן.

איין מאל קומט דער יתום צו גיין און דערציילט דעם שניידער:

— נעכטן ביי נאכט האט זיך מיר געחלומט: איך בין געזעסן אויף א שניידעריש בענקעלע און א גאנצן טאג גענייט. גרויסע טראפנס שווייס זיינען גערונען פון מיין שטערן. שפעט פאר נאכט, ווען איך האב אוועקגעלייגט די נאדל פון מיין האנט, האב איך פלוצעם דערזען, אז די נאדל איז פון גינגאלד...

— גאָר וואויל, מײַן קינד, דאָס איז אַ חלום פון אַ שנײַדער! אַזוי דאַרף חלומען יעדער קינד, וואָס וויל זיך אויסלערנען שנײַדערײַ.

נאָך דעם אייגענעם טאָג האָט דער שנײַדער צוגענומען דעם יתום פאַר אַ לערן־ייִנגל.

א. שינדלער.

וואָס באַטײַט?

1. יתום (יאָסעם), יתומל (יאָסעמל) — איינער וואָס איז געבליבן אָן אַ פאָטער, אָדער מוטער. 2. מלאכה (מעלאָכע) — אַרבעט, trade. 3. חלום (כאָלעם) — dream. 4. געחלומט (געכאָלעמט) — dreamed. 5. גביר (גוויר) — רײַכער מאַן. 6. אוצר (אויצער) — רײַכטום, treasure. 7. מזל־ברכה (מאַזל־בראָכע) — גליק. 8. פלוצעם — מיט אַ מאָל. 9. טײַסטער — purse, wallet. 10. גינגאָלד — ריינער גאָלד. 11. גאָר וואויל — זייער גוט.

פראַגעס:

א. 1. וואָס האָט דאָס יתומל געבעטן דעם שנײַדער? 2. וואָס האָט אים דער שנײַדער געפרעגט? 3. פאַר וואָס האָט דער שנײַדער אים ניט געוואָלט צונעמען? 4. וואָס פאַר אַ חלום האָט דאָס יתומל גע־האַט די צווייטע נאַכט? 5. איז דער שנײַדער געווען גערעכט וואָס ער האָט דאָס יתומל אויך דעם צווייטן טאָג ניט צוגענומען צו דער אַרבעט? 6. וועלכער חלום איז דעם שנײַדער געפעלן געוואָרן; פאַר וואָס? 7. איז דער שנײַדער געווען גערעכט?

ב. וואָס איז דער מיין פון דער מעשׂה?

שטעל אַוועק אַ + לעבן דעם ענטפער וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.

—— עס איז ניט אַזוי גרינג צו ווערן אַ שנײַדער.
—— דעם יתום איז שלעכט אויף דער וועלט.
—— דער מענטש איז גליקלעך ווען ער ליבט די אַרבעט וואָס ער טוט.
—— אַ נאָדל פון גאָלד איז בעסער ווי אַן אוצר.
—— אַ שנײַדער איז אַן אייביקער אָרעמאַן.
—— נאָר מיטן שווייס פון שטערן קען דער מענטש פאַרדינען זײַן ברויט.
— אין מלאכה ליגט די מזל־ברכה.

יתום	מלאכה	חלום	גביר	אוצר	מזל־ברכה

דאָס ליד פון ברויט

פאַר די הענטלעך אין די רינגעו
שיינע קליינע קינדער זינגען:
גאָט געטרײַער, גיב אַ רעגן
פון די קליינע קינדערס וועגן!

ווײַזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן —
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און אַ רעגן — פערל־ריין —
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ, הייבט אָן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרנזאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען.

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן.
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרנגאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צו מאָלן.

הייבן אָן דיווינטן ווייען,
און די מילנפליגל — דרייען.

מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווײַסע מעל.

קויפט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זײַן גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פײַער, שײַטלעך קנאַקן.
נעמט דער ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זײַנען זיי געזונט און רויט.

מאַני לייב.

1. **אין די רינגען** — in the circle. 2. **וואָלקן** — cloud. 3. **צעאַ־**
קערט — ploughed. 4. **בייטן** — furrows. 5. **קאָרנזאַנגען** — ears of rye.
6. **טוי** — dew. 7. **שטראַלן** — rays, beams. 8. **קאָרן** — rye. 9. **מאָלן**
— to grind. 10. **ווייען** — בלאָזן. 11. **מילנפליגל** — wings of a mill.
12. **דרייען (זיך)** — to turn, to revolve. 13. **מעל** — flower. 14. **הייוון**
— yeast. 15. **פאַרהייצן** — to make fire, to heat. 16. **אויוון** — stove.
17. **שײַטלעך** — שטיקלעך האָלץ, pieces of wood.

איינצאָל און מערצאָל

אויפגאַבע: שאַפט די מערצאָל לויטן מוסטער. שרײַבט אַריבער אין העפט.

1. רינג — **רינגען**, זאַנג, טוי, זון, פליגל, היים, נאָדל, באַפּוצונג, הובל.
2. רעגן — **רעגנס**, וואָלקן, בעקער, אויוון, מאַמע, באָבע, שאַפע, בויער, טראָפּן, שנײַדער, שרײַבער, פּאָטער, האַמער.
3. פעלד — **פעלדער**, קינד, שטיין, פּאַסטעך, טעפּעך, ווײַב.
4. הענטל — **הענטלעך**, שײַטל, יינגל, רענדל, בענקל, מיידל.
5. פור — **פורן**, בייט, טאָל, מיל, ווינט, פײַער, טיש, זאַך, קיניג, אַרבעט, קאָליר, פיגור, פּרינץ, הויף, פּאַלאַץ, געמעל, סאָלדאַט, שטול, זעג, וואַסער.
6. באַרג — **בערג**, וואַנט, האַנט, נאַכט, טאָג, טאָכטער.
7. זון — **זין**, פּום.
8. חלום — **חלומות**, אוצר.
9. חתונה — **חתונות**, כּלה, תּפיסה, מלאכה, סחורה.
10. גבֿיר — **גבֿירים**, יתום, שליח, גנבֿ, גזלן.

וואונדער, ציגל	מערצאָל איז אַזוי ווי איינצאָל

רעטעניש

1. רונד און הויך און ס'גייט פון דעם אַ רויך.
2. לײַכט און שפּיציק, רונד און בליציק, דין און גליטשיק, אַרבעט היציק.
3. אַ שוואַרצע שלאַנג מיט אַ גיכן גאַנג.

4. פאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן?

אין אַ שטעטל האָט געוואוינט אַ מילנער, וואָס האָט געהאַט אַ מיל הינטערן שטעטל. אין מיל איז געווען אַ נאַכטוועכטער. דער וועכטער האָט בײַ נאַכט ניט געטאָרט צומאַכן מיט קיין אויג.

איין מאָל האָט דער מילנער געוואָלט פאָרן אין שטאָט אַרײַן. אַהין זײַנען געגאַנגען צוויי צוגן (trains). אַכט אַ זייגער אין דער פרי און אַכט אַ זייגער נאָך מיטאָג. דער מילנער האָט גערעכנט צו פאָרן מיטן ערשטן צוג. אין דער פרי איז צו אים געקומען דער וועכטער און אים געזאָגט, אַז עס האָט זיך אים בײַ נאַכט געחלומט, אַז מיטן ערשטן צוג וועט געשען אַן אומגליק און אים געראָטן ער זאָל פאָרן מיטן צווייטן צוג. דער מילנער האָט געפאָלגט די עצה.

מיטן ערשטן צוג איז טאַקע געשען אַן אומגליק. דערפאַר וואָס דער וועכטער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן, האָט דער מילנער אים געגעבן אַ גרויסע באַלוינונג. גלײַכצײַטיק האָט ער אים אָבער אָפּגעזאָגט פון דער שטעל.

פאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן?

מערק זיך דעם אונטערשייד צווישן ייִדיש און ענגליש:

1. איך האָב מיר אײַנגעשניטן אַ פינגער.	1. I have *cut my* finger.
2. היט זיך זאָלסט ניט פאַלן.	2. *Mind,* you don't fall.
3. גיב אַכטונג אויפן קינד.	3. *Look after* the child.
4. איך האָב געביטן מײַן מיינונג.	4. I changed my *mind.*
5. וויפל באַטרעפט עס?	5. How much does it *come to?*
6. פילט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים.	6. *Make yourself* at home.
7. ער גייט אין שול.	7. He is going *to* school.

דעם פּאַסטעכס טאָכטער

מײַן באָבע טענהט כסדר, אַז יעדער מענטש דאַרף קע־נען אַ מלאכה, אין מלאכה איז מזל־ברכה.

אַנומלט, בײַם טיש, זאָגט צו מיר מײַן באָבע:

— „דו ווילסט זײַן אַ שרײַבער? אפשר ביסטו אַ שרײַבער. אָבער דו דאַרפסט זיך אויסלערנען עפּעס אַן אַרבעט, וואָס זאָל ברענגען מענטשן נוצן. דאַרפסט מאַכן עפּעס פון ליים, צי פון האָלץ, צי פון מעטאַל, אָדער פון סחורה. עס איז ניט שיין, אַז אַ יונגערמאַן ווי דו זאָל ניט קענען קיין מלאכה. זאָג, וואָס קענסטו? קענסטו אפשר מאַכן אַ טיש, אַ בענקל, אָדער אויסוועבן אַ טעפּעך? נו, זאָג וואָס קענסטו טאָן?"

און די באָבע קוקט אויף מיר ברוגזלעך.

— „דו דאַרפסט זיך אויסלערנען מאַכן זאַכן וואָס מע זאָל קענען זען, מע זאָל קענען אָנטאַפּן מיט די הענט, וואָס זאָלן זײַן נוציק".

און זי האָט זיך צערעדט:

— „ס'איז אַמאָל געווען אַ קיניג, בײַ די פּערסן. האָט ער געהאַט אַ זון, האָט זיך דאָס בחורל פאַרליבט אין אַ פּאַסטעכס אַ טאָכטער. איז ער געקומען צום פאָטער און זאָגט:

— „אדוני מלך! איך האָב ליב אַ פּאַסטעכס אַ טאָכטער און איך וויל זי נעמען פאַר אַ ווײַב".

און דער קיניג האָט געזאָגט:

— „איך בין דער קיניג און דו ביסט מײַן זון. אַז איך וועל שטאַרבן וועסטו ווערן דער קיניג, הײַנט ווי אַזוי קענסטו חתונה האָבן מיט אַ פּאַסטעכס אַ טאָכטער?"

— „אדוני מלך! איך ווייס ניט, איך ווייס נאָר, אַז איך האָב די מיידל ליב און וויל מיט איר חתונה האָבן".

זעט דער קיניג אַז עס איז אַ גאַטזאַך. רופט ער אַרײַן זײַנעם אַ מענטשן און זאָגט צו אים:

— „גיי צו דעם פּאַסטעכס טאָכטער און זאָג איר, אַז מײַן זון האָט זי ליב און ער וויל זי זאָל ווערן זײַן כּלה".

איז דער שליח אַוועק צו דעם פּאַסטעכס טאָכטער און ער זאָגט איר, אַז דעם קיניגס זון האָט זי ליב און ער וויל זי זאָל ווערן זײַן ווײַב.

פרעגט די מיידל: „וואָס פאַר אַן אַרבעט טוט ער?"

ענטפערט דער שליח: „ער איז דעם קיניגס זון. ער טוט ניט קיין שום אַרבעט".

האָט די מיידל געזאָגט: „ער מוז זיך אויסלערנען אַ מלאכה, אויב ער וויל איך זאָל מיט אים חתונה האָבן".

האָט זיך דער שליח אומגעקערט צום קיניג און איבערגערעדט די רייד פון דער מיידל.

זאָגט דער קיניג צו זײַן זון: „דעם פּאַסטעכס טאָכטער וויל אַז דו זאָלסט זיך לערנען אַן אַרבעט. ווילסט נאָך אַלץ מיט איר חתונה האָבן?"

און דער זון האָט געענטפערט: „יאָ. איך וויל זיך אויסלערנען פלעכטן שטרויענע טעפּעכער".

און מען האָט דעם בחור געלערנט פלעכטן שטרויענע טעפּעכער פון אַלערליי קאָלירן, געצירט מיט אַלערליי באַפּוצונגען און פיגורן, און אין דרײַ טעג צײַט האָט ער געקענט פלעכטן פון שטרוי די שענסטע טעפּעכער.

און דעם קיניגס שליח האָט זיך אומגעקערט צום פּאַסטעכס טאָכטער און איר געוויזן וואָס דער פּרינץ קען טאָן.

און די מיידל איז אַוועק מיטן שליח צום קיניגס פּאַלאַץ און חתונה געהאַט מיטן קיניגס זון.

***

איין מאָל, דערציילט ווײַטער די באָבע מײַנע, האָט דעם קיניגס זון שפּאַצירט איבער די גאַסן פון באַגדאַד, ביז ער איז געקומען צו אַן אײַנפאָר־הויז, וואָס האָט אויסגעזען זייער ריין און קיל. איז ער אַרײַן אינעווייניק און זיך געזעצט לעבן אַ טיש.

און דאָס אײַנפאָר־הויז איז געווען אַן אָרט פון גנבֿים און גזלנים.

האָבן זיי גענומען דעם קיניגס זון, אים אַרײַנגעוואָרפן אין אַ גרויסער תּפֿיסה, וואו זיי האָבן געהאַלטן זייערע געפאַנגענע. די גנבֿים און גזלנים פלעגן הרגענען די פעטע געפאַנגענע און שפּײַזן מיט זיי די דאַרע און מאָגערע. דעם קיניגס זון איז געווען אַ מאָגערער און אַ דאַרער און קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז, האָבן זיי אים גאָרניט געטאָן.

און דער פּרינץ זאָגט צו זיי: „איך קען פלעכטן שיינע שטרויענע טעפּעכער, וואָס זײַנען ווערט אַ סך געלט". האָבן זיי אים געבראַכט שטרוי און געהייסן פלעכטן.

און דריי טעג מיט דריי נעכט האָט ער געאַרבעט און אויסגעפלאָכטן דריי שיינע טעפּעכער.

— „נעמט", — זאָגט דער פּרינץ, — „די טעפּעכער און טראָגט זיי אַוועק צום פּערסישן קיניג, וועט ער אײַך געבן פאַר זיי הונדערט גאָלד־שטיק". האָבן די גזלנים גענומען די טעפּעכער, אַוועקגעטראָגן אין קיניגלעכן הויף. און אַז דער קיניג האָט דערזען די שטרויענע טעפּעכער, האָט ער דערקענט זײַן זונס אַרבעט. ווײַזט ער די טעפּעכער דער שנור, דעם פּאַסטעכס טאָכטער, און ער זאָגט:

— „די טעפּעכער האָט מען געבראַכט צו מיר אין פּאַלאַץ, דאָס איז מײַן זונס אַרבעט, ער איז שוין ניטאָ עטלעכע טעג!"

קוקט דעם פּאַסטעכס טאָכטער זיך גוט אײַן אין יעדן טעפּעך באַזונדער. אין די באַצירונגען און באַפּוצונגען און אין די שיינע געמעלן איז געווען באַשריבן, אין דער פּערסישער שפּראַך, וואו איר מאַן געפינט זיך און זי דערציילט עס דעם קיניג.

און דער קיניג האָט געשיקט באַוואָפנטע סאָלדאַטן צום אָרט וואו עס האָבן זיך געפונען די גנבים און גזלנים און מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט און די געפאַנגענע באַפרײַט. און דער פּרינץ האָט זיך בשלום אומגעקערט אין פּאַלאַץ צום קיניג און צו זײַן ווײַב, דעם פּאַסטעכס טעכטערל.

און אַז דער פּרינץ איז אַרײַן אין פּאַלאַץ און דערזען זײַן ווײַב, האָט ער געקניט פאַר איר און אַרומגענומען אירע פיס און געזאָגט:

— „ליבסטע מײַנע, צוליב דיר און דײַן חכמה בין איך איצט אַ לעבעדיקער. איך דאַנק דיר!"

און איצט איז דער קיניג געווען שטאַרק צופרידן מיט דעם פּאַסטעכס טאָכטער.

— „נו", — האָט די באָבע מײַנע פאַרענדיקט, — „דו זעסט שוין פאַר וואָס יעדער מענטש דאַרף קענען אַ מלאכה?"

— „יאָ, באָבע־לעבן", — האָב איך געזאָגט, — „איך זע טאַקע אַז דו ביסט גערעכט. ווי נאָר כ'וועל פאַרדינען אַ ביסל געלט וועל איך קויפן אַ זעג, אַ הובל, אַ האַמער און אַ ביסל האָלץ און וועל מאַכן אַ שטול אָדער אַ שאַפע פאַר ביכער."

וויליאַם סאַראָיען.

טענהט	ברוגזלעך	כלה	תפיסה
כסדר	בחורל	שליח	הרגענען
מלאכה			
מזל־ברכה	אדוני מלך	גנבים	בשלום
סחורה	חתונה האָבן	גזלנים	חכמה

וואָס באַטײַט ?

1. פֿאַסטעך — shepherd. 2. טענהט (טײַנעט) — רעדט אַלץ. 3. מלאכה (מעלאָכע) — אַרבעט. 4. מזל־ברכה (מאַזל־בראָכע) — גליק. 5. אַנומלט — ניט לאַנג צוריק. 6. סחורה (סכוירע) — goods, merchandise. 7. טעפּעך — tapestry. 8. ברוגזלעך (ברויגעזלעך) — בייזלעך. 9. אַנטלאָפֿן — אַנטרינען. 10. בחורל (באָכערל) — ייִנגל. 11. אדוני מלך (אַדויני מעלעך) — my lord, the king. 12. חתונה (כאַסענע) האָבן — to get married. 13. גערעכט — right. 14. כלה (קאַלע) — bride. 15. שליח (שאַליאַך) — messenger. 16. געצירט — באַפּוצט, שיין געמאַכט. 17. אײַנפֿאָר־הויז — inn. 18. גנבים (גאַנאָווים) — thieves. 19. גזלנים (גאַזלאָנים) — robbers. 20. תפיסה (טפּיסע) — prison. 21. געפֿאַנגענע — prisoners. 22. הרגענען (האַרגענען) — to kill. 23. שנור — daughter-in-law. 24. באַצירונגען, באַפּוצונגען — trimmings. 25. געמעלן — בילדער. 26. בשלום (בעשאָלעם) — אין פֿרידן, געזונטערהייט. 27. געקניט — knelt. 28. חכמה (כאָכמע) — קלוגשאַפֿט, wisdom. 29. אַ זעג — a saw. 30. אַ הובל — a plane.

פֿראַגעס :

1. פֿאַר וואָס האָט דער קיניג גערעכנט, אַז ס'איז ניט גוט זײַן זון זאָל חתונה האָבן מיט אַ פּאַסטעכס אַ טאָכטער ? 2. פֿאַר וואָס האָט דער קיניג צום סוף נאָכגעגעבן ? 3. וואָס האָט די מיידל געפֿרעגט בײַם שליח ? 4. פֿאַר וואָס איז זי ניט געווען צופֿרידן ? 5. פֿאַר וואָס האָט דער יונגער פּרינץ צוגעשטימט צו לערנען זיך אַ מלאכה ? 6. וואָס האָט ער זיך געלערנט ? 7. ווי איז דעם פּרינץ צו ניץ געקומען זײַן מלאכה ? 8. וואָס האָט דער פּרינץ געזאָגט זײַן ווײַב, דעם פּאַסטעכס טאָכטער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך געראַטעוועט ? 9. וואָס איז די באָבע אויסן געווען מיט דערציילן די מעשׂה ? 10. איז זי געווען גערעכט ? 11. איז איר אייניקל אַ מענטש וואָס טוט גאָרניט ? 12. איז שרײַבן ניט קיין ניצלעכע

אַרבעט? 13. וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט אַ שרײַבער? וואָס איז אײַער מיינונג? 14. געפינט דאָס אָרט און לייענט דעם שמועס צווישן דער מיידל און דעם קיניגס שליח. זאָגט אין וועלכער שורה לאַכט דער שרײַבער אויס מענטשן וואָס טוען גאָרניט? לייענט דעם שמועס צווישן פאַטער און זון און זאָגט וואָס פאַר אַ מענטש איז געווען דער קיניג? 15. פון וואָס קען מען זען, אַז די מיידל איז געווען אַ שטאָלצע און אַ קלוגע?

ווער ווייס?

צווישן מענטשן

1. ווען לייגט מען אַוועק שער און אײַזן, ווען מע שטעלט זיך צו דער אַרבעט, צי ווען מען הערט אויף אַרבעטן?

2. בײַ וועמען איז געערדט און געטאָן, בײַ איינעם וואָס אַרבעט פאַמעלעך, צי בײַ איינעם וואָס אַרבעט גיך?

3. ווען פאַרקאַטשעט אַ מענטש די אַרבל, ווען ער נעמט זיך צו דער אַרבעט, צי ווען ער לייגט אַוועק די אַרבעט?

4. וואָס הייסט צולייגן אַ האַנט, העלפן אין דער אַרבעט, צי שטערן אין דער אַרבעט?

ו ו ע ג ן פ ו י ל ע

1. אַ פוילער שלאָפט זיצנדיק און אַרבעט ליגנדיק. 2. בײַ אַ פוילן וואַקסט דער וועג אונטער די פיס. 3. שיק אַ פוילן אַ גאַנג דער־גייט ער ניט אַהין און קומט ניט צוריק.

רעטעניש

וויפל קינדער?

איך האָב זעקס זין. יעדער זון האָט אַ שוועסטער. וויפל קינדער האָב איך?

אַ שיף אויפן ים

איינעם האָט זיך געחלומט, אַז ער פאָרט אויף אַ שיף מיט זײַן פאָטער און מוטער. די שיף טרינקט זיך און ער קאָן ראַטעווען נאָר זיך אַליין מיט נאָך איינעם, אָדער דעם פאָטער, אָדער די מוטער. וואָס דאַרף ער טאָן צו ראַטעווען אי דעם פאָטער, אי די מוטער?

שפּאַס־אויפגאַבע

פיר ווענט. איינע אַ שטיינערנע, די צווייטע אַ ציגלנע, די דריטע פון וואַסער, די פערטע פון פײַער. אין מיטן שטייט אַ מענטש. ווי גייט ער אַרויס?

ווער וואָס עס טוט ?

ווער	ווער
לערנט קינדער ———	קערט די גאַסן ———
נייט קליידער ———	פּיטערט שעפּסן ———
האַקט האָלץ ———	אַקערט די ערד ———
מאַכט מעבל ———	פירט אַן עראָפּלאַן ———
מאָלט בילדער ———	פלאַנצט ביימער ———
היילט קראַנקע ———	שמידט אײַזן ———
פאַרריכט שיך ———	פאָרט אויף שיפן ———
פאַרבט הײַזער ———	גייט אין מלחמה ———

ענטפערס:

אַ האָלצהעקער	אַ מאָלער	אַ גאַסן־קערער	אַ דאָקטער
אַ טישלער	אַ מאַליער	אַ פּויער	אַ סאָלדאַט
אַ שוסטער	אַ לופטפליער	אַ גערטנער	אַ פּאַסטעך
אַ לערער	אַ שמיד	אַ שנײַדער	אַ מאַטראָס

***

ווער האָט עס פאַרפּלאָנטערט ? ס'איז דאָך אַ שרעק ! ווער וואָס עס טוט ?

פאַרריכט עס זאָל אַלצדינג זײַן ריכטיק, שרײַב איבער, פאַרבײַט דעם צווייטן טייל פון זאַץ.

1. אַ שנײַדער פאַרריכט שיך. 2. אַ האָלצהעקער מאַכט מעבל. 3. אַ לערער שמידט אײַזן. 4. אַ פּאַסטעך אַקערט די ערד. 5. אַ דאָקטער קערט די גאַסן. 6. אַ מאַליער פאַרבט הײַזער. 7. אַ לופטפליער נייט קליידער. 8. אַ טישלער פלאַנצט ביימער. 9. אַ סאָלדאַט לערנט קינדער. 10. אַ גערטנער פאָרט אויף אַ שיף.

עס זײַנען פאַראַן צווייערליי...

פאַר צונויף די ווערטער פון (1) מיט די ווערטער פון (2).

מוסטער: עס זײַנען פאַראַן צווייערליי... (1) אַזעלכע וואָס... (2)... און אַזעלכע וואָס... (2)... ניט.

(1)		(2)	
פייגל	יינגלעך	בײַסן	שמעקן
מענטשן	מיידלעך	שטיפן	שרײַען
בלומען	הינט	אַרבעטן	טאַנצן
קינדער		זינגען	

וואונדער

וואונדער איבער וואונדער,
אומעטום, אין אַלץ!
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווײַסן זאַלץ.

און אין דעם בלויען וואַסער
וואָס שטילט דעם דורשט אונדז אײַן.
און אין דעם רויטן פײַער
וואָס וואַרעמט אונדז מיט שײַן.

און אין דעם קינדס געלעכטער
וואָס הילכט פון מאַמעס שויס,
און אין די קליינע קינדער
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אָ, וואונדער איבער וואונדער
וואונדער אָן אַ שיעור!
און פון אַלע וואונדער,
קינדער, זינגען מיר!

מאַני לייב.

פראַגעס:

1. פון וועלכע וואונדער זינגט דער דיכטער? 2. וואו געפינען זיך די וואונדער ערגעץ ווײַט אָדער גאָר נאָענט אַרום אונדז? 3. וואָס איז דער גרעסטער וואונדער: דער שוואַרצער ברויט וואָס מיר עסן, דער בלויער וואַסער וואָס שטילט אונדזער דאָרשט, דער רויטער פײַער וואָס וואַרעמט אונדז, די קליינע קינדער וואָס וואַקסן אויס גרויסע, צי דער ווײַסער זאַלץ אָן וועלכן מיר קענען ניט לעבן? 4. זעט יעדער מענטש די אַלע וואונדער? 5. פאַר וואָס זעט זיי דער דיכטער?

אַרבעט און מלאכה

1. ווער האָט לײמענע הענט, אײנער וואָס מאַכט אַ שטיקל אַרבעט גוט, צי אײנער וואָס מאַכט זי שלעכט?

2. ווער האָט גאָלדענע הענט, אַ גוטער באַלמעלאָכע, צי אַ שלעכטער?

3. ווּעמען פאַלט פון די הענט, דעם, וואָס אײַלט זיך, צי דעם וואָס אײַלט זיך ניט?

4. ווער לעבט פון די פינף פינגער, אַן אַרבעטער, צי אַ באַלעבאָס?

5. ווער לעבט פון האַנט אין מויל, אײנער וואָס פאַרדינט גענוג, צי אײנער וואָס פאַרדינט נאָר אויפן טאָג?

6 ווער מאַטערט זיך מיטן טויט, אײנער וואָס אים גײט גוט, צי אײנער וואָס אים גײט שלעכט?

7. ווען זאָגט מען וואָס מאַכט איר? ווען מע וויל וויסן וואָס אײנער טוט, צי ווען מע וויל וויסן ווי אײנעמס געזונט איז?

8. אויף ווּעמען זאָגט מען מיטן קוק מאַכט ער דאָס? אויף אײנעם וואָס איז אַ גיכער באַלמעלאָכע, צי אויף אײנעם וואָס איז אַ פאַמעלעכער באַלמעלאָכע?

9. אויף ווּעמען זאָגט מען מע דאַרף אים קושן זײַנע הענט? אויף אײנעם וואָס טוט אַ שטיקל אַרבעט שלעכט, צי אויף אײנעם וואָס טוט אַ שטיקל אַרבעט גוט?

10. ווער גיט ניט אַ קלאַפּ אַ פינגער אָן אַ פינגער, אײנער וואָס אַרבעט שווער, צי אײנער וואָס אַרבעט גאָרנישט?

שפּריכווערטער

װעגן אַרבעט

1. ווען נײט אַ שנײַדער אומזיסט? אַז ער פאַרגעסט צו מאַכן אַ קניפּל. 2. אַ באַלמעלאָכע געפינט זיך אומעטום זײַן ברויט. 3. אַ באַלמעלאָכע איז באַגלײבט. 4. תורה אָן מלאכה איז ניט קײן מזל ברכה. 5. אַז מען האָט אין האַנט אַ מלאכה קומט אין שטוב אַרײַן די ברכה.

װעגן טאָן

1. בעסער גוט און אַ ביסל אײדער שלעכט און אַ פולע שיסל. 2. לײג ניט אָפּ אויף מאָרגן וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן. 3. ניט אַזוי גיך טוט זיך ווי עס רעדט זיך. 4. אַז מע קען ניט און מע ווייס ניט נעמט מען זיך ניט אונטער.

מעשׂיות

אַ ביסל שטרוי

אַמאָל זײַנען געווען אַן אָרעמער מאַן און אַן אָרעמע פרוי. זיי האָבן געוואוינט אין אַ האַלב אײַנגעפאַלן הײַזל, וואָס איז געווען ענג און פינצטער. קיין מעבל איז אין שטוב ניט געווען: ניט קיין טיש, ניט קיין שטול, ניט קיין בעט. נאָר אַ ביסל שטרוי איז געווען פאַרשפּרייט אויפן דיל, און אויפן שטרוי זײַנען זיי געשלאָפן.

און עסן האָבן זיי אויך ניט געהאַט וואָס: זיי האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט קיין אַרבעט און האָבן גאָרנישט ניט פאַרדינט.

איין מאָל האָט דער הונגער צו שטאַרק אָנגעהויבן צו דריקן דאָס פּאָרפאָלק. האָט די פרוי זיך מערניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זיך אָנגעהויבן צו קלאָגן:

— מיר זײַנען די אומגליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. פאַר וואָס קומט עס אונדז, וואָס מיר זײַנען אַזוי אָרעם?

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און עס איז אַרײַנגעקומען אַן אַלטע באָבע.

די באָבע האָט געזאָגט:

— טײַערע מענטשן! אַ פרוי, דאָ ניט ווײַט פון אײַך אויף דער זעלבער גאַס, איז קראַנק געוואָרן, און זי האָט אַפילו ניט קיין ביסל שטרוי, אויף וואָס צו ליגן. האָט רחמנות אויף איר און גיט איר אַ ביסל שטרוי.

האָט דאָס פּאָרפאָלק זיך געאײַלט און געגעבן דער באָבען אַ טייל פונעם שטרוי, אויף וועלכן זיי זײַנען געשלאָפן. און די פרוי האָט געזאָגט:

— אומזיסט זיך געקלאָגט. עס זײַנען פאַראַן מענטשן נאָך אָרעמערע פאַר אונדז.

(אַגדה).

דער קלוגער משפּט

א.

אַמאָל זײַנען געווען צוויי קרעמערס; זייערע קראָמען זײַנען געשטאַנען איינע לעבן דער אַנדערער, אָפּגעטיילט בלויז מיט אַ דין ווענטל פֿון ברעטער. איינער האָט געהאַנדלט מיט גרינסן, דער צווייטער — מיט אייל. איין מאָל פֿאַר נאַכט, איידער מען האָט די קראָמען געשלאָסן, האָט דער גרינסן־הענדלער אַרײַנגעקוקט צו דעם שכן אין קראָם אַרײַן און האָט דערזען, ווי יענער ציילט גילדערנע רענדלעך אין אַ רויט טיכל; דער גרינסן־הענדלער האָט גענומען נאָכציילן, און האָט אָנגעציילט הונדערט פֿינף און זעכציק רענדלעך. איז אים אַרײַן אַ בייזער געדאַנק אַרויסצונאַרן פֿון דעם איילהענדלער דאָס געלט.

איז ער אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן מיט אַ גוואַלד: ראַטעוועט! מען האָט מיך באַגנבֿעט.

פּאָליצײַ איז געקומען צו לויפֿן, מען האָט אים גענומען אויספֿרעגן: ווער עס האָט געקענט בײַ אים גנבֿענען דאָס געלט? האָט ער געענטפֿערט:

— איך ווייס ניט... קיינער איז בײַ מיר אין קראָם ניט געווען, זינט איך האָב מײַן געלט אויסגעציילט, הונדערט פֿינף און זעכציק רענדלעך, און אײַנגעבונדן אין אַ רויט טיכל. נאָר דער שכן, דער איילהענדלער איז דאָ געווען.

מען איז אַרײַן צו דעם איילהענדלער אין קראָם און מען האָט בײַ אים געפֿונען הונדערט פֿינף און זעכציק רענדלעך פֿאַרבונדן אין אַ רויט טיכל... ער האָט געוויינט און געשוואָרן זיך: „דאָס איז מײַן געלט, כ׳האָב עס ניט געגנבֿעט!״ אָבער מען האָט אים ניט געגלייבט. איז מען אוועק אין געריכט, אָבער דער ריכטער האָט ניט געקענט אויסגעפֿינען ווער פֿון די צוויי קרעמערס זאָגט דעם אמת.

ב.

אַלע אין שטאָט האָבן גערעדט וועגן דעם משפּט, אַפילו קליינע קינדער אויך. גייט איין מאָל פאַר נאַכט דער ריכטער אין גאַס שפּאַצירן, און ער זעט, ווי יִדישע קינדער שפּילן זיך. איין יִנגל זאָגט צו די חבֿרים: „לאָמיר שפּילן אין געריכט, איך וועל זײַן דער ריכטער, צוויי פֿון אײַך — די קרעמערס און איך וועל אײַך משפּטן".

האָט זיך דער ריכטער אַוועקגעשטעלט הינטער אַ ווינקל צו זען, ווי דער יִנגל וועט משפּטן. דער יִנגל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, צוויי אַנדערע יִנגלעך זײַנען געווען — איינער דער גרינסן־הענדלער און דער צווייטער — דער איילהענדלער. דער ערשטער זאָגט: „די הונדערט פינף און זעכציק רענדלעך האָט דער איילהענדלער בײַ מיר צוגעגנבֿעט. דער צווייטער זאָגט: „ניין, דאָס האָב איך געלייזט פאַר מײַן בוימל". דער יִנגל, וואָס איז געווען דער ריכטער, האָט זיי אויסגעהערט און געזאָגט:

— זאָל מען אויפקאָכן אַ טאָפּ וואַסער און די רענדלעך אַרײַנלייגן אין דעם וואַסער. אויב אויפן וואַסער וועלן זיך אויפהייבן פעטע אייגלעך, איז אַ סימן, אַז דאָס געלט איז געווען בײַם איילהענדלער אין די פעטע הענט בײַם פאַרקויפן זײַן סחורה, הייסט עס, אַז ס'איז זײַן געלט. און אויב קיין פעטע אייגלעך וועלן אויפן וואַסער ניט אַרויפהייבן זיך, איז אַ סימן, אַז ער האָט זיי געגנבֿעט בײַ דעם גרינסן־הענדלער".

אַז דער ריכטער האָט דערהערט די רייד פון דעם יִדישן יִנגל, האָט ער זיך זייער דערפרייט. אויף מאָרגן האָט ער געהייסן צונויפקלײַבן דאָס געריכט, כּדי פון דאָס נײַ צו באַטראַכטן דעם שווערן משפּט. אַז ביידע הענדלערס האָבן אָפּגערעדט, האָט דער ריכטער געהייסן אַרײַנלייגן די רענדלעך אין הייס וואַסער. פאַרשטייט זיך, אַז אויפן וואַסער האָבן זיך גלײַך באַוויזן פעטע אייגלעך.

דעמאָלט האָט דער ריכטער געזאָגט צום עולם:

— איצט זעט אַלע, וועמעס געלט עס איז!

דער עולם האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס געלט איז דעם איילהענדלערס, און אַז דער גרינסן־הענדלער איז אַ ליגנער. נאָר אַז מען האָט אָנגעהויבן לויבן דעם ריכטער פאַר זײַן חכמה, האָט ער געזאָגט:

— ס'איז ניט מײַן חכמה, ליבע לײַט, נאָר די חכמה פון אַ קליינעם יִדישן יִנגל, וועלכער האָט מיר באַוויזן, ווי אַזוי צו דערגיין דעם אמת.

(אגדה).

וואָס באַטײַט?

1. משפּט (מישפּעט) — trial. 2. באַגנבֿעט — robbed. 3. ריכ־טער — judge. 4. געריכט — court. 5. משפּטן (מישפּעטן) — to judge. 6. סימן (סימען) — a sign. 7. סחורה (סכוירע) — merchandise. 8. כּדי (קעדיי) — in order to. 9. עולם (אוילאָם) — people. 10. חכמה (כאָכמע) — קלוגשאַפֿט.

משפּט	גנבֿ	סימן	סחורה	כּדי	עולם	חכמה

פֿראַגעס:

1. וועגן וואָס איז געווען דער משפּט וואָס אַלע אין שטאָט האָבן וועגן אים גערעדט? 2. פֿאַר וואָס האָט דער ריכטער ניט געקענט אויסגעפֿינען ווער ס'איז דער שולדיקער? 3. ווי אַזוי האָט די חכמה פֿון אַ ייִדישן ייִנגל געהאָלפֿן צו דערגיין דעם אמת?

ווער האָט אַ סך?

פֿאַר צונויף די ווערטער פֿון רעכטס מיט די ווערטער פֿון לינקס. פֿאַרגעס ניט אַרײַנצושטעלן די ווערטער „האָט אַ סך".

1. דער תּלמיד 2. דער גבֿיר 3. דער בריווטרעגער 4. די שול 5. דאָס פֿייגעלע	האָט אַ סך	פֿענצטער ביכער פֿעדערן געלט בריוו

6. דאָס קינד 7. די מאַמע 8. דער לערער 9. דער צײַטונגס־פֿאַרקויפֿער 10. דער קרעמער	האָט אַ סך	טעפּ שפּילעכלעך צײַטונגען תּלמידים סחורה

דער זאַטער גלייבט ניט דעם הונגעריקן

א.

ין דער צײַט פֿון שלמה המלך, האָט אין ירושלים געלעבט אַ רײַכער מאַן מיטן נאָמען יוסף. ער איז געווען אַ קאַרגער און שלעכטער. זײַנע דינערס און קנעכט האָט ער געצוואונגען צו טאָן שווערע אַרבעט פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָט זיי ניט געגעבן גענוג צו עסן.

איין מאָל איז אין לאַנד געווען אַ הונגער און אַלע רײַכע לײַט האָבן פֿאַרטיילט שפּײַז צווישן אָרעמע לײַט, אָבער יוסף האָט שטאַרק געהיט זײַן פֿאַרמעגן און האָט קיינעם גאָרנישט געגעבן.

מ׳האָט אַזוי לאַנג גערעדט וועגן יוספֿס קאַרגשאַפֿט, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו שלמה המלך.

האָט דער קיניג יוספֿן אײַנגעלאַדן צו זיך אויף אַ מאָלצײַט.

יוסף האָט זיך זייער שטאַרק דערפֿרייט און האָט געזאָגט: „עס זעט אויס, אַז דער קיניג איז פֿון מיר צופֿרידן“.

ב.

אַ גאַנצן טאָג האָט יוסף ניט געגעסן, ער האָט געוואָלט קומען צום אָוונטברויט אַ הונגעריקער, כּדי ער זאָל קענען וואָס מער עסן פֿון די קיניגלעכע מאכלים. אַז יוסף איז געקומען אין פּאַלאַץ האָט אים אַ קיניגלעכער דינער אַרײַנגעפֿירט אין אַ באַזונדער צימער און געזאָגט: „קיינער אויסער קיניג און דיר, וועט בײַם טיש ניט זיצן. איך וועל דיר אָבער זאָגן ווי אַזוי מע דאַרף זיך אויפֿפֿירן בײַ אַ קיניגלעכן טיש, און דו דאַרפֿסט אַלץ טאָן ווי איך הייס דיר, אַז ניט וועט דער קיניג ווערן בייז“. — „איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר וועט מיר זאָגן!“ — האָט יוסף געענטפֿערט אַ ביסל דערשראָקן.

— „ערשטנס זאָלסטו געדענקען“, — האָט דער קיניג-

לעבער דינער געזאָגט, — „אַז דו טאָרסט קיין זאַך ניט בעטן בײַ קיינעם. צווייטנס, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, זאָלסטו גאָרנישט פרעגן. דריטנס, ווען דער קיניג וועט דיך פרעגן, צי דאָס עסן איז געשמאַק, זאָלסטו זאָגן אַז יאָ, זייער געשמאַק, אַפילו ווען דו וועסט פון דעם עסן ניט זײַן צופרידן. וועסטו אַלע זאַכן געדענקען?" — „געוויס וועל איך געדענקען", — האָט יוסף געענטפערט.

דער קיניגלעכער באַדינער האָט יוספן אַרײַנגעפירט אין אַ צימער וואָס האָט געהאַט אַן אָפענע טיר צו דער קיך.

יוסף איז דאָרטן געבליבן זיצן און דורך דער אָפענער טיר האָט ער דערזען ווי מ׳גרייט אָן די גוטע מאכלים פאַר אים מיטן קיניג. די ריחות פון געבראָטנס האָבן געררייצט זײַן אַפּעטיט און ער האָט געוואָלט אַרײַנגיין אין קיך און עפּעס אַ נאַש טאָן, אָבער ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן די דינערס דערציילן דעם קיניג.

האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן און געוואַרט אויף דער צײַט, ווען מ׳וועט אים רופן צום טיש.

ג.

די צײַט איז געקומען. דער קיניגלעכער באַדינער איז אַרײַן צו יוספן און האָט אים אָפּגעפירט אין אַן אַנדער צימער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ טיש מיט צוויי שטולן, און אויף איינעם פון זיי איז געזעסן שלמה המלך.

— „זעץ זיך, מײַן פרײַנד, — האָט שלמה המלך געזאָגט צו יוספן, — שעם זיך ניט און עס וויפל דו ווילסט".

יוסף האָט זיך אַוועקגעזעצט, באַלד איז אַרײַנגעקומען אַ דינער און האָט אַרײַנגעטראָגן אַ גרויסן טעלער מיט פיש, ער האָט עס אַוועקגעשטעלט לעבן שלמה המלך. דער קיניג האָט גענעסן די פיש און אַלע ווײַלע מיט אַנטציקונג אויסגערופן: אַי, פיש! טײַערע פיש! אַז דער קיניג האָט שוין געהאַלטן בײַם ענדיקן עסן, האָט דער דינער אַרײַנגעטראָגן נאָך אַ טעלער פיש פאַרן גאַסט. יוסף האָט געוואָלט נעמען עסן די פיש, איז אָבער אין דער זעלבער סעקונדע אַרײַנגעקומען אַ צווייטער דינער און האָט צוגענומען די כלים פון

טיש און אויך דעם טעלער פיש, וואָס יוסף האָט נאָך ניט אָנגעהויבן צו עסן.

יוסף האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אָבער דער־מאָנט וואָס דער קיניגלעכער דינער האָט אים אָנגעזאָגט, האָט ער געשוויגן און געהונגערט. נאָך דעם האָט דער ערשטער די־נער געבראַכט דעם קיניג אַ שיסל זופּ מיט מאַנדלעך. שלמה המלך האָט געגעסן די זופּ מיט גרויס אַפּעטיט, און יוסף האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זײַן טעלער זופּ.

אַז דער קיניג איז פאַרטיק געוואָרן מיט די זופּ, האָט דער דינער געבראַכט אַ שיסל פון די זעלבע זופּ פאַר יוספן.

אָבער אײדער יוסף האָט צײַט געהאַט צו נעמען אַ לעפל זופּ, איז אַרײַנגעקומען אַן אַנדער דינער, און האָט צוגענומען פון טיש דעם קיניגס לײדיקע שיסל און אויך יוספס פולע שיסל.

מיט די איבעריקע מאַכלים איז אויך געווען אַזוי. דער אונטערברויט האָט זיך געצויגן לאַנג, מ'האָט דערלאַנגט נאָך גוטע זאַכן צום טיש, אָבער יוסף האָט פון קײן זאַך ניט גע־קענט נעמען אין מויל.

ד.

— נו, ווי געפעלן דיר די מאַכלים? — האָט שלמה המלך געפרעגט. — זײער גוט, געשמאַק, אַ מחיה! — האָט יוסף געענטפערט.

—עס פרײט מיך, וואָס דו האָסט הנאה געהאַט! — האָט דער קיניג געזאָגט. — אַלץ הײסט הנאה! — האָט יוסף אויסגערופן, — עס איז טעם גן־עדן! יוסף איז אויפגעשטאַ־נען פון טיש אַ טויט־הונגעריקער און האָט געוואָלט גײן אַהײם. אָבער שלמה המלך האָט צו אים געזאָגט: — נײן, מײַן פרײַנד, אַזוי גיך וועל איך זיך מיט דיר ניט שײדן, איצט וועלן קומען מײַנע מוזיקאַנטן און שפּילן פאַר אונדז שײנע מוזיק.

די מוזיקאַנטן זײַנען געקומען און האָבן געשפּילט. יוספן איז די מוזיק ניט געקראָכן אין קאָפּ, פאַר גרויס הונגער האָט

ער געביסן זײַנע הענט. ביז איצט האָט ער גאָרניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס הונגער.

אַז די מוזיקאַנטן האָבן געענדיקט שפּילן, האָט יוסף גע־וואָלט גיין אַהיים, אָבער שלמה המלך האָט צו אים געזאָגט: — ניין, מײַן פֿרײַנד, עס איז איצט צו שפּעט צו גיין אַהיים, בלײַב דאָ נעכטיקן.

יוסף האָט געוואוסט, אַז וואָס דער קיניג רעדט אַרויס פֿון זײַן מויל איז אַ באַפֿעל, און ער טאָר ניט אָפּזאָגן. איז ער געבליבן נעכטיקן אין דעם קיניגס פּאַלאַץ. דער הונגער האָט אים ניט געלאָזט שלאָפֿן. איז ער געלעגן און געטראַכט, און זיך געפֿרעגט: — צו וואָס האָט מיך דער קיניג אײַנגעלאַדן צום אָונטבברויט פֿון וועלכן איך האָב גאָר קיין הנאה ניט געהאַט?

ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז דער קיניג האָט אים געוואָלט געבן אַ בײַשפּיל וואָס הונגער איז, ווײַל ביז איצט האָט ער ניט געוואוסט וואָס הונגער איז, האָט ער ניט גע־גלייבט דעם הונגעריקן. און איצט האָט ער דערפֿילט דעם טעם פֿון הונגער, האָט ער בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו ווערן אַן אַנדער מענטש. זינט דעמאָלט איז יוסף געוואָרן גוט צו זײַנע דינערס און צו אַלע מענטשן. (פֿאָלקס־מעשׂה).

וואָס באַטײַט?

1. שלמה המלך (שלוימע האַמײלעך) — דער קיניג שלמה. 2. ירושלים (יערושאָלאַיִם) — די הויפּטשטאָט פֿון ארץ־ישׂראל (ערעץ־יִיסראָעל). 3. קאַרגער — miser. 4. דינערס — servants. 5. קנעכט — slaves. 6. געצוואונגען — forced. 7. שפּײַז — עסן. 8. פֿאַרמעגן — דאָס וואָס מען האָט. 9. קאַרגשאַפֿט — stinginess. 10. ס'איז דערגאַנגען — ס'האָט דאָס דערהערט. 11. כּדי (קעדיי) — in order to. 12. מאכלים (מײַכאָלים) — עסנס, שפּײַז. 13. געשמאַק — tasty. 14. ריחות (רייכעס) — aromas. 15. אַנטציקונג — delight. 16. כּלים (קיילים) — dishes. 17. אומגעדולד — impatience. 18. אַ מחיה (מעכאַיע) — delightful. 19. הנאה (האַנאָע) האָבן — האָבן פֿאַרגעניגן. 20. שיידן זיך — זיך פֿונאַנדערגיין. 21. נעכטיקן — שלאָפֿן. 22. באַפֿעל — order. 23. טעם (טאַם) — taste. 24. אָפּגעמאַכט — באַשלאָסן.

געפֿין די שטעל און לייען:

1. די דרײַ זאַכן וואָס דער דינער האָט אָנגעזאָגט יוספֿן. 2. די קאָ־מישסטע שטעלן אין דעם שמועס צווישן קיניג שלמה און דעם הונגעריקן יוסף. 3. דעם פּאַראַגראַף וואו עס ווערט אויסגעדריקט דער מיין פֿון דער מעשׂה.

דער משפּט מיטן ווינט

אין די צײַטן פון דעם קיניג דוד איז אַמאָל געווען אַ הונגער אין ייִדישן לאַנד.

איז איין מאָל צו דעם קיניג געקומען אַן אָרעמע אַלמנה, אַ מאַמע פון פיר קליינע יתומים, און מיט טרערן אין די אויגן אים דערציילט, אַז אירע קינדער הונגערן שוין עטלעכע טעג.

דער קיניג האָט רחמנות געקראָגן אויף דער פרוי און איר געגעבן אַ זעקעלע מעל. די אַלמנה האָט אים באַדאַנקט און איז אַוועק אַהיים אָפּבאַקן ברויט.

ווי זי גייט אַזוי אין מיטן וועג, ברעכט פּלוצעם אויס אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט; ער רײַסט אַרויס דאָס זעקעלע מעל פון אירע הענט און טראָגט עס אַוועק ווײַט, ווײַט.

הייבט די אַלמנה אָן וויינען און קלאָגן אויף איר אומגליק און ווייס ניט וואָס צו טאָן: גיין אַהיים מיט ליידיקע הענט צו אירע הונגעריקע קינדער לאָזט איר ניט דאָס האַרץ, גיין צוריק צום קיניג און נאָך אַ מאָל בעטן בײַ אים מעל האָט זי מורא.

ווי זי שטייט אַזוי גייט פאַר איר פאַרבײַ דער יונגער שלמה, דוד המלכס זון. זעט ער, עס שטייט אין מיטן וועג אַ פרוי און וויינט. שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט בײַ איר:

— „וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?"

דערציילט זי אים ווי דער ווינט האָט פון אירע הענט אַרויסגעריסן דאָס זעקעלע מעל און קלאָגט זיך פאַר אים, אַז זי האָט איצט ניט מיט וואָס צו שפּײַזן אירע הונגעריקע קינדער.

— „גיי", — זאָגט ער, — „צו דעם קיניג דוד און מאָן פון אים ער זאָל רופן דעם ווינט אויף אַ משפּט. דערצייל אים אַז זײַן זון שלמה האָט דיך געשיקט".

איז די אַלמנה אַוועק צום קיניג און אים געבעטן ער זאָל גלײַך אַרויסרופן דעם ווינט אויף אַ משפּט.

— „בין איך דען גאָט, וואָס האָט צו זאָגן איבער ווינטן?" — צעבייזערט זיך דער קיניג דוד. — „ווער האָט דיך אָנגע־רעדט אויף אַזאַ זאַך?"

— „דײַן זון שלמה האָט מיך געשיקט צו דיר", — ענטפערט די פרוי.
שיקט דוד רופן שלמהן און פרעגט אים:
— „האָסטו געהייסן דער פאַרביטערטער אַלמנה אָנקלאָגן דעם ווינט?"
— „יאָ, פאָטער, איך!" — איז זיך שלמה מודה — „דער ווינט מוז באַשטראָפט ווערן פאַר אַזאַ עוולה. גיב מיר אויף אַ ווײַל איבער דײַן זיגל און דײַן קרוין, דײַן רוט און דײַן טראָן, וועל איך קענען ווינט פאַרפירן אַ משפּט".
האָט דוד צוליב געטאָן זײַן זון און אים אַרויפגעזעצט אויפן קיניגלעכן טראָן.
— „זאָל לעבן דער יונגער מלך!" — האָבן אַלע אויסגערופן און זיך געבוקט.
שלמה האָט גלײַך געשיקט רופן דעם מזרח־ווינט און אים גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער.
— „ניט איך האָב עס געטאָן, האַר קיניג" — פאַרענטפערט זיך דער ווינט מיט ציטער. — „איך בין נאָך הײַנט ניט אַרויס פון מײַנע גרענעצן".
שיקט שלמה רופן די ווינטן פון מערבֿ־זײַט און פון דרום־זײַט. ווייסן זיי אָבער אויך ניט וואָס צו זאָגן.
ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער צפון־ווינט און זיך אָנגערופן:
— „איך בין דער איינציקער שולדיקער אין דער אַלמנהס נויט. הער אָבער אויס, מײַן האַר קיניג, וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט: אַ גרויסע שיף מיט אַ סך מענטשן, זקנים, פרויען און קינדער, איז געשוואומען איבער די וואַסערן פון ברייטן ים. פּלוצעם האָט זיך אין אַ ווינקל פון שיף געעפנט אַ לאָך. די שיף האָט גענומען פול ווערן מיט וואַסער און גיין צום אָפּגרונט. האָב איך אויף גיך אַרויסגעריסן פון דער אַלמנהס הענט דאָס זעקעלע מעל און פאַרשטאָפּט מיט דעם די לאָך. אַזוי האָב איך געראַטעוועט די מענטשן פון אַ זיכערן טויט".
אויסגעהערט דעם ווינט, האָט שלמה אים באַדאַנקט פאַר זײַן גוטסקייט און דער אַלמנה האָט ער געהייסן געבן אַ טאָפּלטע מאָס מעל.
(אַגדה).

חנוכה

ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט

פאַרלאָשן זיינען מײַנע שטערן
און פינצטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

מײַן מאַכט און שטאָלץ איז לאַנג אַריבער
דער ווילדער שונא שפּאָט און לאַכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גיבור,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

עס שטומען אַלע מײַנע לידער
פון גבֿורה, העלדנמוט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

אַן אַלטע טרער מײַן אויג פאַרטונקלט
און האָט עס שיר נישט בלינד געמאַכט,
דאָך זעט ווי העל צוריק עס פינקלט,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!...

אַברהם רייזען.



וואָס באַטײַט?

1. **מאַכט** — might. 2. **שטאָלץ** — pride. 3. **שונא** (סוינע) — פײַנד. 4. **שפּאָט** — לאַכט אָפּ. 5. **גיבור** (גיבער) — העלד. 6. **שטומען** — שווײַגן. 7 **גבֿורה** (גוואורע) — שטאַרקייט. 8. **העלדנמוט** — העלדישקייט. 9. **פּאַרטונקלט** — מאַכט טונקל. 10. **פינקלט** — sparkles.

פֿראַגעס:

1. איז דאָס אַ טרויעריק ליד אָדער אַ פֿריילעך ליד? 2. וועלכע שורות דערציילן וועגן דעם שווערן לעבן פֿון ייִדן אויף דער וועלט?

3. ווי פֿילט זיך דער דיכטער ווען ער צינדט אָן די חנוכּה־ליכטלעך?

4. פֿאַר וואָס וועקן זיך בײַם דיכטער צוריק לידער פֿון גבֿורה, העלדנמוט און מאַכט?

פֿרעג און ענטפֿער

איז עס אמת אַז —

אַוודאי איז אמת אַז...

אַוודאי איז ניט אמת אַז...

אַז אַמעריקע איז איצט אין מלחמה.

אַז חנוכּה פֿאַלט אוים נאָך פּורים.

אַז ייִדן זײַנען אַן אַלט פֿאָלק.

אַז פּסח זיצן ייִדן אין סוכּה.

אַז פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

אַז חנוכּה שפּילן ייִדישע קינדער אין דריידל.

— אַז די זון שײַנט בײַ נאַכט און די לבֿנה בײַ טאָג?

אַז וואָס מער חנוכּה־געלט מע קריגט, אַלץ בעסער איז עס.

אַז דאָס וואַסער אינעם ים איז געזאַלצן.

אַז חנוכּה איז בײַ ייִדן אַלע יאָר, נאָר סוכּות איז בלויז איין מאָל אין צוויי יאָר.

אַז וואָס מע רעדט בײַ טאָג, דאָס חלומט זיך בײַ נאַכט.

אַז חנוכּה צינדט מען אָן חנוכּה־ליכטלעך.

אַז חנוכּה איז דער בעסטער פֿון אַלע ייִדישע יום־טובֿים.

אַז בעסער צוויי מאָל פֿרעגן, איידער איין מאָל בלאָנדזשען.

איין מאָל אין אַ חנוכּה

(פון לעבן אין פּוילן)

אָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

איך בין דעמאָלט געווען אַ יידישער לערער. עס זײַנען געווען נאָך יידישע לערערס. וואָס האָבן מיר געטאָן? — מיר האָבן צונויפגענומען די אָרעמע קינדער אין אַ וואַרעמער היים, געבויט פאַר זיי אַ שול, געפונען אַ ביסל שפּײַז און געקאָכט צוויי מאָל אַ טאָג אַ וואַרעם עסן.

בײַ אונדז אין היים פאַר די קינדער איז געווען וואַרעם. ביסלעכווייז זײַנען די קינדער געוואָרן מונטערער. מיר האָבן לידער געזונגען.

אַ סך קינדער האָבן געוואָלט קומען צו אונדז אין שול אַרײַן. אַ סך מאַמעס האָבן אונדז געבעטן, מיר זאָלן זייערע קינדער אַרײַננעמען. אונדזער שול איז אָבער קליין געווען. מיר האָבן אויך געהאַט ווייניק שפּײַז. מיר האָבן געהאַט אָרט נאָר פאַר דרײַ הונדערט.

וואָס האָבן מיר געטאָן? — זײַנען מיר געגאַנגען און אויסגעזוכט די אָרעמסטע, די שוואַכסטע קינדער, און זיי גענומען אין שול אַרײַן.

גיי איך און זוך די אָרעמסטע. קום איך אין אַן אָרעם געסל.

קום איך אַרײַן אין אַ פינצטערער שטוב און זע אַז עמעצער זיצט אויף אַן אײַזערן בעטל. עס זיצט אַ קינד. איינס אַליין. אַ מיידעלע. איר קאָפּ איז גרויס. זייער גרויס. פאַר וואָס? ווײַל עס איז געשוואָלן פון קעלט און הונגער. דאָס קינד האַלט אַ מער אין מויל און קײַט זייער געשמאַק.

פרעג איך:

— ווי רופט מען דיך?

— חנהלע.

זאָג איך צו זיך: דאָס איז אַ קינד פאַר אונדז, פאַר אונדזער שול.

איז חנה געקומען צו אונדז אין שול, וואו עס איז געווען וואַרעם, ליכטיק, זופּ צו עסן, ברויט, און מען האָט געזונגען לידער און זיך געשפּילט.

גיך איז חנהלע צו זיך געקומען. זי האָט אָנגעהויבן שמייכלען, נאָך דעם — לאַכן און גאָר נאָך דעם — אַפילו זינגען.

געווען איז ווינטער, חנוכה-צײַט. האָבן מיר געמאַכט אַ יום-טובֿ.

חנוכה איז אַ יום-טובֿ פון פרײַהייט, אַ יום-טובֿ צוליב דעם, וואָס ייִדן האָבן נישט געוואָלט זײַן קיין קנעכט. זיי האָבן דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פאַר פרײַהייט און פרײַ געוואָרן, באַזיגט זייערע פײַנד די אונטערדריקערס.

נו, האָבן מיר געוואָלט מאַכן אַ יום-טובֿ אין סאַמע מיטן ווינטער פון דער שווידערלעכער מלחמה.

אויך הײַנט וועט זײַן אַזוי ווי דעמאָלט אין חנוכה, אויך מיר וועלן פרײַ ווערן!... — האָב איך געזאָגט צו די קינדער.

און די קינדער האָבן אײַנגעשטימט.

האָבן מיר געמאַכט אַ יום-טובֿ. דער זאַל פון אונדזער שול איז געווען שיין, זייער שיין. די קינדער האָבן געזאָגט: „אַזוי ווי אַ פּאַלאַץ". אַרום די ווענט זײַנען געשטאַנען בענק און אויף די בענק זײַנען געשטאַנען די מאַמעס. דער זאַל איז פול געווען מיט קינדער. די קינדער זײַנען געווען זייער פריילעך און געזונגען. די מאַמעס האָבן געוויינט.

פאַר וואָס האָבן זיי געוויינט?

זיי האָבן געוויינט פאַר פרייד צוליב זייערע קינדער, וואָס זינגען. זיי האָבן זיך געפרייט פון אומעט, ווײַל זיי האָבן געטראַכט פון די טאַטעס, וואָס זעען דאָס נישט, ווײַל זיי וואַלגערן זיך אויף די שלאַכטפעלדער.

צום סוף פון יום-טובֿ איז געווען אַ גרויסער טאַנץ. מיר האָבן געמאַכט אַ טאַנץ פון שניי. די קליינע קינדער זײַנען געווען אָנגעטאָן אין ווײַסן פּינפּשפּיציקן פּאַפּיר און זיי האָבן אויסגעזען ווי שנייעלעך. אַזוי האָבן מיר אַלע געמיינט. און די שנייעלעך האָבן אַרײַנגעטאַנצט און מיר אַלע האָבן געזונגען:

דער ווײַסער שניי
ער פליט און פליט...

און נאָך דעם איז געווען דאָס לעצטע ליד:

חנוכה, אָ חנוכה,
אַ יום-טובֿ אַ שיינער...

אַלע האָבן געטאַנצט. צום סוף האָט אַרײַנגעטאַנצט אַ קליין שנייעלע, דאָס קלענסטע. געטאַנצט מיט קליינע פיסעלעך, געטאַנצט ווייך און שטיל, ווי עס פאַלט אַ שניי, געטאַנצט גיך, גיך, ווי עס טאַנצט אַ שניי אין ווינט; זיך געדרייט אַרום זיך אַליין, זיך געדרייט מיט שמחה, לעבעדיק, פריילעך. אַלע קינדער האָבן געזונגען, געזונגען ווייך און שטיל,

און דאָס שנייעלע האָט געטאַנצט אַזוי פריילעך, אַזוי געשמאַק, ביז עס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד אַזוי ווי אויף פליגלען און — זיך צעלאַכט.

און אַלע קינדער האָבן זיך צעלאַכט, און אַלע מאַמעס האָבן זיך צע־לאַכט.

ווער איז געווען דאָס טאַנצנדיקע און לאַכנדיקע שנייעלע אין יענעם חנוכּה־אָוונט?

— חנהלע.

— חנהלע פון אָרעמען געסל.

***

האָב איך זיך אין דעם דערמאָנט איצט ווען ייִדישע קינ־דער זײַנען ווידער אַזוי איינזאַם און עלנט פאַרבליבן אין מײַן שטאָט, און איך טראַכט אַזוי:

— עס וועט ווידער זײַן יום־טובֿ.

אָבער דאָס מאָל מוז שוין זײַן יום־טובֿ אויף שטענדיק. יעקב פּאַט.

מלחמה	צום סוף	שמחה

פראַגעס:

1. וואָס האָבן ייִדישע לערערס אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געטאָן פאַר אָרעמע ייִדישע קינדער? 2. פאַר וואָס האָבן די לערערס אַרײַנגענומען בלויז די אָרעמסטע קינדער אין שול? 3. וואו האָט דער שרײַבער באַגעגנט חנהלען דאָס ערשטע מאָל? 4. ווי האָט זי אויסגעזען? פאַר וואָס? 5. אין וואָס פאַר שטוב האָט זי געוואוינט? 6. פאַר וואָס איז חנהלע געווען גליקלעך אין שול? 7. וואָס פאַר אַ יום־טובֿ האָבן די קינדער אין שול דורכגעפירט? 8. פאַר וואָס האָבן זיך די קינדער געפרייט מיטן יום־טובֿ? 9. פאַר וואָס האָבן די מאַמעס געוויינט? 10. וואָס פאַר אַ טאַנץ האָבן די קינדער געטאַנצט? 11. ווער איז געווען די שענסטע טענצערין? 12. ווי האָט זיך געענדיקט דער טאַנץ? 13. וואָס האָט די שול אויפגעטאָן פאַר חנהלען פון דעם אָרע־מען שטיבעלע? 14. וואָס פאַר אַ האָפענונג זאָגט דער שרײַבער אַרויס צום סוף פון דער מעשׂה? 15. וועלכע שטעל אין דער מעשׂה איז די טרויעריקסטע? וועלכע איז די פריילעכסטע?

לייענט דורך א) די באַשרײַבונג ווי חנהלע טאַנצט; ב) ווי די מאַ־מעס קוקן צו ווי די קינדער זײַנען גליקלעך; ווי זיי פרייען זיך און וויינען.

וואָס באַטייַט ?

1. מלחמה — קריג, war. 2. שפּייַז — עסן. 3. מונטערער — פריי־לעכער. 4. אייַזערן — iron. 5. געשוואָלן — אויפגעבלאָזן, swelled. 6. מער — carrot. 7. קייַט — chews. 8. צו זיך געקומען — געזונט גע־וואָרן, recovered. 9. קנעכט — slaves. 10. באַזיגט — conquered. 11. אונטערדריקערס — oppressors. 12. אין סאַמע מיטן ווינטער — אין מיטן ווינטער. 13. שווידערלעכער — שרעקלעכער. 14. אייַנגעשטימט — געווען צופרידן. 16 זאַל — hall. 16. אומעט — טרויער, sadness. 17. וואַל־גערן זיך — האָבן ניט קיין שטענדיק אָרט וואו צו זייַן. 18. שלאַכטפעלדער — battlefields. 19. צום סוף (סאָף) — צו ענד. 20. שפּיציק — pointed. 21. שמחה (סימכע) — פרייד. 22. איינזאַם — אַליין, אָן קיינעם ניט. 23. עלנט — אָן פרייַנד, lonely.

מאַכט עס איבער, עס זאָל זייַן פאַרקערט

די שטוב — אַ גרויסע, אַ ליכטיקע, אַ ווארעמע, אַ נייַע.
קליידער — שיינע, קורצע, ליכטיקע.
ביכער — נייַע, גראָבע, אינטערעסאַנטע.
וואַסער — ריין, היים, געקאָכט.
דער וועטער — אַ וואַרעמער, אַ טרוקענער.
אַ בריק — אַ לאַנגע, אַ ברייטע, אַ הויכע.
לופט — קילע, פרישע, גוטע.
גלאָז — אַ דורכזיכטיקע, אַ דינע, אַ ריינע.
שטאָט — אַ גרויסע, אַ טומלדיקע, אַ נייַע, אַ פריילעכע.
ברויט — ווייַס, ווייך, פריש.
וואַלד — אַן אַלטער, אַ טונקעלער.

האָב איך ?

פאַרבינד די ווערטער פון די דרייַ רייען.

האָב איך האָסטו האָט ער האָט זי האָט (נאָמען) האָבן מיר האָט איר האָבן זיי ווער האָט	ווען עס איז גאָרניט קיין קיין מאָל גאָרניט קיין כּסדר	צרות האַרצווייטאָג טענות רחמנות נחת הנאה

דאָס שיסעלע מיט בוימל

א.

אין הײַזל, וואָס שטייט בײַם עק דאָרף, איז שטיל. מ'שלאָפט שוין דאָרט. פינצטער אין אַלע צימערן. בלויז אויף אַ פענצטער, וואָס קוקט אין ברייט פאַרוואָרפענעם וועג, שטייט אַ שיסעלע מיט בוימל; אין בוימל ליגט אַ קנייטל, ברענט זיך אַ גאַנצע נאַכט, ברענט און שיקט אַ שײַן אין די ווײַטע וועגן, וואָס לויפן אַוועק פון דערפל.

די מענטשן פון דאָרף וואונדערן זיך שטענדיק, וואָס ווי נאָר עס קומט דער ווינטער, אַזוי שטעלט אַוועק דער באַלעבאָס אַלע אויף דער נאַכט דאָס שיסעלע מיט בוימל אויפן פענצטער, און ווי נאָר דער ווינטער גייט אַוועק, נעמט ער עס צו, און עס איז פינצטער אין הײַזל, פונקט ווי אין די איבעריקע הײַזער פון דאָרף.

דער באַלעבאָס האָט געהייסן אַברהם און געהאַט פיר קינדער. אַז די קינדער זײַנען נאָך געווען קליין, האָבן זיי זיך נישט געוואונדערט, וואָס דער טאַטע צינדט אָן אַלע נאַכט פון אַ גאַנצן ווינטער דאָס לעמפל אויפן פענצטער. אָבער ווען זיי זײַנען עלטער געוואָרן, האָט זיי אויך די זאַך שטאַרק געוואונדערט.

איין מאָל האָבן זיי זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און געפרעגט דעם טאַטן, וואָס באַטײַט עס. האָט אַברהם זיי דערציילט:

— מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָס געווען. איך בין געווען אַ יונגער בחור, נײַנצן יאָר אַלט. פלוצעם, אין איין וואָך, זײַנען מײַנע עלטערן געשטאָרבן, און איך בין געבליבן איינער אַליין אָן פרײַנד, אָן געלט און אָן אַ מלאכה אין דער האַנט.

האָב איך זיך שטאַרק געזאָרגט און געטראַכט, ביז איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט און אין דער וועלט זיך לאָזן. אפשר וועל איך ערגעץ מײַן גליק געפינען.

ב.

אַ ווינטערטאָג איז דאָס געווען, אַ שניי איז אויף די פעלדער געלעגן, אַ פראָסט האָט מיר נאָז און אויערן געפרוירן, אָבער איך בין געווען פריילעך, ווײַל ס׳איז געווען אַזוי ווײַס אַרום און אַרום.

אַ גאַנצן טאָג בין איך אַזוי געגאַנגען. אַ שניישטורעם האָט זיך צעשפּילט און איך בין נאָך אַלץ אין פעלד געגאַנגען. איך בין שוין אָבער מיד געוואָרן, און מײַן האַרץ האָט זיך געשראָקן, איך זאָל אין פעלד ניט בלײַבן, מיט שניי פאַרשאָטן ווערן.

האָב איך צונויפגענומען אַלע מײַנע כּוחות און זיך געלאָזט לויפן, טאָמער וועל איך גיכער אויף אַ מענטשלעכן ישוב אָנטרעפן. איך בין לאַנג אַזוי געלאָפן, פון די כּוחות זיך אַרויסגעשלאָגן און בין געפאַלן אין שניי. און אַ מענטשלעכן ישוב ניט מע זעט, ניט מע הערט. ווײַסע פעלדער אַרום און אַרום, אַ פינצטערע נאַכט און אַ בייזער שניישטורעם.

בין איך געלעגן. מײַנע אויגן האָבן זיך פון מידקייט געקלעפּט, און איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט אַ דרעמל טאָן. אָבער באַלד איז צו מיר אַ געדאַנק געקומען און געזאָגט: — וואָס טוסטו? דרעמל ניט אײַן, וועסט דאָך אַזוי אויף אייביק אַנטשלאָפן ווערן. עפן אויף דײַנע אויגן, הייב זיך אויף, נעם צונויף אַלע דײַנע כּוחות און גיי, אפשר וועסטו זיך פאָרט צו מענטשן דערשלעפּן.

איז אָבער צו מיר אַ צווייטער געדאַנק געקומען, מיך איבערן פּנים געגלעט און אַזוי געזאָגט:

— ליג, זונעלע, דאָ אין שניי. ס׳איז אַזוי וואַרעם און ווייך, צי אויס דײַנע פֿיס און שלאָף אײַן. וואָס אַרט דיך, וואָס שפּעטער וועט זײַן, אָבער איצטער איז דיר גוט, טאָ רו זיך אָפּ.

איז מיר דער צווייטער געדאַנק בעסער געפֿעלן געוואָרן ווי דער ערשטער, האָב איך מײַנע אויגן געשלאָסן און געזאָלט שוין אויף אייביק אַנטשלאָפֿן ווערן.

ג.

פּלוצעם דערזע איך אין חלום אַ פֿײַערל שײַנט פֿון ערגעץ ווײַט, ווײַט. האָב איך קוים מײַנע אויגן געעפֿנט, זיך אײַנגעקוקט. האָט מיר אויסגעוויזן, אַ פֿײַערל איז אַרום פֿון אַ שטוב און מיר אַנטקעגן געלאָפֿן, מיך אײַנלאַדן אין אַ וואַרעם הויז, אַ היימלעכס.

האָב איך אַלע מײַנע כּוחות צונויפֿגענומען און זיך צום פֿײַערל דערשלעפּט.

ווען דער באַלעבאָס האָט מיר אויפֿגעעפֿנט די טיר, בין איך פֿאַרחלשט געוואָרן.

צוויי וואָכן בין איך געלעגן אין בעט אין אַ גרויסער היץ און פֿון גאָרנישט ניט געוואוסט. ווען איך בין צום זינען געקומען, האָב איך דערזען: אַן אַלטער ייִד, אַן אַלטע ייִדענע און אַ יונגע מיידל זאָרגן זיך שטאַרק וועגן מײַן געזונט.

איך בין מיט דער צײַט געזונט געוואָרן. דער אַלטער ייִד האָט מיר דערציילט, אַז יענע נאַכט איז די ערשטע חנוכּה-נאַכט געווען, און אויפֿן פֿענצטער האָט געברענט דאָס ערשטע חנוכּה-ליכטל.

דאָס איז געווען דאָס ליכטל, וואָס האָט געשיקט אַ שײַן צו מיר, דעם פֿאַרוואָרפֿענעם אין די ווײַטע פֿעלדער, און האָט מיך געבראַכט צו דעם הײַזל, וואו איר, קינדער, געפֿינט זיך איצט.

דערנאָך האָב איך מײַן מעשׂה דערציילט דעם אַלטן. האָט דער אַלטער אויסגעהערט, אויסגעהערט און זיך אָנגערופֿן:

— אויב דו, בחור, האָסט ליב אַרבעט, קענסטו בײַ מיר דאָ פֿאַר-

בלײַבן, מיר הלעפן ארומגיין ארום די קי, העלפן האָדעווען די הינער און טאָן פאַרשיידענע ארבעט.

בין איך אין דאָרף פאַרבליבן.

פון דעמאָלט אָן זײַנען שוין צוואַנציק יאָר פאַרבײַ. דער אַלטער מיט זײַן ווײַב זײַנען שוין לאַנג געשטאָרבן. מיט זייער טאָכטער האָב איך חתונה געהאַט, און זי איז אײַער מוטער, וואָס האָט אײַך, קינדער, געבוירן.

אָבער פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר עס קומט דער ווינטער מיט זײַנע שנייען און קעלטן, אַזוי צינד איך אָן אויף דער נאַכט אַ שיסעלע בוימל. מעג דאָס זײַן חנוכּה אָדער ניט, איך צינד דאָס אָן, שטעל דאָס אויפן פענצטער, ס'זאָל ברענען, דערמונטערן די פאַרשפּעטיקטע אויף די וועגן, זיי זאָלן אין שניי ניט אומקומען.

ג. אײַנבינדער.

וואָס באַטײַט?

1. **בוימל** — olive-oil. 2. **צינדט אָן** — lights. 3. **געפרוירן** — frozen. 4. **כּוחות** (קויכעס) — strength. 5. **ישוב** (ישעוו) — settlement, village. 6. **פון די כּוחות** (קויכעס) **זיך אַרויסגעשלאָגן** — ניט געהאַט מער קיין כּוח (קויעך). 7. **פאַרחלשט** (פאַרכאַלעשט) — fainted. 8. **דערמונטערן** — צוגעבן מוט. 9. **ניט אומקומען** — ניט שטאַרבן.

בחור	מלאכה	כּוחות	ישוב	חלום	פאַרחלשט	חתונה

שנייען...

פון דער הייך די שנייען
פאַלן ווייך און ווײַס,
קומען צו דערפרייען,
ווי אַ גוטע נײַס.

קומט דערנאָך די זון
מיטן פראָסט צוזאַמען —
גלאַנצט דער שניי דערפון
מיט די העלסטע פלאַמען.

פינקלען זיי אַ צײַט,
ווערן זיי צעגאַנגען;
פליסן זיי אין ווײַט —
ימים צו דערלאַנגען...

אברהם רייזען.

ביימער

(אַ חמישה־עשׂר בשבֿט ליד)

די ביימער אין שניי, די ביימער אין ווינט —
דער פראָסט — אַזאַ בייזער, אַ פרעמדער ;
ביי זייערע ברידער איז יום־טובֿ אַצינד —
אין ווייַטע, אין וואַרעמע לענדער.

געהילטע אין אייַז, געהילטע אין שניי,
די צווייַגן געבויגן און אָרעם ;
זיי וואַרטן ביז וואַנען דער יום־טובֿ צו זיי
וועט קומען פון וואַרעמען דרום.

זיי מורמלען אַ תּפילה אַ שטילע דערווייַל,
מיט מידע און אָרעמע קרעפטן ;
מיט ביימער, וואָס בליִען פאַר טויזנטער מייַל
ווילן זיי איצט זיך באַהעפטן . . .

אברהם רייזען.

וואָס באַטייַט ?

1. שבֿט (שוואַט) — דער פינפטער ייִדישער מאָנאַט, פאַלט אוים ענדע יאַנואַר און אָנהייב פעברואַר. 2. חמישה עשׂר בשבֿט (כאַמישאַ אָסער בישוואַט)—דער פופצנטער טאָג פון מאָנאַט שבֿט—דאָס נייַע יאָר פון ביימער, Jewish Arbor Day. דאָס איז ביי ייִדן אין ארץ־ישׂראל געווען אַ יום־טובֿ ווען די ביימער הייבן אָן צו בליִען און ווען מע פאַרפלאַנצט נייַע ביימער. עס איז אייַנגעפירט ביי ייִדן אין דעם טאָג צו עסן פרוכט, וואָס וואַקסן אין ארץ־ישׂראל, ספּעציעל טייטלען (dates), פייַגן—(figs) און באָקסער (St. John's bread). 3. יום־טובֿ (יאָמטעוו) — holiday. 4. אַצינד — איצט. 5. געהילטע — covered. 6. צווייַגן — branches. 7. דרום (דאָרעם) — South. 8. מורמלען — רעדן שטיל, ניט קלאָר. 9. תּפילה (טפילע) — געבעט, prayer. 10. בליִען — to bloom. 11. באַהעפטן זיך — זיך פאַרבינדן, פאַראייניקן.

יום־טובֿ	דרום	תּפילה

פרעגן און בעטן



ווען זאָגט מען: פ ר ע ג ן
און ווען זאָגט מען: ב ע ט ן

שטעלט די פראַגעס און ענטפערט.

— פאַר וואָס ניט? אַוודאי מעג מען פרעגן.

(אָדער) — איך רעכן אַז מע דאַרף ניט פרעגן.

איז עס שיין?

1. אָפּצושטעלן אַ פרעמדן מענטשן און אים פרעגן וויפל ס'איז דער זייגער?
2. צו פרעגן אַן אַלטע פרוי ווי אַלט זי איז?
3. צו פרעגן אַ חבֿר ווי אַלט ער איז?
4. צו פרעגן אַ פרעמדן וויפל געלט ער האָט?
5. צו פרעגן דעם לערער פאַר וואָס ער האָט דיר געגעבן אַ שלעכטן צייכן?
6. צו פרעגן דעם קרעמער וויפל ס'קאָסט אַ פונט צוקער?
7. צו פרעגן דעם קרעמער פאַר וואָס ער האָט ניט קיין האָר אויפן קאָפּ?
8. צו פרעגן אַ פּאָליציי־מאַן פאַר וואָס ער האָט אַ רויטע נאָז?
9. צו פרעגן דעם לערער ווי מע שרייבט אַ שווער וואָרט?
10. צו פרעגן עפּעס אין קלאַס, אַז מע פאַרשטייט ניט?

פרעג און ענטפער

איז עס שיין צו בעטן

1. די שוועסטער זי זאָל דיר געבן אַ טרונק וואַסער?
2. חנוכּה־געלט ביים טאַטן?
3. חנוכּה־געלט ביי אַ פרעמדן?
4. דעם זיידן ער זאָל דיר דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער?
5. אַ פרעמדן ער זאָל דיך אַריבערפירן די גאַס?
6. אַ פרעמדן ער זאָל דיר געבן געלט?
7. אַן עלטערן מענטשן ער זאָל דיר אָפּגעבן זיין שטול?
8. דעם לערער ער זאָל דיר ליַיען אַ בוך?
9. אַ חבֿר ער זאָל פאַר דיר מאַכן די היימאַרבעט?
10. עמעצן ער זאָל פאַר דיר עפענען די טיר?
11. אַ פרעמדן ער זאָל דיר טאָן אַ קליינע טובֿה?
12. איינעם ער זאָל דיר טאָן אַ טובֿה און אויפהערן דרייען אַ קאָפּ?

אין שווערע טעג

דאָס געבעט

עס הערט זיך דער דונער פון ווײַטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ;
אָ, גאָט! האָב רחמנות, די אָרעמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ.

וואָס אַרבעטן איצט אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווײַט פון דער היים
און האָבן קיין אָרט, זיך צו שיצן,
קיין שײַער, קיין דעכל, קיין בוים.

און אַלע, וואָס זײַנען פאַרוואָגלט,
וואָס האָבן קיין ווינקל דאָ ניט,
די אַלע פון בייזן געוויטער
באַשירעם, באַשיץ און באַהיט!

אַברהם רייזען.

וואָס באַטײַט?

1. **געבעט** — prayer. 2. **דונער** — thunder. 3. **בלענדט אין די אויגן** — מאַכט בלינד. 4. **בליץ** — lightning. 5. **האָב רחמנות** (ראַכמאָנעס) — have pity. 6. **געוויטער** — thunder-storm. 7. **שײַער** — barn. 8. **פאַרוואָגלט** — ווײַט פון דער היים. 9. **באַשירעם** — באַשיץ, protect.

פראַגעס:

1. פאַר וואָס הייסט דאָס ליד „דאָס געבעט"? 2. פאַר וועמען בעט דער דיכטער? 3. וועמען איז ערגער: די וואָס אַרבעטן אין פעלד, די וואָס זײַנען ווײַט פון דער היים, צי די וואָס זײַנען פאַרטריבן פון דער היים? 4. ווער איז הײַנט־צו־טאָג פאַרוואָגלט פון דער היים? 5. וועמען נאָך איז הײַנט שלעכט אויף דער וועלט, וואָס דער דיכטער וואָלט זיי געקענט אַרײַננעמען אין זײַן געבעט?

צוויי זײַנען געבליבן

ײַ מיר אויפֿן שרײַבטיש ליגט שוין אַ שעה
צײַט אַ צײַטונג מיט אַ בילד. איך קוק
אויפֿן בילד לאַנג. עס ווערט מיר קאַלט.
דאָס האַרץ קלעמט צונויף. עס ווערגט אין
האַלדז. איך קאָן ניט אָפּרײַסן מײַנע אויגן
פֿון בילד.

וואָס איז אויפֿן בילד?

אַ פֿעלד. פֿריִער זײַנען דאָ אויפֿן פֿעלד געוויס געווען הײַזער און מענטשן. עס זײַנען געווען שעפּסן, פֿייגל. איצט שטייט דאָ אָן אַ זײַט אַן אָפּגעבראָכענער בוים. אַ הויז איז אָפּגעברענט נאָר אויף דער העלפֿט. שטיל. וויסט.

דערבײַ שטייען צוויי — אַ קינד און אַ הונט, טאָדי און זשוק. דער הונט טוליעט זיך צום קינד. טאָדי איז אַלט אַ יאָר צען. זיי שטייען ביידע און קוקן און שווײַגן.

איך קוק אַלץ אויפֿן בילד. אונטערן בילד איז געשריבן מיט קליינע ווערטער:

— „צוויי זײַנען געבליבן“.

וועלכע צוויי?

דער ייִנגל און דער הונט.

דאָס הויז איז פֿאַרברענט. דער בוים איז צעבראָכן. וואו זײַנען די מענטשן פֿון הויז? — זיי זײַנען ניטאָ. וואו זײַנען זיי? — אָדער טויט, אָדער אַנטלאָפֿן.

וואו שטייט דער אָפּגעבראָכענער בוים, דאָס האַלב פֿאַרברענטע הויז, דאָס קינד און דער הונט? — אויף אַ פֿעלד אין פּוילן, נישט ווײַט פֿון אַ טײַך.

מיט אַ שעה פֿריִער איז דאָ אויף דעם פֿעלד געווען די מלחמה. דאָ איז געווען היטלער. איבער דעם פֿעלד זײַנען געפֿלויגן עראָפּלאַנען. די פֿליִערס האָבן געוואָרפֿן באָמבעס.

און די באָמבעס?

זיי האָבן צעפֿליקט די שטאַל, דערהרגעט צוויי פֿערד, איין קו, אַ שעפּס, צוויי ציגן. פֿינף הינער זײַנען טויט. זיי

ליגן דאָרט אונטער די קלעצער און ברעטער. די זון קוקט אויף זיי דורך די שפּאַלטן פון דער חורבֿה. די באָמבעס האָבן אויך צעבראָכן און פאַרשאָטן דעם ברונעם.

און די מענטשן?

די מענטשן זײַנען איצט שוין נישטאָ. צוויי זײַנען אַנטלאָפן אין וואַלד, ווען זיי האָבן דערזען, אַז דאָס נאָענטע דאָרף ברענט און אין דער לופטן רוישן די עראָפּלאַנען. און דער טאַטע? די מאַמע? די צוויי ברידער? די שוועסטער? מע ווייס ניט וואו זיי זײַנען. קאָן זײַן, אַז זיי ליגן אונטער דעם אײַנגעפאַלענעם הויז. מען הערט אָבער גאָרנישט פון זיי.

און דאָס קינד וואָס איז געבליבן הייסט טאָדי. טאָדי האָט שוואַרצע אויגן. שטייט ער און קוקט און וואונדערט זיך:

— וואָס איז דאָ געווען?

— וואו זײַנען זיי אַלע?

ווי אַזוי טאָדי איז געראַטעוועט געוואָרן און געבליבן אַליין — ווייס קיינער ניט. ער האָט געהערט דאָס רוישן, געזען דאָס פײַער, געהערט דאָס בראַזגען, געזען ווי די מאַמע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און — מער געדענקט ער גאָרניט. טאָדי ווייס אויך ניט, ווי לאַנג ער איז געלעגן

צווישן די קלעצער פון הויז. ער געדענקט אַפילו ניט, ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעהויבן. איצט שטייט ער דאָ, שטייט און וואונדערט זיך. ער זוכט מיט די אויגן.

עס איז אַזוי מאָדנע צו זײַן אײנער אַליין אין פעלד. ער וואָלט איצט עפּעס געגעסן, אָבער — די מאַמע איז ניטאָ. און אַז די מאַמע איז ניטאָ, איז ניטאָ וואָס צו עסן.

וואָס וועט ער איצט טאָן אַליין? — ער וואָלט געטאָן איינעם: — געוויינט.

אָבער ער איז שוין אַ גרויסער יינגל, ער איז שוין אַלט צען יאָר, און עס איז אין מיטן מלחמה, איז נישט שיין פאַר טאָדין צו וויינען.

ניין, ער איז ניט אין גאַנצן אַליין. צו אים איז צוגעקומען אַ פרײַנד — זשוק. דער הונט זשוק. ער האָט זיך אויך גע־ראַטעוועט. היטלער האָט אים ניט דערהרגעט. זשוק האָט דערשמעקט, אַז טאָדי איז דאָ און שטייט בײַם אָפּגעבראָכע־נעם בוים, איז ער צו אים צוגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט.

זשוק וואונדערט זיך אויך, ער פאַרשטייט אויך ניט, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, זײַן הינטישער קאָפּ קאָן דאָס ניט באַנעמען. ער, אַז ער טוט אַ ביל, אַ בים, פאַרדריסט דאָס אים נאָך דעם זייער שטאַרק:

— „זשוק, וואָס בײַסטו זיך?..."

און דאָ האָט מען די פעדער אַוועקגעלייגט טויט, די ציג צעפּליקט, דאָס הויז פאַרברענט, דער אַלטער פויער ליגט טויט בײַם וואַסער. זײַן ווײַב ליגט אַ שטומע אין שטאַל. ער, זשוק, ווייס דאָס אַלץ. ער איז שוין אומעטום געווען. ווען טאָדי איז נאָך געלעגן צווישן די קלעצער פון הויז, איז ער שוין, זשוק, אומעטום אויסגעווען. וואונדערט ער זיך זייער. שטייט ער גלײַך מיט טאָדין, טוליעט זיך צו צו אים, ווי ער וואָלט בײַ אים פרעגן:

— „טאָדי, דו ביסט דאָך אַ קלוגער, זאָג מיר, וואָס איז דאָ פאַרלאָפן?..."

טאָדי ווייס דאָך, זאָל ער, זשוק, אויך ווייסן:

— עס איז מלחמה. דאָ איז געווען היטלער. ער איז דער

מערדער. זײַנע זעלנערס הייסן „די נאַציס". זיי קומען און מאָרדן און ברענען און פאַרניכטן.

פאַרשטייסטו, זשוק?

זשוק טוליעט זיך צו נעענטער צו טאָדין. ער וועט אים אַליין ניט לאָזן. זאָל אים טאָדי אויך ניט לאָזן אַליין. און אויב מע דאַרף עפּעס טאָן, וועט ער, זשוק, טאָן.

פאַרשטייסטו, טאָדי?

***

בײַ מיר אויפן טיש ליגט אַ צײַטונג מיט אַ בילד. איך קוק שוין אַ לאַנגע צײַט אויפן בילד, און דאָס בילד רעדט צו מיר:

— צוויי זײַנען זיי געבליבן. טאָדי און זשוק.

יעקב פּאַט.

שעה	מלחמה	דערהרגעט	חורבה

וואָס באַטײַט?

1. קלעמט — chokes. **2. ווערגט** — דריקט. **3. אָפּרײַסן** — אוועקנעמען. **4. וויסט** — ליידיק. **5. טײַך** — river. **6. מלחמה** (מילכאָמע) — קריג, war. **7. פליִערס** — pilots. **8. צעפּליקט** — צעריסן. **9. דערהרגעט** — killed. **10. ציגן** — goats. **11. קלעצער** — logs. **12. ברעטער** — planks, boards. **13. שפּאַלטן** — cracks. **14. חורבה** (כורווע) — ruin. **15. ברונעם** — well. **16. געראַטעוועט געוואָרן** — was saved. **17. מאָדנע** — strange. **18. באַנעמען** — פאַרשטיין. **19 פאַרלאָפן** — געטראָפן. **20 פאַרניכטן** — צעשטערן.

פראַגעס:

1. וואָס זעט מען אויפן בילד אין דער צײַטונג? 2. פאַר וואָס זאָגט דער שרײַבער: „עס ווערט מיר קאַלט, דאָס האַרץ קלעמט צונויף", ווען ער קוקט אויפן בילד? 3. וואָס איז געשען מיט די מענטשן אין דאָרף, מיט טאַטע-מאַמע, מיט אַלץ אַרום? 4. ווי האָט דאָס דאָרף פריִער אויסגעזען? 5. פאַר וואָס שטייט זשוק און וואונדערט זיך? 6. וואָס וויל אים דאָס קינד ענטפערן? 7. וואו קומט די מעשה פאָר? ווען? 8. פאַר וואָס הייסט די דערציילונג: „צוויי זײַנען זיי געבליבן"? 9. ווי נאָך קען מען די מעשה אָנרופן? 10. וואָס קענען מיר טאָן צו העלפן אַזעלכע קינדער ווי טאָדי? 11. אין וועלכע אַנדערע לענדער לײַדן איצט קינדער זייער שטאַרק?

אָן אַ היים

1.

אויפן גאַס האָבן זיך דערהערט קולות.

דער קליינער, בלאַסער מאָריץ האָט זיך אַ צעשראָקענער אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די געשרייען אויפן גאַס ווערן שטאַרקער, העכער און קומען אַלץ נעענטער.

אַ מאָדנער שײַן האָט פּלוצעם באַלויכטן די פענצטער פון גרויסן קינדערשן שלאָפצימער.

— פײַער, קינדער, עס ברענט!

בײַם אויסגעשריי: פײַער! שפּרינגט מאָריץ אַראָפּ פון זײַן בעטל. ער דערזעט איינע פון די אויפפּאַסערינס שטיין לעבן זײַן בעטל. זי האַלט אַ קליין קינד אויף די הענט און טוליעט עס צו זיך, עס זאָל ניט וויינען. צוויי גרעסערע קינדער האַלטן זיך אָן איר קלייד. די פענצטער פון גרויסן צימער פון דער קינדערהיים זײַנען באַלויכטן פון דרויסן. די אויפפּאַסערין נעמט מאָריצן פאַר אַ הענטל, קוקט צו דער טיר און רעדט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— מאָריץ, מאָריץ, גיכער... כאַפּ עפּעס אויף זיך... די נאַציס... זיי ברענען ייִדישע הײַזער, גיכער... די קינדערהיים איז ניט זיכער... לאָמיר לויפן פון דאַנען!

פון אַלע זײַטן הערן זיך קולות: פײַער, קינדער, עס ברענט!

שטיינער פון גאַס קראַכן דורך די שויבן, צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז פליִען איבערן צימער. אַלע לויפן אין שרעק פון איין צימער אין צווייטן. עס הערט זיך אַ געוויין פון קינדער.

עטלעכע פרויען, מאַמעס, וועמעס קינדער געפינען זיך דאָ אין דער קינדערהיים, זײַנען געקומען צו לויפן צעשראָקענע און זוכן זייערע קינדער.

— מײַן קינד, לאָזט מיך ראַטעווען מײַן קינד.

דאָס פײַער קומט נעענטער. דער רויך פילט אָן די שטוב, בײַסט די אויגן. די היץ שטיקט. געוויין, געשרייען... און דער קליינער מאָריץ שטייט מיט נאָך קינדער אויפן גאַס אַ האַלב־נאַקעטער און ציטערט פון קעלט און שרעק.

.2

מאַריץ ווייס ניט צי עס איז דריַי וואָכן, צי דריַי יאָר זינט די נאַ־צים... ניין, ער וויל אַפּילו ניט טראַכטן פון יענער נאַכט, ווען דאָס פיַיער האָט אַרומגעכאַפּט די קינדערהיים, און וועלכער ער איז געווען.

ניין, ער וויל ניט געדענקען יענע נאַכט.

אויפן וואָקזאַל זעט מאַריץ אַ סך קינדער, מאַמעס, אויפפּאַסערינס און אַזוי פיל דיַיטשישע באַאַמטע!

לעבן אים איז קיינער ניטאָ. ער פילט אַזוי עלנט! ער וויל וויינען.

מאַריץ דערפילט צוויי וואַרעמע הענט אויף זיַינע אויגן.

ער כאַפּט זיי אָן און רופט אויס מיט פריד:

— אַ, שוועסטער, אַנכען, גוטע, דו ביסט געקומען!

ער טוליעט זיך צו זיַין שוועסטער און רעדט שטיל ווי צו זיך:

— דו ביסט געקומען, אַנאַ, דו ביסט געקומען.

מאַריץ הייבט אויף זיַין קעפּל, קוקט אין אַנאַס ברוינע, טרויעריקע אויגן. ביידע זיַינען שטיל און האַלטן זיך אַרומגענומען.

— שוועסטער, ווען וועל איך דיך זען? ווען וועסטו קומען קיַין ענגלאַנד?

אַנאַ דריקט צו זיך שטאַרק איר ברודערל, דרייט אָוועק איר פּנים, מאַריץ זאָל ניט זען אירע טרערן.

זי ענטפערט ניט. זי וויַיזט אָן אויף די אַנדערע קינדער.

מאַריץ פאַרקוקט זיך אויף די קינדער און ער דערציילט זיַין שוועס־טער, אַז זיי זיַינען הונדערט זעקס און נייַנציק קינדער. אַלע פאָרן זיי קיַין ענגלאַנד. ער וויַיזט אויף עטלעכע קינדער:

— זיי האָבן אויך ניט קיין טאַטע־מאַמע. יתומים, ווי איך... און אַלץ צוליב די נ־אַ־צ... און ער ריַיסט ווידער איבער, ענדיקט ניט זיַין זאַץ און בליַיבט שטיל.

.3

אַנאַ גייט צו מיט מאַריצן צו איינער פון די לערערינס, צו פריילין, גוטפריד, וואָס פאָרט מיט די קינדער קיַין ענגלאַנד. מאַמעס מיט קינדער קומען צו. יעדע שטעלט עפּעס אַ פראַגע. פריילין גוטפריד רעדט ניט. זי קוקט אויף אַלעמען מיט אַ גוטן שמייכל, שוויַיגט און שאָקלט מיטן קאָפּ.

ערשט ניט לאַנג צוריק זײַנען די קינדער געווען פרעמד איינס דעם אַנדערן, און איצט זײַנען זיי ווי איין פאַמיליע. אַט די אַלע קינדער האָבן איצט איין נאָמען: יידישע קינדער פון דײַטשלאַנד. יעדעס קינד טראָגט אויפן האַלדז אַ קייטעלע מיטן נאָמען. די קייטעלעך בינדן זיי צוזאַמען. זיי קוקן אויף די קייטעלעך, באַקענען זיך, רופן זיך בײַ די נעמען:

— מאַריץ, אַרנאַלד, פרידאַ — און זיי ווערן פרײַנד.

פרידאַ, אַ בלאַס, צעניאַריק מיידעלע, שטייט לעבן מאַריצן און וויינט. קיינער איז ניט געקומען מיט איר געזעגענען זיך. דער פאָטער איז אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער און די מוטער ליגט קראַנק.

4.

עטלעכע קינדער קומען צו דעם וויינענדיקן מיידעלע און טרייסטן זי. זי איז ניט די איינציקע וועמעס עלטערן זײַנען ניט געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע קינדער.

מאַריץ רעדט צו איר און וויל זי אײַנשטילן:

— איך האָב ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער, און אַלץ צוליב די נאַצים... ער ווערט אַנטשוויגן און האַלט זיך אײַן, ער זאָל זיך ניט צעוויינען.

אַ סך קינדער שאָקלען מיט די קעפּלעך.

— איך אויך... איך אויך... און אַלץ צוליב היטלערן...

אַנאַ לייגט צו אַ פינגער צו די ליפּן: ששש... ששש...

אַ דײַטשישער באַאַמטער קומט צו און לאָזט וויסן, אַז באַלד קומט

אָן די באַן. אַ צוויטער רופט אויס הויך, מיט אַ טרוקענער, האַרטער שטים:

— אַ ייִדיש קינד קען מיטנעמען מיט זיך נאָר אַזוי פיל, וויפל עס קען טראָגן אין איין האַנט, אונטערן אָרעם, און טאָר ניט האָבן בײַ זיך מער ווי איין מאַרק!

עס ווערט גאָר שטיל. עס דערהערט זיך אַ פאַרשטיקטער זיפץ פון אַ מאַמען, וואָס מאַטערט זיך צו מאַכן איר קינדס פעקל אַזוי קליין, אַז דאָס קינד זאָל עס קענען טראָגן אין איין האַנט.

פון דער ווײַטן הערט זיך דאָס פײַפן פון דער אָנקומענדיקער באַן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע ווערט אַ טומל, אַ געלאַף. עס הערט זיך אַ פאַרשטיקטער געוויין. מאַמעס און קינדער דריקן זיך איינס צום אַנדערן און קושן זיך. עטלעכע קינדער, יתומים, וועמען קיינער איז ניט געקומען זאָגן אַ פאַר־געזונט, טוליען זיך איינס צום אַנדערן און האַלטן זיך פאַר די הענטלעך. מען הערט ניט קיין ווערטער. מע זעט בלויז טרערן, טרערן.

עס דערהערט זיך אַ רוף: „אײַנשטײַגן! אײַנשטײַגן!"

די קינדער געזעגענען זיך. נאָך אַ קוש, נאָך אַ גלעט...

— מאַמע!... — קינד!..

און טרערן פינקלען אין די אומעטיקע אויגן פון די קינדער און די מאַמעס.

5.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שלעפּנדיק די קליינע פעקלעך אונטער די אָרעמס, רוקן זיך די הונדערט זעקס און נײַנציק קליינע וואַנדערערס צו די ספּעציעל צוגעטשעפּעטע וואַגאָנעס.

מאַריץ גייט דער לעצטער אַרײַן אין וואַגאָן. שטייענדיק אויפן טרעפּל פון וואַגאָן רופט ער אויס מיט אַ ציטערדיק קול:

— אַנכען, שוועסטער, ווען וועל איך דיך זען?

אַ געשריי: „אײַנשטײַגן, אײַנשטײַגן!"

אַ מאַמע האַלט ניט אויס און פּלאַצט אויס אין אַ געוויין:

— מײַן קינד, כ'וועל שוין דיך מער קיין מאָל ניט זען!

אַן אַנדער מאַמע כאַפּט אונטער און מיט אַ ביטער געשריי רופט זי אויס:

— מײַן קינד, מײַן קינד! וואוהין פירט מען דיך?

עס דערהערט זיך אַ פײַף. טיכלעך פלאַטערן. הענטלעך פאַכען אַ לעצטן זײַ־געזונט צו די וואָס זײַנען געבליבן אויף דער פלאַטפאָרמע.

די באַן רירט זיך, צו ערשט פּאַמעלעך, דערנאָך גיכער, גיכער און ווערט פאַרשוואונדן אין דער ווײַטקייט.

אין וואַגאָן, בײַם פענצטער, זיצט אַ יינגעלע, יאַקאָב, און טראַכט:

— מאַמע! מאַמע! וואוהין ווערט מיך די באַן ברענגען?

שׂרה ליבערט.

קולות	פּנים	יתומים

וואָס באַטײַט?

1. קולות (קױלעס) — געשרייען. 2. אויפפּאַסערינס — פרויען וואָס גיבן אַכטונג אויף די קינדער. 3. טוליעט זיך צו — דריקט זיך צו. 4. קראַכן — crash. 5. שויבן — window panes. 6. וואָקזאַל — railroad station. 7. באַאַמטע — officers. 8. עלנט — אָן פרײַנד, אַליין. 9. שאָקלט — shakes. 10. קייטעלע — chain. 11. טרייסטן — באַרואיקן, צוגעבן האָפענונג. 12. געזעגענען זיך — זאָגן אַ זײַ־געזונט פאַרן אַוועקפאָרן, to bid farewell. 13. אַנטשוויגן ווערן — שטיל ווערן. 14. מאַרק — דײַטשישע געלט, אין ווערט פון 25 סענט. 15. זיפץ — sigh. 16. פאַרשטיקטער זיפץ — אַ זיפץ וואָס מען האַלט אײַן אין זיך. 17. אײַנשטײַגן — מיינט אין דייטש: אַרײַנגיין אין באַן. 18. פלאַטערן — to wave.

ווער ווייס?

1. פאַר וואָס האָט זיך מאַריץ אויפגעכאַפּט, אין מיטן נאַכט, אַ דערשראָקענער? 2. וואָס האָט ער דערזען? 3. וואוהין זײַנען די קינדער געלאָפן? 4. וואָס האָט די אויפפּאַסערין מאַריצן געזאָגט? 5. ווער האָט געוואָרפן שטיינער אין די שויבן פון קינדערהיים? 6. ווער האָט אונטערגעצונדן די קינדערהיים? 7. וואוהין זײַנען די קינדער געפאָרן? 8. פאַר וואָס האָבן זיי פאַרלאָזן דײַטשלאַנד? 9. ווער זײַנען די קינדער? 10. ווער קומט זיך געזעגענען מיט מאַריצן? 11. ווי געזעגענען זיך ברידער און שוועסטער? 12. פון וואָס איז צו זען, אַז אַנכען איז אַ מוטיקע מיידל? 13. פאַר וואָס וויינט פרידע? 14. ווי טרייסטן זי אירע חבֿרטעס? וואָס זאָגן זיי איר? 15. וואָס דערציילט איר מאַריץ? 16. וואָס קענען די קינדער מיטנעמען קײַן ענגלאַנד? 17. וואָס רופן אויס די קינדער און די מאַמעס ווען זיי געזעגענען זיך? 18. וועלכער אויסרוף האָט דיך מער גערירט?

אויפגאַבע: טיילט אײַן די מעשׂה אין קליינע טיילן און גיט אַ נאָמען יעדן טייל.

אַ ייִדיש קינד מיט אַ צעטעלע

אין אַ ייִדיש הויז אין אַמעריקע האָט מען — ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיקט — געוואַרט צו באַקומען אַ גרוס פון פריינד פון יענער זייט ים. אַזוי האָט מען געוואַרט אין אַ סך ייִדישע הייזער.

מען האָט געהערט, אַז די נאַצים האָבן מיליאָנען ייִדן, אַלטע לייט און קינדער, פרויען און מענער, אומגעבראַכט, אָבער דאָך האָט מען געהאָפט — אפשר איז דאָך עמעצער געבליבן לעבן, אפשר וועט זיך דאָך עמעצער אָפרופן, טאָמער האָט זיך פאָרט עמעצער געראַטעוועט ?...

***

אין איינעם פון די לעצטע האַרבסט־טעג איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דאָרטן. אַז דער בריוו איז פון דאָרטן, האָט מען געקענט דערקענען אַפילו פון דער ווייטנס — פון זיין אויסזען, פון דעם שטעמפּל, פון דער מאַרקע. מען האָט זיך געכאַפּט אים לייענען, אָבער מען האָט ניט געקענט, ווייל ער איז געווען געשריבן אויף אַ שפּראַך, וואָס קיינער אין שטוב האָט זי ניט געקענט. איינער האָט געקוקט, אַ צווייטער האָט געקוקט. טאַטע, מאַמע, קינדער און — קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס איז געשריבן אין דעם בריוו, עס איז געווען אַ בריוו אין אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך.

ענגליש ? — ניין ; ייִדיש — ניין ; פּויליש ? — ניין ; רוסיש — ניין ; דייטש ? — ניין ; פראַנצייזיש ? — אויך ניט. ביז דער טאַטע האָט אויסגעפונען אין גאַנצע שורה, וואָס ער קען איבערלייענען, ווייל זי איז געשריבן אויף ייִדיש. ער האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט דערזען די היימישע ייִדישע ווערטער צווישן די שורות פרעמדע, אומבאַקאַנטע ווערטער.

„אַלץ וואָס אין דעם בריוו איז געשריבן איז אמת" — דאָס זיינען געווען די ייִדישע ווערטער צום סוף פון

אומפאַרשטענדלעכן בריוול. מוז מען דאָך שוין געווים וויסן, וואָס איז אין דעם בריוול געשריבן!

מען האָט געזוכט און געפונען. מען האָט אויסגעפונען, אַז דאָס בריוול איז געשריבן אויף ליטוויש און מען האָט געפונען אַ מענטשן, וואָס קען לייענען ליטוויש. מען האָט דעמאָלט איבערגעלייענט דעם בריוו און מען איז פון אים געוואָר געוואָרן אַ זייער וויכטיקע געשיכטע.

לאָמיר טאַקע אייַך איבערגעבן די געשיכטע.

***

דאָס בריוול איז געווען געשריבן אויף ליטוויש, ווײַל עס האָט אים געשריבן אַ פויערטע פון אַ דאָרף אין ליטע, און קיין אַנדער שפּראַך קען זי ניט. ליטוויש איז איר איינציקע שפּראַך.

האָט זי אַזוי דערציילט אין איר בריוול:

זי איז געווען אין פעלד אין איינעם אַ שפּעט־זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען אַ לאַנגער צוג מיט וואַגאָנען יידן איז דורכגעפאָרן. אין דאָרף האָבן שוין אַלע פויערים און פויערטעס געוואוסט, אַז די דײַטשן פירן יידן אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנען זיי צו פאַרברענען. דאָס איז אויך געווען אַזאַ צוג מיט וואַגאָנען יידן. פּלוצעם האָט זי דערזען, אַז עפּעס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון וואַגאָן און געבליבן ליגן אויף דער ערד.

דער צוג מיט די וואַגאָנען יידן איז אַוועקגעלאָפן ווײַטער. מען האָט אים שוין ניט געזען. אויפן פעלד איז שטיל געווען. אַרום און אַרום האָט מען קיין דײַטש ניט געזען. עס איז ניט געווען קיין לעבעדיקער מענטש. דעמאָלט איז צוגעגאַנגען די פויערטע אַ קוק צו טאָן אויפן פּלאַץ וואו עס איז עפּעס אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון וואַגאָן.

עס איז געלעגן אַ קינד. אַ קליין קינד אײַנגעוויקלט אין אַ טוך. דאָס קינד האָט געלעבט. זײַנע אויגן זײַנען געווען גרויס און אָפן. דאָס קינד האָט ניט געשריִען. ניט געוויינט, נאָר געלעגן און שטילערהייט, קוים־קוים אַזוי ווי געקרעכצט.

— „מסתּמא האָט זיך דאָס קינד צעשלאָגן פאַלנדיק"

האָט די פּויערטע געטראַכט, ווען זי האָט געהערט ווי דאָס קינד קרעכצט.

עס איז אַ רחמנות אויף אַ קינד, וואָס ליגט אַליין אין פעלד, אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן מיט ייִדן. די פּויערטע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, כּדי עס בעסער אָנצוקוקן. יאָ, עס איז אַ ייִדיש קינד. דאָס איז זיכער. די אויגן זיינען ייִדישע.

קוקט אַרום די פּויערטע דאָס אַרויסגעוואָרפענע ייִדישע קינד און דערזעט, אַז אויפן קינדס העלדזל הענגט אויף אַ שטריקל אַ צעטעלע וואָס איז געווען געשריבן אין ליטוויש, און זי האָט איבערגעלייענט:

„גוטע מענטשן, האָט רחמנות אויפן קינד. דאָס בעט אייַך זיין מאַמע. אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, שרייַבט וועגן קינד צו מיין שוועסטער אין אַמעריקע. אַזוי און אַזוי איז איר אַדרעס. מיין שוועסטער שרה וועט אייַך פאַר אַלץ באַלוינען".

איצט איז שוין געווען קלאָר פאַר דער פּויערטע, ווער עס האָט דאָס קינד אַרויסגעוואָרפן פון ייִדן־וואַגאָן. דאָס האָט געטאָן זיין אייגענע מאַמע. זי האָט אים אייַנגעוויקלט אין אַ גרויסער טוך. די טוך האָט זי גוט אַרומגעדרייט מיט אַ שטריקל, כּדי דאָס קינד זאָל זיך ניט צעקלאַפּן צו שטאַרק, ווען עס וועט פאַלן אויף דער ערד.

זיין מאַמע האָט דאָס געטאָן, ווייַל זי האָט געוואָלט ראַטעווען איר קינד. די מאַמע האָט געוואוסט, אַזוי ווי עס האָבן געוואוסט אַלע ייִדן אין וואַגאָן, אַז מען פירט זיי צום טויט, אַז מען וועט זיי אומברענגען — מען פירט זיי אין גרויסן אויוון אַרייַן. די מאַמע האָט רחמנות געהאַט אויף איר קינד. די מאַמע האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס קליינע עופעלע. זי האָט עס דעריבער געוויקלט אין דער גרויסער טוך, זי האָט עס דעריבער אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן אין פעלד אַרייַן און געבעטן בייַ „גוטע מענטשן", זיי זאָלן רחמנות האָבן אויפן קינד.

— אפשר, אפשר וועט זיך דאָך געפינען אויפן פעלד א מענטש, וואָס וועט רחמנות האָבן אויפן קינד?
אָבער רחמנות אַליין איז ווייניק, האָט געווים געטראַכט די מאַמע, ווײַל די מענטשן זײַנען אַזוי האַרט און אַזוי שלעכט, האָט זי דעריבער צוגעזאָגט אַ באַלוינונג:
— אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, שרײַבט צו מײַן שוועסטער אין אַמעריקע, אַזוי און אַזוי איז דער אַדרעס.
אַמעריקע איז אַ גאָלדן לאַנד, אַמעריקע איז אַ גרויסע זאַך, די אַמעריקאַנער שוועסטער קען טאַקע גוט באַלוינען...
— אַזוי האָט געטראַכט די פויערטע אין פעלד, און זי האָט אויפגעהויבן דאָס קינד.
דאָס צעטעלע האָט זי גוט באַהאַלטן. עס וועט געווים צו ניץ קומען. דאָס קינד האָט זי גענומען אין דאָרף אַרײַן, צו זיך אַהיים.

***

איצט, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און דאָס קינד לעבט און גייט שוין אַרום אויף די אייגענע פיסלעך, האָט די פויערטע אַרויסגעשלעפּט דאָס פאַרבאַהאַלטענע צעטעלע מיט דעם אַמעריקאַנער אַדרעס און געשריבן צו דער אַמע־ריקאַנער שוועסטער, אַז איר שוועסטערס יינגעלע איז בײַ איר, אַז זי האָט עס אויסגעהיט פון די דײַטשן, אַז איר שוועס־טער האָט אַנגעזאָגט אין צעטעלע, אַז נאָך דער מלחמה זאָל מען שרײַבן קײַן אַמעריקע.
און אָט שרײַבט זי.
זי שרײַבט אויף איר ליטווישער שפּראַך, אַז זי וועט דאָס קינד אָוועקגעבן אָבער ניט פאַר באַצאָלט, ניט פאַר מתּנות, נאָר פאַר עפּעס אַנדערש.
זי וויל, אַז מען זאָל אויך זי צוזאַמען מיט אירע קינדער אַראָפּנעמען קײַן אַמעריקע.
— „וועלן מיר אַלע קומען צו אײַך צוזאַמען..."

***

אַזוי איז געקומען אַ בריוול מיט אַ גוטן אָנזאָג אין אַ יידיש הויז אין אַמעריקע. גוט וואָס דאָס יידישע קינד איז

געבליבן לעבן, וואָס עס לעבט כאָטש איינער פון דער משפחה, וואָס איז אין גאַנצן אומגעבראַכט געוואָרן.

דער מאַמעס האַרץ האָט געוויס געציטערט, ווען זי האָט געוויקלט איר קינד אין דער טוך. זי האָט געוויס געפּלאָ־טערט, ווען זי האָט דאָס קלוגע צעטעלע געשריבן. געוויס האָט איר האַרץ געגליווערט, ווען זי האָט איר קינד אַרויס־געוואָרפן אויף אַלע מאָל פון לויפנדיקן וואַגאָן, אָבער אירע ליפן האָבן געוויס שטיל געזאָגט דאָס הייליקסטע מאַמע־געבעט:

— „זאָל מײַן קינד בלײַבן לעבן״.

די מאַמע איז ניטאָ, אָבער איר געבעט איז ניט געווען אומזיסט. איר קינד לעבט, און איר שוועסטער אין אַמעריקע וואַרט אויף דער שעה, ווען זי וועט קענען איר שוועסטערס קינד אַרײַננעמען אין אירע אָרעמס.

יעקב פּאַט.

אין אַ טאָג פון רעגן

אין אַ טאָג פון רעגן,
ווען עס וויינט די וועלט,
זינג פון זון אויף וועגן,
זינג פון גרינעם פעלד!

אין אַ טאָג אַ גרויען,
ווען דאָס האַרץ איז מיד,
זינג פון רוים אַ בלויען
און פון בוים וואָס בליט.

אין אַ טאָג אַ שלעכטן,
ווען דער פײַנד ווערט ווילד,
זינג פון דעם גערעכטן
און פון דעם וואָס פילט...

אַברהם רייזען.



דער שלח־מנות־טרעגער

צעקאָכט, פאַרמאַטערט און צעהיצט...
דאָס נעזל גלאַנצט, דער שטערן שוויצט —
עס לויפט דער פורים־יעגער —
דער שלח־מנות־טרעגער.

ער האַלט אַ טעלערל אין האַנט.
איך שרײַ צו אים: „שטיי!״ — ווי צו דער וואַנט!
ער לויפט, ער פליט אַלץ ווײַטער —
כאָטש יאָג אים נאָך אַ רײַטער.

ניטאָ קיין צײַט, ניטאָ קיין צײַט,
דער טאָג איז קורץ, דער וועג איז ווײַט.
אוי, שלח־מנות טראָגן —
אַ שפילעכל צו זאָגן!

מע זעט ניט, ווי עס פליט די צײַט.
די שטאָט איז גרויס, דער וועג איז ווײַט.

ש. פרוג.



1. **צעקאָכט** — excited. 2. **פאַרמאַטערט** — מיד. 3. **צעהיצט** — excited. 4. **שוויצט** — perspires. 5. **יעגער** — דער וואָס יאָגט. 6. **רײַטער** — rider, horseman. 7. **אַ שפילעכל צו זאָגן** — גאָרניט קיין קלייניקייט.

די מעשה פון פורים

א.

מאָל איז געווען אַ מעשה. די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ נאַרישן מלך און עס לאָזט זיך אויס זייער פריילעך.

דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה. איז ער איין מאָל אויף איר אין כּעס געוואָרן, האָט ער געהייסן זי דערהרגענען. און אַז מען האָט זי דערהרגעט, איז דער מלך אָפּגעגאַנגען פון כּעס. און אַז ער איז אָפּגעגאַנגען פון כּעס, האָט ער חרטה געקראָגן, וואָס ער האָט זי דערהרגעט.

— „גרויסער נאַר!" — האָט דער מלך אויף זיך אַליין געזאָגט — „וואָס האָב איך דאָס געטאָן? און ווי אַזוי קען דאָס זײַן אַ מלך אָן אַ מלכּה?"

האָבן זײַנע דינערס פאַר אים אויסגעזוכט אַן אַנדער מלכּה, און איר נאָמען איז געווען אסתּר, און זי איז געווען נאָך שענער פאַר דער ערשטער מלכּה, וועלכע דער מלך האָט אין זײַן נאַרישן צאָרן געהייסן דערהרגענען. און דער מלך האָט זייער ליב געקראָגן די נײַע מלכּה, און וואָס זי האָט געבעטן, האָט ער איר געגעבן, און דער מלך האָט ניט געוואוסט, אַז אסתּר איז אַ ייִדישע מיידל.

און אין דעם קיניגס הויף איז געווען אסתּרס אַ פעטער, האָט מען אים גערופן מרדכי הצדיק, ווײַל ער איז געווען אַ גוטער מענטש. הערט איין מאָל מרדכי הצדיק, ווי צוויי דינערס רעדן אָפּ צווישן זיך צו פאַרסמען דעם מלך. איז מרדכי אַוועק און האָט דאָס דערציילט אסתּרן, און אסתּר האָט דאָס דערציילט דעם מלך, און מען האָט די צוויי דינערס אויפגעהאַנגען. די גאַנצע געשיכטע איז פאַרשריבן געוואָרן אין דעם קיניגס בוך.

ב.

אין דעם קיניגס הויף איז אָנגעקומען אַ שלעכטער מענטש, און זײַן נאָמען איז געווען המן. און ווײַל ער איז געווען שלעכט, האָבן אים אַלע גערופן המן הרשע. האָט דער נאַרישער קיניג ליב געקראָגן המן הרשע און ער האָט גע־הייסן אַלע זאָלן זיך בוקן פאַר המן הרשע. האָבן זיך אַלע געבוקט פאַר אים, נאָר איין מרדכי הצדיק האָט זיך פאַר אים ניט געוואָלט בוקן. איז המן דער רשע אין כּעס געוואָרן אויף מרדכי דעם צדיק, און ווען ער האָט דערהערט, אַז מרדכי איז אַ ייִד, האָט ער געוואָלט דערהרגענען מרדכין מיט אַלע ייִדן אין איינעם.

איז המן אַוועק צום נאַרישן מלך און זאָגט צו אים:

— אַדוני מלך, זאָלסטו לעבן און זײַן פריילעך! פאַר־קויף מיר אַלע ייִדן פון דײַן לאַנד און איך וועל זיי אַלעמען אויסהרגענען.

זאָגט צו אים דער נאַרישער מלך:

— וואָס דאַרפסטו זיי קויפן בײַ מיר? נעם זיי אַלעמען צו אומזיסט און טו מיט זיי וואָס דו ווילסט.

איז המן אַוועק פריילעך פון דעם מלך און ער האָט די ערשטע זאַך גענומען און געמאַכט אַ תּליה אויפצוהענגען מרדכין.

אַז מרדכי הצדיק און אַלע ייִדן האָבן דערהערט פון דער מעשׂה, האָבן זיי זיך אַלע ביטער צעוויינט און צעשריִען, און מרדכי איז אַוועק צו אסתּר המלכּה, זאָגן איר, אַזוי ווי זי איז אַליין אַ ייִדיש קינד, זאָל זי זען בעטן דעם נאַרישן מלך, ער זאָל בטל מאַכן זײַן נאַרישע גזירה און מע זאָל די ייִדן ניט אויסהרגענען.

ג.

און דער נאַרישער מלך האָט זיך געלייגט שלאָפן יענע נאַכט. קומט אַרונטער פון הימל דער מלאך פון שלאָף און לאָזט אים ניט אײַנשלאָפן. בעט זיך דער מלך בײַם מלאך:

— לאָז מיך אײַנשלאָפֿן! איך בין אַזוי מיד! דער קאָפּ טוט מיר וויי.

זאָגט דער מלאך צום מלך:

— דער נאַרישער קאָפּ טוט דיר וויי פֿון די נאַרישקייטן וואָס דו טוסט אָפּ. איך וועל דיך ניט לאָזן שלאָפֿן, ביז דו וועסט ניט איבערלייענען דײַן בוך, וואו אַלצדינג איז פֿאַרשריבן.

שטייט אויף דער מלך אין מיטן דער נאַכט און שיקט נאָך זײַן שרײַבער, ער זאָל אים איבערלייענען דאָס בוך, וואו אַלצדינג איז פֿאַרשריבן. נעמט דער שרײַבער לייענען דאָס בוך. קומט ער צו אַ מעשה, ווי מרדכי הצדיק האָט געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן, ווען צוויי דינערס זײַנע האָבן אים געוואָלט פֿאַרסמען. פֿרעגט דער מלך בײַם שרײַבער:

— האָט מען מרדכין עפּעס געטאָן דערפֿאַר, וואָס ער האָט מײַן לעבן געראַטעוועט? איז אין בוך פֿאַרשריבן?

ענטפֿערט דער שרײַבער:

— ניין, מען האָט אים גאָרנישט געטאָן.

רופֿט אויס דער קיניג:

— ווער איז איצט אין הויף? שיקט מיר אים אַרויף!

און גראָד איז המן געקומען בעטן דעם מלך, ער זאָל אים לאָזן אויפֿהענגען מרדכין אויף דער תּליה, וואָס ער האָט פֿאַר אים געמאַכט.

ענטפֿערט מען דעם מלך:

— המן איז דאָ!

זאָגט דער מלך:

— זאָל ער אַרײַן.

קומט אַרײַן המן הרשע, פֿרעגט בײַ אים דער מלך:

— זאָג מיר, וואָס זאָל מען טאָן דעם מענטשן, וואָס דער מלך האָט אים ליב?

טראַכט המן בײַ זיך אין האַרצן: „וועמען האָט דער מלך ליב, אויב ניט מיך?" רופֿט ער זיך אָן צום מלך:

— אַדוני מלך! — אָט דאָס דאַרף מען טאָן צום מענטשן, וואָס דער מלך האָט אים ליב און ער וויל אים אָנטאָן כּבוד:

זאָל מען יענעם מענטשן אָנטאָן אין קיניגלעכע קליידער, אַרויפזעצן אויפן קיניגס פערד און אָנטאָן אים אויפן קאָפּ דעם קיניגס קרוין און דער גרעסטער מיניסטער זאָל אים פירן איבער אַלע גאַסן און שרייַען: „אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן, וואָס דער קיניג האָט אים ליב!“

— דו האָסט גוט געזאָגט, המן. טאָ נעם טאַקע און טו דאָס אַלץ צו מרדכין.

אַז המן האָט דאָס דערהערט, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן: געהערט אַ מעשה? ער קומט בעטן דעם מלך, ער זאָל אים לאָזן אויפהענגען מרדכין, הייסט אים גאָר דער מלך אָנטאָן מרדכין אַזאַ כּבוד! אָבער אַז דער מלך הייסט, מוז מען פאָלגן. איז המן אַוועק און האָט אָנגעטאָן מרדכין אין די קיניגלעכע קליידער און אַרויפגעזעצט אים אויפן קיניגלעכן פערד און אָנגעטאָן אים די קיניגלעכע קרוין אויפן קאָפּ, און המן האָט אַזוי אַרומגעפירט מרדכין איבער אַלע גאַסן און געשריִען אויפן קול: „אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן, וואָס דער קיניג האָט אים ליב!“

און קליינע קינדער האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך גע־פרייט און געטאַנצט און געשפּרונגען און געזונגען:

מרדכי הצדיק פאָרט אויפן פערד,
המן הרשע גייט אום אויף דער ערד!

ד.

און אסתּר המלכּה איז דערווייַל געקומען צום מלך און האָט אים געבעטן, ער זאָל ניט לאָזן המן דעם רשע אויס־הרגענען אַלע ייִדן, ווייַל זי אַליין איז אויך אַ ייִדישע, און אויב מע וועט אויסהרגענען אַלע ייִדן וועט מען זי אויך דאַרפן הרגענען.

האָט דער מלך דערזען, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט געטאָן, איז ער אין כּעס געוואָרן אויף המנען און ער האָט געהייסן אויפהענגען המנען אויף דער זעלבער תּליה, וואָס המן האָט געמאַכט פאַר מרדכין, און מרדכי און אַלע ייִדן זייַנען געבליבן לעבן, און עס איז געווען פרייד, לעבעדיק.

מען האָט געמאַכט אַ יום־טובֿ פּורים, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון אַזאַ שלעכטן מענטשן ווי המן הרשע, און מען איז אַרויס אין די גאַסן מיט טענץ און מיט געזאַנג:

פאַרשאָלטן זאָל ווערן המן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענטשט זאָל ווערן מרדכי,
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענטשט זאָל זײַן די מלכּה,
וואָס האָט געהייסן אסתּר!

און קינדער האָבן אויך געטאַנצט און געזונגען:

המן הרשע ליגט אין דרערד,
מרדכי הצדיק פאָרט אויפן פערד!
הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס!
גיט מיר אַ גראָשן און טרײַבט מיך אַרויס!

און די קינדער האָבן געשלאָגן המנען מיט המן־קלאַפּערס, מיט קלאַקאַטקעס און מיט גראַגערס. און אַזוי איז אַלע יאָר, ווען עס קומט פּורים, דערמאָנט מען זיך אָן דער מעשׂה מיטן נאַרישן מלך, און עס ווערט אַזוי פריילעך, און מען עסט המן־טאַשן, און מע ליידיקט אויס אַלע פלאַשן, ווײַל פּורים איז אַ מצווה צו נאַשן. פּורים דאַרף מען אַליין טרינקען און עסן און אויך אָן די אָרעמע ניט פאַרגעסן.

לעאָן עלבע.

וואָס באַטײַט?

1. מלך (מײלעך) — קיניג. 2. מלכּה (מאַלקע) — queen. 3. איז כּעס (קאַס) געוואָרן — געוואָרן בייז. 4. דערהרגענען (דערהאַרגענען) — טייטן. 5. אָפּגעגאַנגען פון כּעס — דער כּעס איז אים אַוועק. 6. חרטה (כאַראָטע) געקראָגן — האָט אים פאַרדראָסן, he was sorry. 7. דינערס — servants. 8. צאָרן — כּעס, anger. 9. פעטער — אָנקל. 10. מרדכי הצדיק (מאָרדכע האַצאַדיק) — מרדכי דער גוטער. 11. פאַרסמען (פאַר־סאַמען) — to poison. 12. הויף — court. 13. המן הרשע (האָמאָן האָראָשע) — המן דער שלעכטער. 14. בוקן זיך — to bow. 15. אַדוני מלך (אַדױני מעלעך) — my lord, the king. 16. תּליה (טליע) — gallows. 17. בטל (באָטל) מאַכן — צוריקרופן, אָפּשאַפן, to void. 18. גזירה (גזײרע) — evil decree. 19. מלאך (מאַלעך) — angel. 20. געראַטעוועט — saved. 21. אָנטאָן כּבוד (קאָוועד) — to honor.

22. געבענטשט — blessed. 23. גראָשן — penny. 24. קאַלאַקאַטקעס — גראַגערס, rattles. 25. מצווה (מיצווע) — good deed.

פֿרעג און ענטפֿער

— וואָס וואָלסטו בעסער געוואָלט?

— איך וואָלט בעסער געוואָלט...

1. שלאָגן המנען, אָדער עסן המן-טאַשן.
2. זײַן אַ חכם, אָדער אַ רשע (ראָשע).
3. אַרומפֿאָרן איבער דער וועלט, אָדער וואוינען אין איין שטאָט.
4. עס זאָל מאָרגן רעגענען, צי שנייען.
5. חלה מיטקעז, צי חלה אָנקעז.
6. זײַן ווי דער קיניג אַחשורוש, אָדער ווי מרדכי הצדיק.
7. זײַן שיין ווי אסתּר המלכּה, אָדער גוט ווי המן-הרשע.
8. זײַן דער בעסטער תּלמיד אין שול, צי זײַן דער ערגסטער.
9. אַ בוך מיט גרויסע אותיות, צי מיט קליינע.
10. אויפֿשטיין אין דער פֿרי מיט אַ שעה פֿריִער, צי מיט אַ שעה שפּעטער.

וואָס טויג דאָ ניט? פֿאַרריכט, שרײַב איבער

1. מרדכי הרשע האָט געוואָלט אויפֿהענגען אויף אַ תּליה דעם ייִדן המן. 2. אַחשורוש איז געווען אַ גרויסער חכם. 3. פּורים שפּילט מען אין דריידל און חנוכּה עסט מען המן-טאַשן. 4. ווען מע לייענט די מגילה איז ווי נאָר מען הערט דעם נאָמען אסתּר דאַרף מען אָנהייבן גראַגערן און קלאַפּן. 5. פּורים איז אַ יום-טובֿ ווײַל די ייִדן האָבן געוואָלט אויס-הרגענען המנען, אסתּרן און מרדכין און המן האָט זיך געראַטעוועט.

וואָס, וועמען עס פֿעלט

אַ נאַר	האָט ניט קיין	טאַטע-מאַמע
אַ רשע		פֿרײַנד
אַ שלימזל		שׂכל
אַ יתום		געלט
אַ קבצן		הנאה פֿון לעבן
אַ כּעסן		לשון
אַ קאַרגער		געדולד
אַ בראַוער		רחמנות
אַ שטומער		היים
אַן עלנטער		מורא
אַ פֿאַרוואָגלטער		מזל
אַ הייזעריקער		כּוח
אַ שוואַכער		קול

אויפגאַבעס און רעטעניש

1. טיי מיט המן־טאַשן

אין אַ שטוב זײַנען געקומען צו גאַסט אַ באָבע, אַ מוטער, אַ טאָכטער און אַן אייניקל, אַ מיידעלע. זיי האָבן זיך אַלע געזעצט אַרום טיש און מ'האָט זיי דערלאַנגט טיי מיט המן־טאַשן, אָבער נאָר דרײַ גלעזער טיי און דרײַ המן־טאַשן; און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען גענוג פֿאַר אַלע געסט און יעדער איינער האָט געהאַט איין גאַנצע גלאָז טיי און איין המן־טאַש.

ווי אַזוי איז דאָס מיגלעך געווען?

2. וואָס האָט דער ייִד אַרויסגעצויגן?

אַמאָל האָט אַ ייִד, אַ חכם, זיך אין עפּעס פֿאַרשולדיקט און מען האָט אים געבראַכט פֿאַר אַ ריכטער. דער ריכטער האָט זייער פֿײַנט געהאַט ייִדן. דעריבער האָט ער געהייסן מע זאָל נעמען צוויי צעטעלעך; אויף איינעם אָנשרײַבן „טויט" און אויפֿן צווייטן „לעבן". די צעטעלעך זאָל מען אַרײַנלייגן אין אַ קעסטעלע. וועט דער ייִד דערנאָך אַרויסציִען דאָס צעטעלע מיטן וואָרט „טויט" וועט מען אים טייטן, וועט ער אַרויסציִען דאָס אַנדערע צעטעלע, וועט מען אים לאָזן לעבן.

דער וואָס האָט געדאַרפֿט אָנשרײַבן די צעטעלעך, איז געווען דעם ייִדנס אַ שונא. האָט ער אויף ביידע צעטעלעך אָנגעשריבן דאָס וואָרט „טויט".

דערפֿון האָט זיך דערוואוסט אַ פֿרײַנד פֿון דעם ייִדן און ער האָט עס אים דערציילט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דערבײַ אָנגעזאָגט דעם ייִדן קיינעם דאָס ניט צו דערציילן, ווײַל אַז מ'וועט זיך דערוויסן ווער עס האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, קאָן מען אים, דעם פֿרײַנד, אָנטאָן שלעכטס.

דער סוף איז געווען, אַז דער ייִד האָט אַרויסגעצויגן איין צעטעלע און מ'האָט אים געלאָזט לעבן. ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען?

3. ווי אַזוי האָט דער ייִד זיי אַריבערגעפֿירט?

אַ ייִד האָט געהאַט אַ וואָלף, אַ ציג און אַ קעפּל קרויט. איין מאָל האָט ער זיי געדאַרפֿט אַלע דרײַ אַריבערפֿירן איבער אַ טײַך. דער ייִד האָט פֿאַרמאָגט אַ שיפֿל, אין וועלכן עס האָט געקענט אַרײַנגיין אויף איין מאָל נאָר ער אַליין מיט איינעם פֿון די דרײַ זאַכן. דער מאַן האָט אָבער געוואוסט, אַז איבערלאָזן דעם וואָלף מיט דער ציג טאָר ער ניט, ווײַל דער וואָלף קען אויפֿעסן די ציג. ער טאָר אויך ניט איבערלאָזן די ציג מיט דעם קעפּל קרויט, ווײַל די ציג וואָלט אויפֿגעגעסן דאָס קרויט.

פֿרעגט זיך, ווי אַזוי האָט דער מאַן אַריבערגעפֿירט אַלע דרײַ?



ווינטן

ווינטן זײַנען אָנגעקומען
ערגעץ פֿון דער וועלט
און געבראַכט אונדז אַ מתּנה —
ווינטערדיקע קעלט.

אין די אָרעמינקע הײַזער
קינדער זײַנען בלאַס,
און עס הוליען דאָרט די ווינטן
מערער ווי אין גאַס.

הוליען ווינטן אויף די דעכער,
רײַסן זיך פֿאַרוים.
דורך די שפּאַלטן און די לעכער
רײַסן זיך אין הויז.

אין די אָרעמינקע הײַזער
בושעוועט די נויט,
און די קליינע קינדער וויינען:
— מאַמע, מאַמע, ברויט!

אין די אָרעמינקע הײַזער
הונגער ליגט צעשפּרייט,
און די ווינטן מיטן דלות
שפּילן אויף דער פּליט.

רבקה גאַלין.

אַיאַמאַ

א.



געשען איז דאָס אין ברוקלין.

עס איז געווען נאַכט. אין אַ וואַרעמען ליכטיקן צימער זײַנען געזעסן די קינדער און זיך געשפּילט.

פּלוצעם האָט עמעצער אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר, און אַלע האָבן דערהערט, ווי עני, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, שרײַט מיט גרויס שׂמחה: „מאַמע, זע וואָס איך האָב געבראַכט; זע, מאַמע, טײַערע!"

אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע ערטער, און אין שטוב איז אַרײַנגעלאָפן עני מיט פאַרפלאַמטע בעקלעך. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קליין שוואַרץ הינטעלע, מיט גלאַטע האָר, ווי סאַ־מעט, און מיט אַ פּאָר שיינע, קלוגע אויגן.

די מאַמע האָט אָבער געמאַכט אַ בייזן פּנים און געהייסן באַלד דאָס הינטעלע אַוועקטראָגן צוריק. עס איז דאָ געווען צו ראַמען און צו אַר־בעטן אָן אַ הינטל אין שטוב.

עני האָט אָנגעהויבן בעטן, העלען האָט זיך צעוויינט, ווילי האָט צוגעזאָגט אַליין אַכטונג צו געבן אויפן נײַעם פרײַנד, און די גוטע מאַמע האָט ניט געקאָנט אָפּזאָגן — דאָס הינטל איז געבליבן אין שטוב.

***

שפּעטער ווי אַלע מאָל זײַנען אין דער נאַכט די קינדער געגאַנגען שלאָפן. מען האָט דעם גאַסט געוואַשן, געקעמט, געגעבן מילך, געגעבן צוקער, געשפּילט זיך מיט אים, געטראָגן אים אויף די הענט, געקושט, געקוואַלן פון זײַנע חכמות און געקריגט זיך איבער אים.

נאָך דעם האָט מען אים אָנגעהויבן צוקלײַבן אַ נאָמען. העלען האָט פאָרגעלייגט: „פּרינץ". דער גאַסט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עני האָט אַ געשריי געטאָן: "אַיאַמאַ!" דאָ האָט זיך דער שטיפער אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן מאַכן קונצן. העלען האָט זיך גע־האַלטן בײַ די זײַטן לאַכנדיק. ווילי האָט געטופּעט מיט די פיס פאַר פרייד, עני האָט געפּאַטשט: „בראַוואָ!" און אַלע האָבן געשריִען: „אַיאַמאַ! אַיאַמאַ! אַיאַמאַ!"

דער זייגער שלאָגט ניין. איִאמא שלאָפט ווי א פּרינץ אויף א זייַדענער קאָלדרע. און די קינדער זאָגן שטיל: „אַ גוטע נאַכט, איִאמא, אַ גוטע נאַכט!" ·

ב.

עס זייַנען אַוועק דרייַ וואָכן.

איִאמא לעבט אין נחת און אין פריידן. עס איז אים וואַרעם און גוט. ער עסט פון דעם בעסטן און טרינקט פון דעם שענסטן. ער איז געוואָרן פעט און קייַלעכדיק. ער האָט נישט קיין זאָרג און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע קינדער, ער איז זייער ליבלינג.

נאָר די מאַמע איז מיט איִאמאַן נישט צופרידן. ער פּלאָנטערט זיך איר אונטער די פיס, כאַפּט זיך אָן מיט די ציין און שלעפּט זיך נאָך, ווען עס ליגט גאָרנישט אין זינען מיט אים צו שטיפן. ער שלעפּט דעם טישטעך אַראָפּ פון טיש און ברעכט גלעזער און שאָלן.

איין מאָל, בייַ נאַכט, זאָגט די מאַמע צום עלטסטן זון: „דעיווי, נעם די קאַר און פאַרפיר איִאמאַן אַזוי ווייַט, אַז ער זאָל ניט קענען קומען צוריק".

עני בעט, ווילי טענהט, העלען וויינט — עס העלפט נישט קיין זאַך: דייווי טוט אָן זייַן אייבערראָק, וויקלט אייַן איִאמאַן אין אַ שוואַרץ טיכל און גייט... איִאמא פילט קיין זאַך נישט. פריילעך און אָן זאָרג, שפּילט ער זיך מיט זייַן אַלטן באַקאַנטן, מיט דייווין.

די קינדער זעען, אַז די מאַמע האַלט זיך בייַ איר וואָרט, און אַז די שעה פון צעשיידן זיך איז געקומען, זיצן זיי שטיל און טרויעריק און באַטראַכטן זייער געליבטן איִאמאַן צום לעצטן מאָל. ווען דייווי אָבער גייט אַרויס, און די טיר גיט אַ קלאַפּ נאָך אים, צעוויינט זיך עני אויפן קול, ווילי מאַכט אַ בייזן פּנים, און העלען דריקט צו זיך איר ליאַלקע, און פון איר אויג פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע, קלאָרע טרער.

ג.

„איסטערן פּאַרקוועי" האָט געהייסן די גאַס, אויף וועלכער דעיווי האָט אַרויסגעוואָרפן איִאמאַן און איז אַנטלאָפן. עס איז אַ ברייטע גאַס מיט גרויסע ביימער פון ביידע זייַטן און אין מיטן שטייט אויף אַ הויכן פונדאַמענט אַ מאָנומענט פון גענעראַל סלאָקום, — אַ באַגולדטער גע־נעראַל אויף אַ באַגולדטן פערד.

עס איז געווען א פינצטערע, קאַלטע נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן, און שווערע, שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט די הימלען. איַאמאַ איז געבליבן אַליין... אַ דערשראָקענער, אַ דערפראָרענער איז ער געלאָפן אין אַלע זײַטן. ער האָט אָנגעשמעקט דייווים טריט, און האָט זיך געלאָזט לויפן. ווען ער האָט אָבער געזען אַז ער קאָן אים ניט דעריאָגן, האָט ער אָנגעהויבן וויינען ווי אַ קליין קינד. נאָך דעם האָט ער גענומען זוכן נײַע פרײַנד, און ווער עס פלעגט פאַרבײַגיין, פלעגט ער אים נאָכלויפן, וויינען און בעטן. אָבער ער האָט עטלעכע מאָל גע־קראָגן אַ בריק מיטן פוס.

לאַנג האָט איַאמאַ אומגעוואַנדערט אין דער פינצטער. צום סוף, אַ פאַרפרוירענער, אַ הונגעריקער, אַ דערשראָקענער איז ער צוגעקראָכן צו די טרעפּ, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דער באַגולדטער גענעראַל מיטן פערד, האָט אַנידערגעלייגט דאָס קעפּל אויפן האַרטן שטיין און האָט צוגעמאַכט די אויגן. זײַן יונג קערפּערל האָט יעדע ווײַלע געגעבן אַ ציטער און זײַנע אויגן זײַנען געווען פול מיט טרערן.

***

שפּעט בײַ נאַכט איז אַ שיכּורער טרעמפּ געגאַנגען מיט איסטערן פּאַרקוועי צו פּראָספּעקט־פּאַרק, וואו ער האָט געהאָפט צו געפינען פאַר זיך אַ ליידיקע באַנק צום שלאָפן. זײַנע קליידער זײַנען געווען אַלט און צעריסן, זײַנע שטיוול אויסגעטראָטן, און ער האָט געציטערט פאַר קעלט.

לעבן גענעראלס מאָנומענט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָנגעבויגן און באַמערקט דעם עלנטן איאַמאַ. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים, האָט אים צוגעדריקט צו זיך, און איז געבליבן זיצן אויף די טרעפּ פון דעם מאָנומענט.

די ביימער האָבן גערוישט. דער שטאַרקער ווינט האָט דורכגעריסן די וואָלקנס, און די לבֿנה האָט באַלויכטן די בײדע היימלאָזע, אַרויס־געוואָרפענע, וואָס זײַנען געשלאָפן אונטער דעם באַגולדטן מאָנומענט מיט אַ שווערן, אומרואיקן שלאָף.

יעקב גאָרדין.

וואָס באַטײַט?

1. **שמחה** (סימכע) — פרייד. 2. **פּאַמעט** — velvet. 3. **קונצן** — tricks. 4. **נחת** (נאַכעס) — pleasure. 5. **אַ בריק** — kick. 6. **צום סוף** — finally. 7. **שיכּורער** (שיקערער) — drunken.

שמחה	חכמות	נחת	טענהט	שעה	סוף

פראַגעס:

א. 1. פאַר וואָס איז די מאַמע פון אָנהייב אָן ניט געווען צופרידן מיטן הינטל? 2. פאַר וואָס האָט זי נאָכגעגעבן די קינדער? 3. ווי האָט זיך איאַמאַ פון דעסטוועגן געפילט?

ב. 1. פאַר וואָס האָט די מאַמע געהייסן פאַרפירן דאָס הינטל אַזוי ווײַט, אַז עס זאָל ניט קענען צוריקקומען? 2. וואָס איז פאָרגעקומען אין שטוב ווען די קינדער האָבן זיך דערוואוסט אַז די שעה פון צע־שיידונג איז נאָענט? 3. וואָס איז מיטן הינטל יענע נאַכט געשען?

ג. 1. לייענט פאַר די באַשרײַבונג פון דער נאַכט ווען מען האָט איאַמאַן אַרויסגעוואָרפן? 2. לייענט די באַשרײַבונג ווי איאַמאַ בלײַבט אַליין. 3. לייענט דאָס אָרט, וואו ס'ווערט באַשריבן דער אומרואיקער שלאָף פון אַן עלנטן הינטל. 4. וועלכע ערטער רופן בײַ אונדז אַרויס דעם גרעסטן פאַרדרוס? 5. ווי קען מען אַנדערש אָנרופן די מעשׂה?

ד. טיילט אײַן די דערציילונג אין קליינע טיילן און געפינט פאַר יעדן טייל אַ פּאַסיקן נאָמען.



דער ערשטער טאָג

1.

— לילי! לילישקע! שטיי שוין אויף מײַן קינד...

די פּופּצניעריקע לילישקע האָט צעמישט און צעשראָקן, מיט האַלב צוגעמאַכטע און פאַרקלעפּטע אויגן פון שלאָף, זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

— נו, מײַן קינד, דו שלאָפסט נאָך? דער זייגער איז דאָך שוין זיבן, דו האָסט פאַרגעסן?

נאָר לילי האָט שוין ניט געהערט. זי איז ווידער געשלאָפן.

— אָך, אַ געזונט אין איר, ס'איז איר נעבעך שווער דאָס ערשטע מאָל אַזוי פרי אויפצושטיין. נו, זאָל זי נאָך שלאָפן אַ ביסל — האָט לילים מאַמע צו זיך אַליין גערעדט. זי האָט געוואָרפן אַ מוטערלעך באַזאָרגטן בליק אויף לילין און אָנגעהויבן צוגרייטן פרישטיק.

***

לילים טאַטע גייט שוין אַרום אַ לאַנגע צײַט אָן אַרבעט. יעדן פאַר-טאָג לויפט ער זוכן אַרבעט. פאַר נאַכט קומט ער אַהיים אַ טרויעריקער, מיט אַ פינצטער שוואַרצן פּנים. — „שלעכט, מע דאַרף מיך ניט... איך בין אויסגעשפּילט...” — ברומט ער שטיל אין זיך מיט אַ געוויין. דער מאַמעס פּנים ווערט פון טאָג צו טאָג אײַנגעפאַלענער און בלייכער.

לילי איז די עלטסטע פון די קינדער און זי קען שוין מערניט אַרי-

בערטראָגן די אָרעמקייט אין שטוב, דעם טאַטנס שטענדיקן אומעט, דער מאַמעס זאָרגן.

לילי איז אַ געוויקסיקע, אַ שיינע, מיט פולע רונדע און רויטע באַקן ווי פריש־צעבליטע עפּל און מיט גרויסע, שוואַרצע און קלוגע אויגן.

.2

איין מאָל איז לילי, גלײַך ווי זי איז געקומען פון סקול, אַוועק פון הויז און מער האָט זי זיך ניט געוויזן אין שטוב אַ גאַנצן טאָג. ערשט פאַר נאַכט צו, ווען עס איז שוין געווען שטאַרק פינצטער, איז זי אַרײַנגעפאַלן אין הויז אַ צעפלאַמטע, אַ פריילעך־צעטראָגענע און הויך אויפן קול אויסגערופן:

— פּאַ, מאַ, איך האָב שוין אַ „דזשאָב", און אַרבעטס־פּאַפּירן האָב איך שוין אויך. אָט איז עס! נאָט זעט!...

— ווי?... וואָס?... — האָבן לילים טאַטע־מאַמע פאַרוואונדערט און צעשראָקן אויסגערופן.

— אָ, דעדי, אָ, מאַ! — האָט לילי אָנגעהויבן אַרומלויפן פון איינעם צום צווייטן. פון טאַטן צו דער מאַמען און פון דער מאַמען צום טאַטן. זיי אַרומגענומען, זיי געגלעט, זיי געקושט און צו זיי גערעדט:

— וואָס איז? אַ סך מיידלעך ווי איך אַרבעטן. אויב פּאַפּאַ קען ניט קריגן קיין אַרבעט, פאַר וואָס זאָל איך ניט אַרבעטן? איך בין שוין מערניט קיין קליין קינד...

לילים טאַטע האָט שוין מערניט געקאָנט עסן. ער האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס עסן און שווײַגנדיק אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן.

לילי איז יענעם אָוונט געגאַנגען פרי שלאָפן, פריִער ווי אַלע מאָל, און פאַרן שלאָפן גיין האָט זי אָנגעזאָגט דער מאַמען, אַז זי זאָל זי מאָרגן אויפוועקן פרי.

.3

עס האָט לילים מאַמען געריסן דאָס האַרץ זי צו וועקן אַזוי פרי און זי האָט געלאָזן זי שלאָפן נאָך אַ ווײַלע. נאָר אַז זי האָט געזען אַז דער זייגער איז שוין זיבן, האָט זי זי ווידער גענומען וועקן.

— לילי, לילישקע! שטיי שוין אויף מײַן קינד, דו קאָנסט נאָך חלילה די שטעל פֿאַרלירן, — האָט זי זי געוועקט.

לילי האָט מיט אַ קינדיש קולכל עפּעס אַרויסגעמורמלט, האָט פֿויל אָפּגעגענעצט, געצויגן אירע גלידער, אויסגעריבן די אויגן און זיך גענומען אָנטאָן.

זי האָט אויף גיך זיך אָנגעטאָן, אין געאײַלט זיך אַרומגעוואַשן, און אין דער זעלבער אײַלעניש אָפּגעכאַפּט דעם אָנבײַסן, געשלונגען די ביסנס. די גאַנצע צײַט געהאַט טענות צו דער מאַמען פֿאַר וואָס זי האָט זי פֿריִער ניט אויפֿגעוועקט.

— אוי, אַ געזונט אין דיר, וואָס רעדסטו, טאָכטער, איך האָב דיך ניט איין מאָל געוועקט — האָט די מאַמע, ווי זי וואָלט זיך געפֿילט שולדיק, זיך פֿאַרענטפֿערט. — נו, נו, האָב קיין יסורים ניט, ס'איז נאָך ניט שפּעט — האָט זי צו לעצט אָנגעהויבן טרייסטן און אין אײַלעניש צוגעגרייט עפּעס עסן מיטצוגעבן לילין אין שאַפּ.

לילי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל עסן, האָט געזאָגט „אַ גוטן טאָג", זיך צעקושט מיט דער מאַמען און איז באַלד געווען אויף יענער זײַט טיר.

— זאָל זײַן מיט גליק — האָט די מאַמע צוגעוואונטשן און מיט מוטערלעכע פֿאַרזאָרגטע בליקן איר נאָכגעקוקט. טרערן גרויסע, זודיקע טרערן זײַנען געהאַנגען אויף אירע ברעמען.

ז. שער.

פראַגעס:

1. פאַר וואָס קומט לילים פאָטער יעדן פאַרנאַכט אַהיים אַ טרויע־ריקער? 2. ווי וויל לילי העלפן אירע אָרעמע עלטערן? 3. ווי זעט אויס די שטוב זינט דער טאַטע אַרבעט ניט? 4. פאַר וואָס איז די מוטער באַזאָרגט? 5. ווי האָבן די עלטערן אויפגענומען די נײַעס אַז לילי וועט גיין אַרבעטן? 6. ווי דערקלערט לילי טאַטע־מאַמע איר באַ־שלוס? 7. פאַר וואָס האָט די מאַמע ניט קיין האַרץ אויפצואוועקן איר טאָכטער? 8. פאַר וואָס וויינט די מאַמע?

געפין די שטעל און לייען: א. ווי לילי זעט אויס; ב. ווי דער טאַטע באַקלאָגט זיך; ג. ווי לילי דערקלערט טאַטע־מאַמע פאַר וואָס זי מוז גיין אַרבעטן; ד. דער פרימאָגן, לילי אײַלט זיך צו דער אַרבעט; ה. טרערן פון אַ מאַמען.

וואָס באַטײַט?

1. חלילה (כאַלילע) — דער אומגליק זאָל ניט טרעפן. 2. טענות (טײַנעס) —complains. 3. יסורים — ווייטאָגן.

איין פאָר שיך

עס קלאָגט דער ווינט, ס׳איז קאַלט און נאַס.
און איך קען הײַנט נישט גיין אין גאַס:
מײַן קליין שוועסטערל און איך —
מיר האָבן ביידע איין פאָר שיך.

עס האָט די קליינע הײַנט אויף גיך
באַהאַלטן ערגעץ וואו די שיך,
זי האָט זיך נאָך געריצט מיט מיר —
האָב איך געכאַפּט זיך שלאָגן איר.

נאָר כ׳ווייס נישט ווי דאָס איז געשען —
איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען
די קליינע אַזוי דין און בלאַס...
עס איז מיר גלייך פאַרביי דער כעס.

עס האָט אין הארצן מיר פאַרקלעמט,
און איך האָב זיך אַזוי פאַרשעמט,
איך בין אין יענע פאָר מינוט
געוואָרן אויף אַן אמת גוט.

„דו ווילסט, זאָג איך, טו אָן די שיך,
און נעם זיי אַלע מאָל פאַר זיך,
ווייל איך בין שטאַרק און קען באַשטיין,
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין״.

זי קוקט און רירט זיך נישט פון אָרט.
איך זע, זי גלייבט מיר נישט קיין וואָרט.
דאַן גיי איך נעענטער צו צום בעט
און גיב איר קעפּעלע אַ גלעט

און זאָג דאָס זעלבע נאָך אַ מאָל,
נאָר מיט אַ שטילן ווייכן קול:
„דו ווילסט די שיך, טאָ נעם און טראָג
און טו זיי אָן אַ יעדן טאָג.

ווייל איך בין שטאַרק און קען באַשטיין,
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין״.
איך האָב געוואָלט איר זאָגן מער...
נאָר ס׳האָט פאַרשטיקט מיין קול אַ טרער.

רבקה גאַלין.

צווישן מענטשן

שפּריכווערטער

1. מיט וואָס פּאַר אַ מענטשן מען האָט צו טאָן אַזוי ווערט מען. 2. אַ גוט וואָרט ברענגט אַ גוטן ענטפער. 3. חבֿרשאַפט איז שטאַר־קער ווי ברודערשאַפט? 4. בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן איידער מיט אַ נאַר צו געווינען. 5. מע מעג זײַן שוואַרץ, אַבי האָבן אַ גוט האַרץ. 6. אַ בייזער צונג איז ערגער ווי אַ בייזע האַנט. 7. אין פריידן איז אַ יאָר אַ טאָג, אין ליידן אַ טאָג אַ יאָר. 8. אַ באַרג מיט אַ באַרג קומען זיך ניט צונויף, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש, יאָ.

דערקלערט די שפּריכווערטער.

ווער ווייס?

1. ווען זעצט מען אויבנאָן אַ חשובֿן גאַסט, צי ניט קיין חשובֿן?

2. וועמען ביסטו גרויס אין די אויגן דײַנע פרײַנד, צי דײַנע שונאים?

3. וועלכע מעשׂה איז אויסגעזויגן פון פינגער, אַן אמתע מעשׂה, צי אַן אויסגעטראַכטע?

4. ווען לאָזט זיך אויס אַ טײַך, ווען עס ענדיקט זיך גוט, צי ווען ס'ענדיקט זיך מיט גאָרניט?

5. ווען האָט מען דיך באַשטראָפט אומזיסט און אומנישט, ווען דו ביסט טאַקע געווען שולדיק, צי ווען דו ביסט געווען אומשולדיק?

6. ווען געפינט מען אַן אוצר, ווען מע געפינט עפּעס רעכטס, צי ווען מע געפינט עפּעס שלעכטס?

7. וועלכער מענטש וועט איבערקערן בערג, דער וואָס טוט אַ סך, צי דער וואָס טוט ווייניק?

דווקא

דווקא — (דאַפקע) — גראָד, פאַרקערט, דורכוים.

לערן זיך אוים צו ניצן ריכטיק דאָס וואָרט **דווקא**. פאַר צונויף די ווערטער פון רעכטס מיט די ווערטער פון לינקס. פאַרגעס ניט צו ניצן דאָס וואָרט:

דווקא

1. עס רעגנט, וויל ער	דווקא	עס רעגנט דאָך
2. ער מוז זיצן		ניט קריגן
3. דו מוזסט ניט גיין איצט		פאַרקערט
4. דאָס איז		גיין מיט מיר
5. ער ווייס		הײַנט
6. דו מוזסט ניט שרײַבן		ניט בעטן
7. ער וויל אַלץ טאָן		גיין אין גאַס
8. דו ווייסט די מתנה		געדעכט
9. איך פאַרלאַנג ער זאָל		לינקס
10. ער איז		ריכטיק

זעץ איבער אויף ייִדיש, פאַרגעס ניט אַרײַנצושטעלן דאָס וואָרט דווקא.

1. The teacher insists that we write as he tells us.
2. The pupil happened to be right.
3. My mother insists that I write the letter today.
4. Mother told the boy not to go out (אין דרויסן) but he purposely went.
5. You must not necessarily read the book today.

ייִדיש איז אַנדערש ווי ענגליש

געדענקסטו וואָס דו האָסט פריִער געלערנט?

זעץ איבער אויף ייִדיש די ווײַטערדיקע זאַצן. היט זיך בײַ די אונטערגעשטראָכענע ווערטער! זיי קענען פאַרפירן.

1. You are *right*. 2. You did it *right*. 3. My father *told* me to buy the book. 4. The teacher *tells* us a story (מעשה). 5. My sister drniks four glasses *of* milk each day (יעדן טאָג). 6. I am *looking for* my pencil. 1. *Wait for* me. 8. I *went to* camp *by* boat. 9. I have *no* time. 10. He *asked* me to buy the book.

טאָלי און טאָבי

1. אַ שטוב אין פעלד

ווײַט פון דאָרף און פון שטאָט, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, איז געשטאַנען אַ שטוב איינע אַליין אין פעלד. די שטוב איז שוין אַלט געווען אַ סך און אַ סך יאָרן. איין וואַנט פון דער שטוב איז געווען אײַנגעמויערט אין אַ באַרג. הינטער יענעם באַרג האָט זיך יעדן פאַרנאַכט באַהאַלטן די זון. די איבעריקע דרײַ ווענט האָבן מיט אַ טיר און מיט צוויי קליינע פענצטער אַרויסגעקוקט אויף אַ ווײַטן טאָל, צו פרוכטבאַרע פעלדער, צו אַ וואַלד און צו אַ וואַסער.

דער טאָל און דאָס וואַסער זײַנען געווען דעם קייזערס. דער וואַלד האָט געהערט צו אַ גראַף און די פעלדער מיט דער אַלטער שטוב צו אַ פאַמיליע ייִדישע פּויערים. סײַ די פעלדער און סײַ די שטוב זײַנען דורות לאַנג איבערגעגאַנגען אין ירושה פון טאַטע צו זון.

די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַן אַלטן זיידן, פון טאַטע־מאַמע און פון טאָלין. ווען טאָלי איז געבוירן געוואָרן האָט זיך דאָס הויזגעזינד שטאַרק געפרייט. עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד האָבן זיי געהאָפט און געוואַרט אויף אים, דעם יורש, צו וועמען עס זאָל אַמאָל קענען איבערגיין די אייגענע ערד.

טאָלי איז געקומען אויף דער וועלט אין אַ לויטערן פרילינגטאָג. דער טאַטע און דער זיידע האָבן אין יענעם טאָג געאַרבעט אין פעלד, און פלוצעם, קעגן נאַכט, איז צו זיי געקומען צו לויפן זייער שוואַרצער וואָלפהונט און מיט אַ בילן זיי גערופן אַהיים. און ווי נאָר זיי זײַנען צוגעקומען צו דער שטוב האָט די מאַמע, דורך דער אָפענער הויזטיר, זיי אָנגעזאָגט די נײַעס:

— אַ ייִנגל — האָט זי אַ גליקלעכע אויסגערופן.

— אַ ייִנגל! אַ ייִנגל! — האָבן טאַטע און זיידע אויסער זיך איבערגערעדט די ווערטער און אַרײַן צום קינד.

— אַ גרויסער, אַ שטאַרקער וועט ער זײַן, ווי זײַן טאַטע, ווי זײַן זיידע, — האָט דער טאַטע מיט פרייד געענטפערט צו זײַן נײַ־געבוירענעם זון.

— איך האָב אָבער געוואוסט, אַז עס וועט זיין אַ ייִנגל — האָט דער זיידע זיך אָנגערופן און זײַנע אויגן האָבן ווי שטערן זיך צעלויכטן.

טאָלי איז גיך געוואַקסן אין דעם טאָל. ער האָט זיך אַרומגעשפּילט צווישן די בלומען. ער האָט מיט זײַנע קינדישע אייגלעך געקוקט אויף דעם וואַקסנדיקן ברויט אין פעלד און ניט איין מאָל ווי אַ גרויסער זיך צוגעהערט צו דעם געזאַנג פון די פייגל און צו דעם גערויש פון וואַסער.

⁂

איין מאָל, אין זײַן צווייטן זומער איז עס געווען, ווען ער איז אַרום־געקראָכן אויף אַלע פיר צווישן די בלומען און גראָזן פון טאָל, האָט ער דערהערט דאָס שטאַרקע קול פון אַן אָדלער, וואָס איז געפלויגן אין דער הייך.

דאָס קול האָט אים ווי גערופן צו זיך, האָט ער דעמאָלט צום ערשטן מאָל זיך אויפגעשטעלט אויף זײַנע פיסלעך. ער האָט פאַררײַסן זײַן קעפּל מיט די שוואַרצע לאָקן צום בלויען הימל און שטעלנדיק די ערשטע טריט עפעס ווי אַרומגעזוכט אין דער הייך.

אויפן צווייטן ווינטער האָט טאָלי אָנגעהויבן רעדן. געענטפערט האָט ער צו דער ווײַסער קאַץ, וואָס איז מיט אים געשלאָפן אויף איין געלעגער, געענטפערט האָט ער צו דעם גרויסן וואָלפהונט, ווען ער פלעגט אין די פאַר־נאַכטן קומען אין שטוב אַרײַן עסן. געענטפערט האָט ער צו די בילדער אויף די ווענט, און צום בילד, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט משהן, דעם באַפרײַער פון דעם ייִדישן פאָלק, ווי ער שטייט מיט די שטיינערנע טאָוולען, אויף וועלכע עס זײַנען אויסגעקריצט די צען געבאָט. אָבער מער ווי צו אַלעמען האָט טאָלי געענטפערט צו זײַן זיידן, ווײַל דעם זיידן האָט ער ליב געהאַט מער פון אַלעמען. דער זיידע איז שוין אַלט געווען אפשר הונדערט יאָר. ער האָט געהאַט לאַנגע ווײַסע ברעמען, אַ לאַנגע ווײַסע באָרד, רויטע באַקן און אויסגעזען האָט ער ווי משה אויפן בילד. נאָר וואָס די הערנער פון זונשטראַלן האָבן אים געפעלט. ווען טאָלי איז געזעסן אויפן זיידנס שויס האָט ער ניט איין מאָל געפרעגט:

— זיידע, פאַר וואָס האָסטו ניט קיין הערנער? — זע, משה האָט הערנער.

— זיי וועלן מיר נאָך אָנוואַקסן, דו וועסט שוין זען, — פלעגט אים דער זיידע טרייסטן. אין יענעם ווינטער האָט אים דער זיידע אויס־געלערנט דעם גאַנצן אַלף־בית און אים דערציילט מעשׂיות פון גאָט, וואָס וואוינט אין הימל, פון חיות, וועלכע האַלטן זיך אויף אין וואַלד און פון מענטשן, וואָס לעבן אין שטאָט און אין דאָרף.

דורות	ירושה	יורש	קול	חיות

וואָס באַטייט?

1. דאָרף — village. 2. איינגעמויערט — איינגעבויט. 3. טאָל — valley. 4. פרוכטבאַר — fertile. 5. גראַף — count. 6. דורות (דוירעס) לאַנג — for generations. 7. ירושה (יערושע) — inheritance. 8. הויזגעזינד — פאַמיליע. 9. יורש (יוירעש) — heir. 10. לויטער — קלאָר. 11. אויסער זיך — מיט גרויס פרייד. 12. צעלויכטן — צעשיינט. 13. קול (קאָל) — שטים. 14. אָדלער — eagle. 15. פאַררייסן — אויפגעהויבן. 16. לאָקן — curls. 17 געלעגער — בעט; אָרט, וואו צו שלאָפן. 18. אויסגעקריצט — engraved. 19. געבאָט — commandments. 20. ברעמען eye-brows. 21. זונשטראַלן — sun-rays. 22. חיות (כאַיעס) — animals.

פראַגעס:

1. וואו איז געשטאַנען די שטוב? 2. צו וועמען האָבן געהערט די פעלדער? 3. אויף וועמען האָט די פאַמיליע די גאַנצע צייט גע־וואַרט? 4. ווער האָט אָנגעזאָגט דעם טאַטן און דעם זיידן, אַז טאַלי איז געבוירן געוואָרן? 5. פאַר וואָס האָבן זיך ביידע אַזוי געפרייט? 6. וואָס האָט דער טאַטע זיך געוואונטשן? 7. ווי האָט טאַלי אָנגעהויבן צו גיין? 8. צו וועמען האָט ער גערעדט אין שטוב? 9. ווי האָט אויסגעזען טאַלים זיידע? 10. וועגן וואָס האָט דער זיידע ליב געהאַט צו דערציילן דעם אייניקל?

2. אין וואַלד

וואָס עלטער און גרעסער טאַלי איז געוואָרן, אַלץ ליבער איז אים געווען דער טאָל מיט די אַלע חיות, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט. אָבער גאָר ליב זיינען אים געווען די פייגל. זיי זיינען געווען זיינע בעסטע פריינד.

איין פויגל נאָר האָט ער פיינט געהאַט. דאָס איז געווען דער קוקו. ער האָט געוואוסט, אַז דער פויגל וואַנדערט אַרום זאָרגלאָז זיין גאַנץ

לעבן. ער האָט געוואוסט, אַז דער קוקו בויט ניט קיין נעסטן, וואָרעמט ניט קיין אייער און האָדעוועט ניט קיין פייגעלעך. זיינע אייער לייגט ער אָפּ אין נעסטן פון פרעמדע פייגל. פייגל, וואָס זיינען אָפּט מאָל אַ סך קלענער פון אים. די קליינע פייגל מוזן נעבעך אויסוואָרעמען די פרעמדע אייער און אויסהאָדעווען די גרויסע קוקוס.

אַזאַ קוקו האָט איין מאָל פאַרנאַרט טאָלין אין געדיכטן וואַלד אַרײַן. טאָלי איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר. עס איז געווען אין אַ פרילינג און ער איז דעמאָלט שטאַרק פאַרנומען געווען מיט זײַנע נעסטן. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ רוף פון אַ פויגל און האָט דערזען אַ קוקו. ער האָט לאַנג ניט געטראַכט נאָר באַלד אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ גלאַט שטיינדל און נאָכגעיאָגט דעם פײַנד פון זײַנע פייגל ביז אין וואַלד אַריין. עטלעכע מאָל האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיטן שטיינדל צום קוקו און צו אים אַרויפגעשריִען: — אַוועק פון מײַנע נעסטן. — דער פויגל מיט די געלע אויגן האָט זיך טאַקע דערשראָקן פאַר טאָלין און זיך באַהאַלטן אין וואַלד.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס טאָלי איז פאַרגאַנגען אַזוי טיף אין וואַלד אַרײַן. ער האָט דאָרטן דערזען פאַרשיידענע וואַלדבלומען

און פֿייגעלעך פֿון אַלערליי פֿאַרבן, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געזען. אַ פֿריילעכער איז ער געלאָפֿן פֿון בלום צו בלום און פֿון בוים צו בוים און אין גאַנצן פֿאַרגעסן אָן קוקו און אָן זײַן היים.

אַ מידער, מיט פֿאַרפֿלאַמטע רויטע באַקן, האָט ער דערנאָך זיך צוגעזעצט אויף אָן אַלטן אויסגעוואָרצלטן בוים. דעם בוים האָט זיכער אַ דונער געהאַט אויסגעריסן פֿון דער ערד און אים אַזוי אויסגעצויגן. די זומער־פֿייגל האָבן געפֿלאַטערט פֿאַר זײַנע אויגן און אַלע מאָל זיך צוגעזעצט לעבן אים.

פֿון מידקייט איז טאָלי באַלד אײַנגעשלאָפֿן. און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז אַלע פֿייגל, פֿון דעם גרעסטן אָדלער ביז צום קלענסטן שפּערל, זײַנען געקומען צו פֿליִען און זיך אויסגעזעצט אַרום אים. זיי זײַנען געזעסן שווײַגנדיקע און געוואַרט ביז צוויי פֿרעמדע גרויסע פֿייגל, מיט גאָלדענע שנאָבלען זײַנען אָנגעפֿלויגן. די צוויי פֿייגל האָבן אין זייערע שנאָבלען געבראַכט צו טראָגן אַ קרוין, געמאַכט פֿון געשפּרענקלטע קוקו־אייער. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו טאָלים פֿיס און אַלע פֿייגל האָבן מיט אַ מאָל אויסגערופֿן:

— טאָלי! זײַ אונדזער קייסער! זײַ אונדזער קייסער און בלײַב מיט אונדז אין וואַלד.

טאָלי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געענטפֿערט:

— ניין, איך וויל ניט זײַן קיין קייסער. איך דאַרף גיין אַהיים, ווײַל מײַן טאַטע וואַרט אויף מיר איך זאָל מיט אים גיין אַקערן דאָס פֿעלד.

— טאָ נאָ דיר אַ פּאָר פֿליגל און פֿלי אַהיים, — האָט אַ שיינע פּאַווע זיך אָנגערופֿן און אים דערלאַנגט אַ פּאָר גרויסע רויט־בלויע פֿליגל פֿון אַ זומער־פֿייגעלע.

טאָלי האָט גענומען די פֿליגל, זיי בעלייגט אונטער זײַנע אָרעמס און זיך געלאָזט פֿליִען. ער איז אָבער באַלד אַראָפּגעפֿאַלן און זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף.

וואָס באַטײַט?

1. זאָרגלאָז — אָן זאָרג. 2. האָדעוועט — raises. 3. געדיכט — thick.
4. קעשענע — pocket. 5. זיך פֿאַרמאָסטן — aimed at. 6. פֿאַרפֿלאַמטע — ברענענדיקע. 7. אויסגעוואָרצלטע — אַרויסגעריסענע מיטן וואָרצל (roots).
8. שפּערל — sparrow. 9. שנאָבלען — beaks. 10. געשפּרענקלטע — sprenckled. 11. אַקערן — to plow. 12. פּאַווע — peacock.

פראַגעס:

1. ווער זיַינען געווען טאַלים פריַינד? 2. פאַר וואָס האָט טאַלי פיַינט געהאַט דעם קוקו? 3. ווי אַזוי איז טאַלי איין מאָל פאַרגאַנגען געדיכט אין וואַלד? 4. וואָס האָט ער אין וואַלד געזען? 5. וואָס האָט זיך טאַלין געחלומט? 6. פאַר וואָס האָט טאַלי ניט געוואָלט זיַין דער קייסער פון די פייגל?

3. טאַלי באַגעגנט טאַבין

טאַלי האָט אויסגעריבן די אויגן פון שלאָף און זיך באַלד ווידער פאַרשפילט אין דעם גרינעם וואַלד.

מיט אַ מאָל, האָט ער ערגעץ, פון אַ בוים דערהערט אַ שטאַרק צווי־טשערן פון אַ פויגל. טאַלי האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ פיַיף און אַוועק זוכן דעם פויגל.

דער בוים, פון וואַנען דאָס צוויטשערן איז געקומען, איז געווען אַ הויכער און איבער זיַינע געדיכטע גרינע בלעטער איז געווען ווי אויס־געגאָסן דאָס גאָלד פון דער זון. טאַלי האָט אַרויפגעקוקט צו דעם בוים און אַנשטאָט אַ פויגל האָט ער גאָר דאָרטן דערזען אַ מיידעלע מיט ברוינע לאַנגע האָר.

טאַלי האָט זיך ניט דערשראָקן. ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט און מיט נײַגער אַרויפגעקוקט צו דעם מיידעלע.

— קענסטו פליִען ווי אַ פויגל? קענסטו אַראָפּקריכן פונעם בוים? — האָט ער צו איר אַרויפגערופן. דאָס מיידעלע האָט צו אים אַראָפּגעקוקט מיט גרויסע אויגן און גאָרניט געענטפערט.

— וואוינסטו אויפן בוים — האָט טאַלי וויַיטער געפרעגט.

— יאָ, איך וואוין אויפן בוים, — האָט דאָס מיידעלע פלוצעם אָנגע־הויבן רעדן. — איך וואוין אויפן בוים, וויַיל איך בין אַ וואַלד־מיידעלע. איך האָב געהאַט אַ שלעכטע שטיפמאַמע, האָט זי מיך איין מאָל, ווען דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים, אַוועקגעפירט אין וואַלד אַריַין, אַ גרויסער בער זאָל מיך אויפעסן.

האָב איך מיטגענומען אַ זעקעלע קליינע אַרבעסלעך און דעם גאַנצן וועג זיי געוואָרפן הינטער מיר און דעם גאַנצן וועג אַזוי גערעדט: — אַרבעסלעך, קלײנינקע, אַרבעסלעך, שיינינקע, איר זאָלט מיר וויַיזן דעם וועג אַהיים צו מיַין טאַטן. — זיַינען אָבער אָנגעפלויגן אַ סך פייגל און

ווי האָבן אויפגעגעסן אַלע ארבעסלעך. איך האָב ניט געוואוסט מיט וועלכן וועג מע גייט אַהיים און איך בין שוין געבליבן וואוינען אין וואַלד.

טאָלי האָט אויסגעהערט די מעשׂה און איז געוואָרן שטאַרק טרויעריק. דאָס מיידעלע איז אָבער באַלד אַראָפּ פון דעם בוים און זיך צעלאַכט.

— איך האָב דיך אָפּגענאַרט, איך האָב דיך אָפּגענאַרט, — האָט זי זיך גערייצט מיט טאָלין. — דאָס איז דאָך אַזאַ מעשׂה. האָט דײַן מאַמע דיר קיין מאָל ניט דערציילט די מעשׂה?

— איך בין ניט קיין וואַלד־מיידעלע. איך בין טאָבי. איך האָב אַ גוטע מאַמע, און מײַן טאַטע איז דער היטער פון דעם וואַלד. מיר זײַנען אַהער ערשט ניט לאַנג געקומען. פריִער האָבן מיר געוואוינט אין אַן אַנדער וואַלד. זעסט? אָט דאָרט איז אונדזער שטוב?

— און וואו איז איצט דאָס וואַלד־מיידעלע פון דער מעשׂה — האָט טאָלי געפרעגט אַ פאַרזאָרגטער.

אָ, דאָס מיידעלע האָט שוין לאַנג געפונען דעם וועג אַהיים און די שטיפמאַמע איז שוין איצט גוט צו איר, — האָט טאָבי געזאָגט. — ווי הייסטו?

— איך הייס טאָלי און איך וואוין אין טאָל.

— לאָמיר זיך שפּילן טאָלי, יאָ?

— לאָמיר.

— לעבן אונדזער שטוב, — האָט געזאָגט טאָבי, און אָנגענומען טאָלין בײַ דער האַנט און אים אַוועקגעפירט צו דעם וואַלדשטיבל.

זיי האָבן זיך דאָרט אַזוי לאַנג געשפּילט ביז די ליכטיקייט פון טאָג האָט צווישן די ביימער אָנגעהויבן בלאַסער ווערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן הערן דאָס פאַרנאַכטיקע געזאַנג פון די פייגל. ביידע זײַנען אין מיטן שפּילן געבליבן שטיל און זיך אײַנגעהערט. אָבער ניט אויף לאַנג.

— דאָס זינגען מײַנע פייגל. זיי זײַנען שוין אין זייערע נעסטן. עס איז שוין שפּעט, — האָט טאָלי זיך אָנגערופן און אין איין אָטעם אַוועק אַהיים.

***

דאָס שטיבל וואו טאָבי האָט געוואוינט איז געשטאַנען אין מיטן וואַלד. עס איז געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדן ווײַן און אַרומגענומען מיט

א פלויט. פאַר דער טיר פון שטיבל זײַנען געוואַקסן צוויי ווילדע עפּל־ביימער.

טאָבין איז גוט געווען צו זײַן אין וואַלד צווישן די וואַלדביימער און אין וואַלדשטיבל מיט איר מאַמען.

פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס טאָלי און טאָבי האָבן זיך באַגעגנט, זײַנען זיי געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן איינס צו דאָס אַנדערע. זיי האָבן יעדן טאָג זיך געשפּילט צוזאַמען אין וואַלד און אין טאָל; און פון וואַלד־שטיבל ביז צו דער שטוב אין טאָל האָבן זיי אויסגעטראָטן אַ וועג פון אַ האַלבער שעה גאַנג. דורך זיי האָבן אויך זייערע טאַטעס און מאַמעס זיך באַקענט און מיט דעם נײַ־אויסגעטראָטענעם וועג געגאַנגען שבת צו גאַסט איינס צו דאָס אַנדערע.

טאָלי איז אַלט געווען זעקס, און טאָבי פינף יאָר ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט. זיי האָבן אָבער ביידע אויסגעזען עלטער.

דער טאָל און דער וואַלד זײַנען דעם גאַנצן זומער פול געווען מיט די פרייליכע קולות פון די צוויי פרײַנד. דער זומער איז זיי אָבער אַזוי גיך אַוועקגעפלויגן, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען אַ חלום פון איין נאַכט און עס איז געקומען דער ווינטער.

דעם גאַנצן ווינטער האָבן זיך טאָלי און טאָבי ניט געזען. דער שניי האָט פאַרלייגט זייער וואַלדוועג און דעם גאַנצן טאָל. אין דרויסן איז געווען קאַלט און זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטיוול און קיין וואַרעמע קליידער.

וואָס באַטײַט?

1. נײַגער — curiosity. 2. שטיפמאַמע — step-mother
3. אַרבעסלעך — peas. 4. ווילדער ווײַן — creeping vine. 5. פלויט — fence.

פראַגעס:

1. ווען האָט טאָלי דערזען, ווען ער האָט אויסגעריבן די אויגן פון שלאָף? 2. וואָס האָט טאָלי געזאָגט דעם מיידעלע? 3. וואָס פאַר אַ מעשׂה האָט דאָס וואַלד־מיידעלע דערציילט? 4. פאַר וואָס איז טאָלי געוואָרן טרויעריק? 5. ווער איז דאָס מיידעלע געווען? 6. וואו האָט טאָבי געוואוינט? 7. וואָס האָבן די צוויי קליינע פרײַנד געטאָן גאַנצע טעג? 8. פאַר וואָס האָבן די קינדער זיך ניט געקענט באַגעגענען ווינטער?

4. טאַבי שלאָפט ניט

איין מאָל, ווינטער, איז טאַבי ביז פאַרטאָג געווען וואַך.

ווי נאָר מען האָט אין וואַלדשטיבל אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל און אַלע האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף זייערע געלעגערס, האָבן זיך צעברילט און צעיאָמערט די ווילדע חיות פון וואַלד. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און דער שניי איז געלעגן אַ טיפער צווישן די ביימער.

אין אַזאַ פראָסטיקער און פאַרשנייטער ווינטערנאַכט זיינען די חיות בייז און הונגעריק. זיי לויפן אַרום און זוכן וואו זיך אַרייַנצובייַסן מיט זייערע שאַרפע ציין. אַלע מאָל האָט אַן אַנדער קול זיך דערטראָגן צו טאַבים אויערן. די קולות האָבן אָבער טאַבין ניט איבערגעשראָקן.

מענטשן, וואָס וואוינען אין וואַלד, זיינען שוין צוגעוווינט דערצו. די געשרייען האָבן אָבער טאַבין ניט געלאָזט אייַנשלאָפן, האָט זי זיך אַלע מאָל אויפגעזעצט און זיך אייַנגעהערט.

— טאַבי, לייג דיך אַוועק און שלאָף, — האָט די מאַמע פון איר געלעגער זיך אָנגערופן. און באַלד האָט דער טאַטע געזאָגט : — אַ פוקס האָט שוין ווידער געכאַפּט אַ האָז.

טאַבי האָט זיך אַוועקגעלייגט און באַלד ווידער זיך אויפגעזעצט.

— דעק דיך צו איבערן קאָפּ און שלאָף, דו הערסט ? — האָט די מאַמע שוין איצט ווי אָנגעשריַען אויף טאַבין.

— אַ וואָלף האָט איצט אַרײַנגעכאַפּט אַ יונגן הירש אין זײַנע ציין, — האָט דער טאַטע זיך אָפּגעזאָגט און זיך אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זײַט.

טאַבי האָט זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. זי האָט אָבער פאָרט ניט געקענט שלאָפן. זי איז געלעגן אונטערן דעק און האָט געטראַכט פון דעם ווײַסן וואַלד, פון די שטײַפע ביימער, וואָס האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען ווי נאַקעטע, פאַרפרוירענע מענטשן. זי האָט געטראַכט פון די אָרעמע שוואַכע חיות, ווי זיי ווערן באַפאַלן פון די שטאַרקע און ווערן פאַרצוקט לעבעדיקערהייט.

מיט אַ מאָל האָט זי דערהערט אַ שטיל געוויש הינטער דער וואַנט לעבן שטאַל. טאַבי האָט זיך אָפּגעדעקט און זיך ווידער אויפגעזעצט. עמעצער האָט גענומען רײַסן דעם פאַרשנייטן דאַך פון שטאַל. — אַ שאָף האָט אָנגעהויבן מעקען. טאַבי איז אַראָפּ פון איר געלעגער און גענומען וועקן דעם טאַטן: — עמעצער איז אין שטאַל, — האָט זי אין דער שטיל אַרויסגערעדט. — ש־ש־ש, — האָט דער וואַלדהיטער גערעדט אויף שטום־לשון צו טאָבין און איז אַראָפּ פון בעט. ער האָט אין דער גיך אַרויפגעשלעפּט זײַנע שטיוול אויף די פיס, אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון דער וואַנט, שטילערהייט אַרויס אין דרויסן און שוין — פּיף־פּיף־פּיף. — ער האָט דרײַ מאָל אויסגעשאָסן. איצט איז די מאַמע שוין אויך אַרויס אין דרויסן און טאַבי אַ בארוועסע נאָך איר.

— וועלף זײַנען אַרײַן אין שטאַל. זיי האָבן צוגענומען אַ שעפּעלע, — האָט דער טאַטע זיך קאַלטבלוטיק גערעדט.

ווען טאַבי איז אַרויסגעקומען האָבן שוין אַלע שאָף געמעקעט. אין דער ליכטיקער ווײַסער נאַכט האָט זי אויפן קלאָר־ווײַסן שניי געזען לויפן דרײַ וועלף. זיי האָבן זיך געיאָגט צו דער געדיכטעניש פון וואַלד און געוואָיעט אויפן קול. איינער האָט אין מויל געטראָגן דאָס שעפּעלע. צוויי פון די וועלף זײַנען באַלד פאַרלאָרן געוואָרן צווישן די ביימער און דער דריטער, טאַקע דער, וואָס האָט געטראָגן דעם רויב צווישן זײַנע ציין, האָט אַרײַנגעכאַפּט צוויי פון די אויסגעשאָסענע קוילן און אָנגעהויבן בלײַבן הינטערשטעליק. אַ פאַרוואונדעטער איז ער נאָך אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועג און דערנאָך אַוועקגעפאַלן אַ טויטער. דאָס שעפּעלע איז שוין אָבער אויך געווען טויט.

דער וואלדהיטער האָט אַרײַנגעשלעפּט דעם וואָלף און דאָס שעפּעלע אין שטיבל אַרײַן. אַלע האָבן באַטראַכט דעם וואָלף בײַם שײַן פון לעמפּל. — אַזאַ יונגער, נאָך אַפילו ניט קיין אויסגעוואַקסענער און גייט שוין אויף אויף רויב, — האָט טאַטע מיט בייזקייט אַרויסגעברומט.

טאָבי האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל געזען אַ וואָלף. זי איז צוריק אַוועק צו איר געלעגער און געלעגן אַ וואַכעדיקע ביז עס האָט אָנגעהויבן בלויען דער מאָרגן. זי האָט געטראַכט פון די וועלף. וואָס טוען איצט די צוויי, וואָס זיי זײַנען אַוועק מיטן לעבן? צי וועלן זיי וויסן וואו דער דריטער איז אַהינגעקומען? און אפשר איז גאָר דער יונגער וואָלף, וואָס ליגט איצט ניט ווײַט פון איר געלעגער, זייערס אַן איינציק קינד? זי האָט פאַר זיך געזען דאָס יונגע שעפּעלע מיטן ווײַסן פלעק אויפן שטערן, ווי עס איז געלעגן לעבן וואָלף, און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. דערנאָך האָט זי געטראַכט פון טאָלין. זאָל נאָר קומען דער פרילינג, וועט זי אים שוין אַלץ דערציילן. זי וועט אַפילו פאַר אים נאָכמאַכן ווי אַזוי אַ וואָלף וואָיעט. וואָלטן טאַטע־מאַמע ניט געשלאָפן, וואָלט זי איצט, אין מיטן נאַכט, זיך צעוואָיעט.

ווען די גרויקייט פון מאָרגן האָט שוין אָנגעהויבן אַרײַנקומען דורכן פענצטער, איז זי בישלעכווײַז אײַנגעשלאָפן.

וואָס באַטײַט?

1. פאַר טאָג — גאָר פרי, dawn. 2. וואַך — awake. 3. האָז — hare. 4. הירש — deer. 5. פאַרט — דאָך. 6. פאַרצוקט — צעריסן. 7. שטאַל — stable. 8. שטום־לשון — to speak by signs. 9. באָרוועסע — barefooted. 10. קאַלטבלוטיק — רואיק. 11. געדיכטעניש — thickness. 12. אויפן קול — אין דער הייך. 13. רויב — booty. 15. בלײַבן היגטערשטעליק — ניט קענען נאָכגיין, נאָכלויפן. 15. פאַרוואונדעטער — wounded. 16. פלעק — spot. 17. נאָכמאַכן — imitate.

פראַגעס:

1. פאַר וואָס האָט טאָבי ניט געקענט שלאָפן די נאַכט? 2. וואָס האָט די מאַמע געזאָגט טאָבין? 3. וואָס האָט דער טאַטע איר געזאָגט? 4. פון וואָס האָט טאָבי יענע נאַכט געטראַכט? 5. וואָס איז אין מיטן נאַכט געשען? 6. וואָס האָט טאָבי געזען, ווען זי איז אַ באָרוועסע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן? 7. פאַר וואָס האָט דאָס מיידעלע נאָך דעם ניט געקענט אײַנשלאָפן? 8. אויף וועמען האָט טאָבי רחמנות געהאַט?



5. טאָלי קלאַפּט אָן אין טאָבים פענצטער

טאָל און וואָלד האָבן ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט. זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די ווײַסע דעק. זיך אָנגעטאָן אין גרינעם און ווי פאַר טאָלין און טאָבין זיך אויסגעפּוצט מיט בלומען פון אַלערליי קאָלירן. די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טאָלים און אין טאָבים פענצטער און גערופן צו דעם אויסגעפּוצטן דרויסן.

טאָלי איז אין ערשטן וואַרעמען טאָג אַרויס פון שטוב. צו ערשט איז ער אַוועק צו זײַנע אַלטע נעסטן זען, צי זײַנע פייגל זײַנען שוין צוריקגעקומען פון די וואַרעמע לענדער און דערנאָך איז ער געגאַנגען מיט דעם וואַלדוועג צו טאָבין. ער איז אין איין אָטעם צוגעלאָפן צום שטיבל און עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

— טאָבי, דער ווינטער איז שוין אַוועק.

— טאָבי, מײַנע זינגפייגל זײַנען שוין צוריקגעקומען.

— טאָבי, קום אַרויס אין דרויסן, וועלן מיר זיך שפּילן, — האָט ער זי גערופן פון הינטערן פענצטער.

טאָבי האָט נאָר דערהערט זײַן קול און זי איז גיך אַרויס אין דרויסן. דערפרייטע האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַר די הענט און ווי אַ ווינט זיך אַוועקגעיאָגט אין טאָל אַרײַן. דאָרטן האָבן זיי זיך ביידע צוגעזעצט הינטער אַ שטיין און פאַרשעמטע איינס דאָס אַנדערע אָנגעקוקט.

טאָלי האָט באַטראַכט טאָבים פּנים. עפּעס האָט עס אויסגעזען אַנ-
דערש ווי פאַר־אַ־יאָרן זומער. טאָלי האָט געקוקט אויף טאָבים פּיס.

איבערן ווינטער זײַנען זיי געוואָרן ווײַס און גרעסער ווי זיי זײַנען געווען. איידער זיי האָבן אַנגעהויבן רעדן האָבן זיי איינס דאָס אַנדערע געוויזן אַלע נײַע קונצן, וואָס זיי האָבן איבערן ווינטער זיך אויסגעלערנט. טאָלי האָט אַרײַנגענומען אַ גרין בלעטל אין מויל און נאָכגעמאַכט דאָס געזאַנג פון פאַרשיידענע פייגל. ער האָט זיך עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד איבער־געקוליעט, זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און געגאַנגען אויף די הענט אַ שטיק וועג. טאָבי האָט ס׳ערשטע מאָל זיך צע־וואָיעט ווי אַ וואָלף, דערנאָך האָט זי באַוועגט מיט די אויערן ווי אַ האָז און געקראָכן אויפן בויך ווי אַ שלאַנג. ערשט נאָך די אַלע קונצן זײַנען זיי געוואָרן היימיש און זיך אָנגעהויבן אַלץ אויסצודערציילן.

י. מעצקער.

וואָס באַטײַט?

1. אויסגעפּוצט זיך — dressed themselevs. 2. איבערגעקוליעט זיך — איבערגעדרייט זיך, tumbled over. 3. שלאַנג — snake.

פראַגעס:

1. ווי האָט אויסגעזען וואַלד און פעלד ווען דער פרילינג איז געקו־מען? 2. וואוהין איז טאָלי גלײַך געלאָפן? 3. וואָס פאַר אַ נײַעס האָט טאָלי אָנגעזאָגט זײַן חבֿרטע? 4. וואָס האָבן די צוויי גוטע פרײַנד געהאַט זיך צו דערציילן? 5. וואָס פאַר אַ נײַע קונצן האָט איינער געוויזן דעם צווייטן?

איז אַ מענטשנס לעבן אין גרויס סכּנה?

ענטפער מיט אַ גאַנצן זאַץ. שטעל אַלע מאָל צו די ווערטער: אין סכּנה. בעט דײַן חבֿר אין קלאַס ער זאָל דיר שטעלן די פראַגעס און דו ענטפער.

איז אַ מענטשנס לעבן אין גרויס סכּנה?

1. ווען ער גייט אין מלחמה.
2. ווען ער פאָרט מיט דער באַן.
3. ווען ער גייט אין שול.
4. ווען ער גייט אַרויס אין רעגן.
5. ווען ער פרוווט כאַפּן אַ מויז.
6. ווען אַ פײַער ברעכט אויס אין מיטן נאַכט.
7. ווען ער פליט אין אַן עראָפּלאַן.
8. ווען ער גייט צום דענטיסט.
9. ווען ער עסט אַ ווערעמדיקן עפּל.
10. ווען ער ליגט אין בעט און שלאָפט.

ווער ווייס?

1. ווען ווערט מען אָן דער באָבעס ירושה, ווען מע ווערט טאָקע עפּעס אָן, צי ווען מע ווערט גאָרניט אָן?

2. וועמען מעג מען אַ מאָל אָפּטאָן אַ שפּיצל, אַן עלטערן פון זיך, צי אַ גלײַכן?

3. ווער גייט אַרום שלינג און שלאַנג, איינער וואָס אַרבעט שווער, צי איינער וואָס טוט גאָרניט?

4. מיט וועמען ביסטו גוט־מאָרגן, גוט־יאָר? מיט דײַן חבֿר וואָס דו ביסט מיט אים זייער נאָענט, צי מיט איינעם וואָס דו קענסט אים נאָר פון ווײַטן?

5. ווער געדענקט ניט פון דאַנען אַהין, ווער עס פאַרגעסט, אָדער ווער עס פאַרגעסט ניט?

6. ווער האָט אַ גרינג לעבן, איינער וואָס אים לעבט זיך גוט, צי איינער וואָס אים לעבט זיך שלעכט?

מערק זיך דעם אונטערשייד צווישן ייִדיש און ענגליש:

1. איז דיר קאַלט?	1. Are you cold?
2. ער איז פאַרקילט; ער האָט זיך פאַרקילט.	2. He has a cold.
3. ער איז ענלעך אויף זײַן פאָטער.	3. He looks like his father.
4. ווי זעט ער אויס?	4. What does he look like?

רעטעניש

געווען צוועלף ברידער.
דרײַ האָבן די ערד געפּוצט,
דרײַ האָבן געוואַרעמט, געבראָטן,
דרײַ האָבן רעגנס געגאָסן,
דרײַ האָבן שנייען געשאָטן.
ווער זײַנען זיי?

אין אָוונט

ווינטער־אָוונט, — שטיל און רואיק
איז אין אונדזער הויז,
בײַ דעם אויוון זיצט די באָבע,
האַלט מיך אויף איר שוים.

מיט אַן אומעטיקן שמייכל
קוקט זי אויפֿן פלאַם
און דערציילט מיר ווי אַ פויגל
האָט געלעבט בײַם ים.

ווי אַ שיף איז צוגעשוואומען
צו אַן אינדזל ווײַט,
ווי געלערנט האָבן תּורה
זיבן אַלטע לײַט.

ווי אַ וואָרף געטאָן דער מלך
האָט זײַן רינג פון גאָלד,
נאָר דאָס קינד צום אָפּגאָט בוקן
האָט זיך ניט געוואָלט.

ווי אַ בעטלער איז געקומען
צו אַ גוטן ייִד...
אָדער גאָר זי הייבט אָן זינגען
שטילערהייט אַ ליד.

ווי געפלויגן איז אַ פּאַווע
איבער גרינעם וואַלד,
ווי די כאַפּערס פלעגן כאַפּן
קינדערלעך מיט גוואַלד.

און איך הער זיך צו פאַרכּישופט
צו דער באָבעס רייד,
און פון מײַנע אויגן פאַלן
טרערן שטילערהייט.

קיינער איז ניטאָ אין צימער —
מערניט מיר באַנאַנד
און די טאַנצנדיקע שאָטנס
אויף דער ווײַסער וואַנט.

נחום יוד.

וואָס באַטײַט ?

1. **אויוון** — stove. 2. **שוים** — lap. 3. **פלאַם** — פײַער.
4. **אינדזל** — island. 5. **מלך** (מיילעך) — קיניג. 6. **אָפּגאָט** — idol.
7. **בוקן** — to bow. 8. **בעטלער** — beggar. 9. **פּאַווע** — peacock.
10. **מיט גוואַלד** — by force. 14. **פאַרכּישופט** — enchanted. 15. **מיר באַנאַנד** — מיר ביידע.

דער אַלף־בית

אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף־בית.

זעט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טײַערע
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקע נאָך אַ מאָל:
קמץ אלף — אָ.

איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פאַרשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין...

מ. וואַרשאַווסקי.

אַ חדר־מעשׂה

זיבן יאָר איז מיר געוואָרן — און די מאַמע, זאָל געזונט זײַן, האָט געזאָגט: — נו, צײַט אין חדר, צײַט אין חדר גיין, מײַן קינד! אוים, אַ סוף, גענוג געהוליעט אויף דער וועלט, אַרומגעפליגן פרײַ און גליקלעך ווי אַ פויגל, פריש און פריילעך ווי דער ווינט.

און אַבֿרהמל דער באַהעלפער האָט מיך אײַנגעהילט, פאַרוויקלט אין אַן אַלטן געלן טלית און אַוועק מיט מיר אין חדר.

ס'איז געווען אַ וואונדער־שיינער, פרישער, ליכטיקער פרימאָרגן. שיין און ליכטיק, ריין און פריש האָבן שטראַלן זיך געגאָסן דורכן פענצטערל אין חדר און געפינקלט אויפן רבין, אויפן סידור, אויפן טיש. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער עקזאַמען: — זאָג נאָר, בחור, וואָס איז דאָס? — אַן אַלף. — ריכטיק! דאָס? אַ ה. — און דאָס? אַ — ת.

און בײַ יעדן אות, בײַ יעדן ענטפער פאַלן מיר פון אויבן לעקעך, ראָזשינקעס, קאָנפעקטן, נים און מאַנדלען אָן אַ סוף. און דער רבי, רב בנימין (זאָל אַ ליכטיקן גן־עדן האָבן) זאָגט: — דו זעסט? דאָס וואַרפן דיר מלאכימלעך, מײַן קינד! זאָלסט מיט חשק לערנען תורה, לערנען חכמה. און געדענק, מײַן קינד, ווער ס'וויל ניט לערנען, בלײַבט אויף אייביק בלינד.

ש. פרוג.

1. וואָס האָט די מוטער געזאָגט צום יינגל, ווען ער האָט געדאַרפט גיין אין חדר? 2. ווי אַלט איז דאָס קינד געווען? 3. וואָס האָט אַבֿרהמל דער באַהעלפער געטאָן? 4. ווי האָט דער רבי געפירט דעם עקזאַמען? 5. פאַר וואָס האָט דער רבי געוואָרפן ראָזשינקעס און לעקעך? 6. וואָס באַטײַט: ווער ס'וויל ניט לערנען בלײַבט אויף אייביק בלינד? 7. פאַר וואָס הייסט די מעשׂה אַ חדר־מעשׂה? 8. ווי קען מען זי אָנרופן אַנדערש?

וואָס באַטײַט?

1. אַ סוף — אַן ענד. 2. געהוליעט — זיך פֿריילעך געמאַכט. 3. באַהעלפֿער — דער וואָס העלפֿט אַרויס דעם רבין אין חדר. 4. אײַנ־הילן, פֿאַרוויקלען — to wrap in. 5. טלית — prayer-shawl. 6. גע־פֿינקלט — געשײַנט. 7. רבי (רעבע) — אַ לערער פֿון קינדער. 7. סידור (סידער) — אַ יידיש געבעט (prayer) בוך. 8. בחור (באָכער) — ייִנגל. 9. אות (אָס) — בוכשטאַב. 10. לעקעך — ginger-cake. 11. ראָזשינ־קעס — raisins. 12. נים — nuts. 13. מאַנדלען — almonds. 14. גן־עדן (גאַן־אײדן) — heaven. 15. מלאכימלעך (מאַלאָכימלעך) — angels. 16. מיט חשק (מיט כיישעק) — מיט ווילן. 17 חכמה (כאָכמע) — wisdom.

חדר	סוף	טלית	סידור	בחור	אות
מלאכימלעך	חשק	רבי	תורה	חכמה	רב

איך בין שוין אַ גרויסער

— „ברענג הײַנט מיט זיך אַ ליכטל" — האָט צו מיר געזאָגט דער רבי, ווען איך האָב זיך אָנגעטאָן צו גיין אַהיים עסן מיטאָג. — אַלע ייִנגלעך, וואָס לערנען שוין חומש, הייבן הײַנט אָן צו לערנען אין אָוונט. פֿון הײַנט אָן דאַרף יעדער חומש־ייִנגל ברענגען יעדע וואָך אַ ליכטל צו באַלײַכטן דעם טיש בײַם לערנען און אַ לאַמטערנע צו באַלײַכטן זיך דעם וועג בײַם גיין בײַ נאַכט אַהיים.

— הײַנט הייב איך אָן צו לערנען אין אָוונט — האָב איך זיך געטראַכט, גייענדיק אַהיים צו מיטאָג. — אָ, וואָס פֿאַר אַ טײַערע בשורה דאָס איז! ווי איך וועל נאָר אַרײַנגיין אין שטוב, וועל איך גלײַך אָנזאָגן דער מאַמען און מײַנע שוועסטערלעך, אַז איך בין שוין אַ גרויסער, אַז איך וועל זיך שוין מערניט שפּילן מיט זיי, ווי ביז איצט.

ווי גוט איז דאָס צו זײַן אַ גרויסער!

איך געדענק, אַז פֿאַר־אַ־יאָרן בין איך נאָך געווען אַ קליינער. אַלע ייִנגלעך פֿלעגן דאַן זאָגן: משהלע איז נאָך

אַ קליינער, ער לערנט נאָך ניט אין אָונט. דער באַהעלפער פלעגט מיך טראָגן אַהיים אויף זײַנע אַקסלען און פלעגט זאָגן צו מײַן מאַמען: — משהלע איז נאָך אַ קליין יינגעלע, ער קאָן נאָך ניט גיין צו פוס איבער דער בלאָטע.

אַ קליינער! אַ קליינער! אָט דאָס וואָרט האָב איך גע־הערט פון אַלע זײַטן. אוי, האָב איך געוואָלט זײַן שוין אַ גרויסער, לערנען חומש און זיצן אין אָונט אין חדר!

און איצט בין איך שוין אַ גרויסער! איצט לערן איך שוין חומש און הײַנט הייב איך שוין אָן צו לערנען אין אָונט!

אָ, ווי גוט, ווי וואויל!

ז. פייערבערג.

1. ליכטלעך — candles. 2. בשׂורה (פּסורע) — אָנזאָג, ווען מען זאָגט אָן עפּעס. 3. אַקסלען — shoulders. 4. בלאָטע — mud.

בשׂורה	חומש

די דרײַ פוילערס

(אַ פאָלקס־מעשׂה)

אַמאָל איז געווען אַ קיניג. האָט ער געהאַט דרײַ זין, זײַ־נען זיי אים אַלע געווען גלײַך ליב און ער האָט ניט געוואוסט וועמען פון זיי איבערצולאָזן זײַן קיניגלעכן טראָן. האָט ער געטראַכט און געטראַכט און זיך לאַנג קיין עצה ניט געקענט געבן. איין מאָל האָט ער פאַררופן צו זיך די זין און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— ליבע קינדער, איך האָב לאַנג געטראַכט וועמען פון אײַך איבערצוגעבן מיין קיניגלעכן טראָן און אָט וואָס בײַ מיר איז געבליבן: ווער פון אײַך עס איז דער גרעסטער פוילער, דער וועט אים באַקומען.

— אויב אַזוי דאַרף איך ווערן קיניג! — האָט זיך אָפּ־גערופן דער עלטסטער — איך בין אַזוי פויל, אַז ווען עס פאַלט מיר אַרײַן, למשל, אַ טראָפּן אין די אויגן, וועל איך זיי ניט צומאַכן, איך מעג אַפילו וועלן ווער וויים ווי שלאָפן.

— דער קיניגלעכער טראָן געהערט צו מיר! — האָט געזאָגט דער צווייטער ברודער — איך, אַז איך זיץ בײַם פײַער און וואַרעם זיך, מעג מיר ווער ווייס ווי זײַן הייס, וועל איך גיכער די פיס פאַרברענען איידער זיי צונעמען פון פײַער... אַט ווי פויל איך בין.

— דער קיניגלעכער טראָן געהערט צו מיר! — האָט אויסגערופן דער דריטער ברודער — איך בין פוילער פאַר זיי ביידן. שטעל זיך פאָר, אַ שטייגער, מע וויל מיך הענגען, דער שטריק איז שוין אויפן האַלדז און דאָ דערלאַנגט מען מיר אַ מעסער אין האַנט, איך זאָל דעם שטריק צעשנײַדן, וועל איך בעסער זיך לאָזן הענגען, איידער אויפהייבן די האַנט צו דעם שטריק!...

אַז דער פאָטער האָט אויסגעהערט די רייד פון דעם דריטן זון, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— דו, מײַן זון, שטײַגסט אַריבער דײַנע ברידער אין פוילקייט, דו פאַרבלײַבסט קיניג!

ש. באָסטאָמסקי.

שלום עליכם

שלום עליכם — ווער קען אים דען ניט?
— געווען צווישן ייִדן „אַ פּשוטער ייִד״.

פּשוט אויף ייִדיש געשריבן, גערעדט.
עס האָט יעדעס וואָרט זײַנס בײַם האַרצן געגלעט.

עס האָט יעדע מעשׂה אונדז פריילעך געמאַכט —
האָט מען די מעשׂיות געלייענט, געלאַכט.

און ס'האָבן זיך קינדישע אויגן צעשײַנט —
בײַם הערן די מעשׂיות — און שײַנען נאָך הײַנט.

און וועלן אין ליכטיקן מאָרגן, נאָך מער,
שײַנען מיט לויטערער פרייד, אָן אַ טרער...

שניאור וואַסערמאַן.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום

א.



פֿון זינט איך בין צו מײַן שׂכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זײַן אַזאַ מיוחס, ווי אַצינד. וואָס איז מיט מיר דער יחוס? — מײַן טאַטע, פּייסע דער חזן, איז געשטאָרבן און איך בין געבליבן אַ יתום.

פֿון דעם ערשטן טאָג נאָך שבֿועות האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן קדיש — איך און מײַן ברודער עליע. ער טאַקע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן קדיש.

מײַן ברודער עליע איז אַ געטרײַער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רבי: ער איז אַ כּעסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפֿגעעפֿנט אַ סידור און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר צו שטודירן.

ער האָט מיט מיר איין מאָל איבערגעזאָגט דעם קדיש און ער וויל, אַז איך זאָל שוין קענען אויף אויסווייניק. ער חזרט איבער מיט מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פֿון אָנהייב ביזן סוף און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגן אַליין. איך זאָג אַליין, אָבער עס גייט ניט.

ביזן מיטן קדיש איז נאָך ווי עס איז, און נאָך דעם פֿאַרטשעפּע איך זיך. דערלאַנגט ער מיט מיטן עלנבויגן און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר אַפּנים ערגעץ אין דרויסן. ער פֿוילט זיך ניט און חזרט אײַן מיט מיר נאָך אַ מאָל. און ווען איך ווייס נאָך אַלץ ניט, נעמט ער מיך אָן פֿאַרן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפֿשטיין און זען, וואָס פֿאַר אַ זון ער האָט...

— וואָלט איך פֿאַרשפּאַרט זאָגן קדיש!

אַזוי זאָג איך צו מײַן ברודער עליע און כאַפּ פֿון אים אַ געשמאַקן פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אַרײַן.

דערהערט די מאַמע און גיט אים אַ פּסק, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעם איך בין אַ יתום.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו? וועמען שלאָגסטו? האָסט פאַרגעסן אַפּנים, אַז דאָס קינד איז אַ יתום?!

שלאָפן שלאָף איך מיט דער מאַמען אינעם טאַטנס בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל אין שטוב; די קאָלדרע גיט זי אָפּ כמעט אין גאַנצן מיר.

— דעק זיך אײַן — זאָגט זי צו מיר — און ווער אַנטשלאָפן, מײַן טײַערער יתום, עסן איז ניטאָ וואָס...

דעקן דעק איך זיך אײַן, אָבער שלאָפן שלאָף איך ניט: איך חזר דעם קדיש אויף אויסווייניק.

אין חדר גיי איך ניט, לערנען לערן איך ניט, דאַוונען דאַוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט. פּטור פון אַלצדינג. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!

וואָס באַטײַט?

קומען צום שכל (סייכל) — אָנהייבן פאַרשטיין. 2. זײַן אַ מיוחס (מעיוכעס) — זײַן וויכטיק, to be important. 3. יחוס (ייִכעס) — וויכטיק, importance. 5. חזן (כאַזן) — cantor. 5. זאָגן קדיש (קאַדעש) — זאָגן אַ געבעט (prayer) נאָך אַ טויטן. 6. אַ כעסן (קײַסן) — אַ בייזער. 7. סידור (סידער) — דאָס ייִדישע געבעט בוך. 8. חזרט (כאַזערט) איבער — לערנט איבער. 9. איך פאַרטשעפּע זיך — בלײַב שטיין אין מיטן. 10. אַפּנים (אַפּאָנים) — ווי עס זעט אויס. 11. פאַרשפּאָרט — ניט געדאַרפט מער, spared. 12. געבן אַ פּסק (פּסאַק) — שטאַרק אויסרעדן. 13. מעבל — furniture. 14. קאָלדרע — quilt. 15. כמעט — almost. 16. פּטור (פּאַטער) פון אַלצדינג — פרײַ פון אַלצדינג, ער דאַרף גאָרנישט טאָן.

פראַגעס:

1. פון וואָס קען מען זען, אַז עליע איז אַ געטרײַער ברודער, אָבער ניט קיין גוטער רבי? 2. ווער נעמט זיך כּסדר אָן פאַר מאָטלען? 3. וואָס זאָגט די מאַמע עליען? (לייען עס פאָר). 4. פאַר וואָס טאָר מען ניט שלאָגן קיין יתום? 5. ווי רעכנט איר? ווי לעבט זיך מאָטלס פאַמיליע? איז זי אָרעם, אָדער רײַך? 6. געפינט די שטעל, פון וועלכער מע קען דאָס אויסגעפינען. 7. פאַר וואָס האַלט מאָטל, אַז ס'איז גוט צו זײַן אַ יתום? 8. לעבט זיך אים טאַקע זייער גוט? 9. וואָס פאַר אַ מענטש איז דער ברודער עליע? 10. פון וואָס קען מען זען, אַז ער איז אַ כּעסן? 11. וואָס פאַר אַ מענטש איז די מאַמע?



ב.

מזל־טובֿ! איך קאָן שוין גאַנץ קדיש אויף אויסווייניק! דעם לאַנגן קדיש אויך.

ווײַל איך זאָג קדיש אין דער פֿרי און אויף דער נאַכט, גיי איך שוין מערניט צו העריש־בער דעם חזן זינגען. איך בין פֿרײַ. אַ גאַנצן טאָג געפֿין איך זיך בײַם טײַך: אָדער איך כאַפּ פֿיש, אָדער איך באָד זיך. כאַפּן פֿיש האָב איך זיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַליין. אַז איר ווילט, קען איך אײַך אויך אויסלערנען: מע טוט אויס דאָס העמד און מע פֿאַרקניפּט דעם אַרבל און מע גייט פּאַוואָליע ביזן האַלדז אין וואַסער. מע דאַרף גיין לאַנג, לאַנג. אַז איר פֿילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס'איז פֿול; גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און

קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פֿאַרפּלאָנטערט אָפּט מאָל קליינע זשאַבקעלעך, וואַרפֿט זיי אַרײַן צוריק אין וואַסער אַרײַן. קיין פֿיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל איז געווען פֿיש אויך. הײַנט איז נישטאָ.

פֿון וואַנען האָט זיך דערוואוסט מײַן ברודער עליע, אַז איך כאַפּ פֿיש, ווייס איך ניט, ער האָט מיר שיִר ניט אָפּגעריסן אַן אויער פֿאַר די פֿיש. אַ גליק, וואָס פּעסיע די גראָבע, אונדזער שכנה, האָט דערזען. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט אײַנשטעלן פֿאַר איר קינד.

— אָט אַזוי שלאָגט מען אַ יתום?

מײַן ברודער עליע האָט זיך פֿאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזן דעם אויער.

אַלע שטעלן זיך אײַן פֿאַר מיר. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

וואָס באַטײַט?

1. מזל־טובֿ (מאַזל־טאָוו) — congratulations. 2. טײַך — river.
3. פֿאַרקניפּן — to tie. 4. אַרבל — sleeve. 5. פּאַוואָליע — לאַנגזאַם.
6. אַ סימן (סימען) — a sign. 7. טרייסלען — to shake. 8. בלאָטע — mud. 9. פֿאַרפּלאָנטערט — entangled. 10. זשאַבקעלעך — frogs.
11. אײַנשטעלן זיך — זיך אָננעמען.

פֿראַגעס:

1. וואָס טוט מאָטל אַ גאַנצן טאָג בײַם טײַך? 2. פֿאַר וואָס איז מאָטל איצט גליקלעך? 3. פֿאַר וואָס וואַרפֿט מאָטל אַרײַן די זשאַבקעלעך צוריק אין וואַסער? 4. ווי רעכנט איר, פֿאַר וואָס איז דער ברודער עליע בייז אויף מאָטלען וואָס ער כאַפּט פֿיש? 5. ווער שטעלט זיך אײַן פֿאַר מאָטלען? 6. פֿאַר וואָס האָט זיך עליע פֿאַרשעמט?

ג.

אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע האָט זיך אין מיר פֿאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, איך זאָל דערווײַל זײַן בײַ איר, בײַ פּעסיען הייסט עס.

— וואָס ווערט אײַך אָרן? — האָט זי געטענהט. — עס

גייען בײַ מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זײַן אַ דרײַצנטער. בײַ דער מאַמען האָט זי קוים געפּועלט, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מײַן ברודער עליע:

— ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש ?

— איך וועל אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש. נו, שוין ? האָט איר צו מיר גאָרניט ?

פּעסיע איז נישט קיין גבירטע. איר מאַן איז אַן אײַנבינדער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פֿאַרן בעסטן באַל־מעלאָכע, דאָס אַליין איז אָבער קאַרג. מע דאַרף נאָך האָבן מזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסיע צו מײַן מאַמען.

מײַן מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. פּאַר אַ סימן נעמט זי מיך; אָט בין איך אַ יתום און אַלע ווילן מיך. פֿאַראַן בעלנים, וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק. נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע שונאים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אויף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן עצה מיט מײַן ברודער עליע.

— ווי מיינסטו ? זאָל ער זײַן דערווײַל בײַ פּעסיען ?

מײַן ברודער עליע איז שוין אַ גרויסער. אַניט וואָלט מען זיך מיט אים ניט געהאַלטן קיין עצה. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דעם ריינעם, ניט באַוואַקסענעם פּנים, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער: אַבי ער זאָל נאָר ניט זײַן קיין שייגעץ.

און עס בלײַבט, אַז איך וועל זײַן דערווײַל בײַ אונדזער שכנה פּעסיע.

וואָס באַטײַט ?

1. צוגעטשעפּעט — צוגעשטאַנען, ניט אָפּגעלאָזן. 2. אַרן, וואָס אַרט אײַך ? — What do you care?. 3 געטענהט (געטײַנעט) — געהאַלטן אין איין רעדן. 4. געפּועלט (געפּויעלט) — אויסגעפּירט. 5. שם (שעם) — אַ נאָמען. 6. קאַרג איז אים — ניט גענוג איז אים. 7. מזל (מאַזל) — גליק. 8. צום שלימזל (שלימאַזל) — צום אומגליק. 9. פּאַר אַ סימן (סימען) — ווי אַ באַווײַז. 10. בעלנים (באַלאָנים) — אַזעלכע וואָס ווילן. 11. שונאים (סאָנים) — פֿײַנד. 12. עצה (אייצע) — advice.

1. פאַר וואָס וויל ניט דער בהודער עליע, אַז מאָטל זאָל זײַן בײַ פּעסיען? 2. וואָס הייסט: צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל? 3. פאַר וואָס ברענגט די מאַמע דאָס ווערטל? 4. פאַר וואָס וויינט דערבײַ די מאַמע? 5. מיט וועמען האַלט זיך די מאַמע אָן עצה? פאַר וואָס? 6. וואָס בלײַבט צום סוף?

לייענט פאַר דעם שמועס צווישן פּעסיען, דער מאַמען און עליען וועגן דעם, צי מאָטל זאָל גיין צו פּעסיען? לייענט פאַר דעם טייל, וואו עס ווערט באַשריבן דער ברודער עליע.

ד.

אונדזער שכנה פּעסיע, זאָל מיר מוחל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען בײַ איר צום טיש. לויט מײַן מיינונג, בין איך דער פערצנטער. אַפּנים זי האָט פאַרגעסן אַרײַנצורעכענען דעם בלינדן פעטער ברוך. און אפשר האָט זי אים ניט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפאַר, ווײַל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קיין ציין ניט אויף צו קײַען. איך וועל מיך ניט שפּאַרן. קײַען קען ער ניט, אָבער דערפאַר שלינגט ער ווי אַ גאַנדז און כאַפּט. אַלע כאַפּן זיי. זייער כאַפּן איז אויסערגעוויינטלעך. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זיי מיך. מיט די פיס אונטערן טיש שלאָגן זיי מיך. מער פון אַלע שלאָגט זיך ושתי (וואַשטי). ושתי (וואַשטי) איז אַ רוצח. הייסן הייסט ער הערשל, נאָר ווײַל ער האָט אַ גוליע אויפן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן ושתי. אַלע האָבן זיי דאָ נעמען און צונעמענישן: „קלעצל”, „קאָטער”, „פּעטעלעלע”, „גיב מיר נאָך”, „שמיר מיט פּוטער”...

האָט קיין יסורים ניט — יעדער נאָמען האָט זיך זײַן מיין. פּיניע הייסט „קלעצל” דערפאַר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופט מען אים „קאָטער”. מענדל האָט אַ שפּיצעכיקע נאָז, איז ער אַ „טשערנאָהוז”. „פּעטעלעלע” האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּײַטלען דערפאַר, ווײַל ער קען ניט רעדן. בערל איז אַ גרויסער נאַשער: אַז מע גיט אים אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער „גיב מיר נאָך”.

ה.

מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן — טרעפט ווי אַזוי ? —
„מאַטל מיט די לעפּצן"... לעפּצן איז אַ דײַטשיש וואָרט.
אויף אונדזער לשון הייסט דאָס „ליפּן". איך וואָלט וועלן
זען יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און ניט מאַכן מיט די
ליפּן ! אַפּנים זיי איז ניט געפעלן מײַנע ליפּן. איך ווייס ניט
פאַר וואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטאַרק ניט געפעלן !
און ווײַל ס'איז מיר ניט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און
רופן מיך דווקא אַזוי. איר האָט נאָך אַזעלכע ניט געזען !
פריִער האָב איך בײַ זיי געהייסן „מאַטל מיט די לעפּצן";
נאָך דעם גלאַט „מיט די לעפּצן"; שפּעטער — „די לעפּצן";
נאָך שפּעטער — „לעפּצן".

— לעפּצן ! וואו זײַט איר געווען ?

— לעפּצן, ווישט אָפּ די נאָז !

עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויין.
דערזעט דער פאַטער ווייערער, פעסיעס מאַן, משה דער אײַנ־
בינדער, איין מאָל, אַז איך וויין ; פרעגט ער מיך, וואָס
וויין איך ? זאָג איך אים : — ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען,
אַז איך הייס מאַטל, און מע רופט מיך „לעפּצן". פרעגט ער :
ווער ? זאָג איך : ושתי". ווײַל ער שלאָגן „ושתין", זאָגט
„ושתי" : — ס'איז ניט איך, ס'איז „קלעצל". ווײַל ער שלאָגן
„קלעצלען", זאָגט „קלעצל" — ס'איז ניט איך, ס'איז „קאַ־

טער״. איינער אויפֿן אַנדערן, דער אַנדערער אויפֿן דריטן — אַ מעשׂה אָן אַן עק! נעמט דער פּאַטער, משה דער אײַנ־בינדער, און לייגט זיי אַוועק אַלע אייניציקווײַז און שמײַסט זיי אָפּ מיט אַ טאָוול פֿון אַ סידור און זאָגט זיי: — איך וועל אײַך ווײַזן, ווי אַזוי צו לצעווען פֿון אַ יתום!

אָט אַזוי: יעדער נעמט זיך אָן פֿאַר מיר. אַלע שטעלן זיך אײַן פֿאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

שלום־עליכם.

וואָס באַטײַט?

1. מוחל (מויכל) זײַן — אַנטשולדיקן. 2. שפּאַרן זיך — to argue.
3. קײַען — to chew. 4. שלינגט ער — swallows. 5. אויסערגעוויינט־לעך — ניט געוויינטלעך. 6. רוצח (רויצייעך) — מערדער. 7. גוליע — tumor. 8. צונעמעניש — nicknames. 9. האָט קיין יסורים (ייסורים) ניט — זאָל אײַך ניט וויי טאָן, פּאַרדריסן. 10. שמאַלץ — פעטס פֿון אַ גאַנדז.
11. רייצן זיך — to tease. 12. טאָוול — cover of a book. 13. לצעווען (לעצעווען) — אָפּלאַכן, make fun of.

1. פֿאַר וואָס מיינט מאָטל, אַז די שכנה פּעסיע האָט געזאָגט אַ ליגן? 2. פֿאַר וואָס איז מאָטל ניט צופֿרידן? 3. וואָס פֿאַר אַ צונע־מעניש האָבן די קינדער? 4. וואָס איז זייער מיין? 5. פֿאַר וואָס האָבן די קינדער מאָטלען גערופֿן „לעפּצן״? 6. פֿאַר וואָס וויינט מאָטל? 7. ווער נעמט זיך דאָס מאָל אָן פֿאַרן יתום? 8. וואָס פֿאַר אַ שטראָף קריגן די קינדער?

לייענט די שטעלן: 1) וואו מע באַשרײַבט דעם פּעטער ברוך (באָרעך). 2) דאָס עסן בײַם טיש. 3) ווי די קינדער וואַרפֿן די שולד איינער אויף דעם אַנדערן.

1. איז די דערציילונג אַ פֿריילעכע, אָדער אַ טרויעריקע? דער־קלערט אײַער מיינונג. 2. וועלכע זײַנען די קאָמישסטע טיילן פֿון דער מעשׂה? לייענט זיי פֿאָר. 3. וועלכע טרויעריקע פּאַסירונגען ווערן דער־מאָנט אין דער געשיכטע? 4. לייענט פֿאָר אַלע ערטער, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער מאַמען. 5. פֿון וואָס קען מען זען, אַז זי איז אַ גוטע מאַ־מע? 6. לייענט פֿאָר די שטעלן וואָס ווײַזן, אַז מאָטלען איז שלעכט, און דאָך זאָגט ער: ס׳איז גוט צו זײַן אַ יתום.

אויפֿגאַבע: שטעלט צונויף אַ פּלאַן פֿון דער מעשׂה. טיילט זי אײַן אין קליינע טיילן און קלײַבט צו אַ נאָמען פֿאַר יעדן טייל.

דער אָרעמאַן און דער דלות

(אַ פֿאָלקס־מעשׂה)

אַמאָל האָט זיך אַ ייִד אַן אָרעמאַן געקליבן פֿון אַ דירה. האָט ער צונויפֿגענומען אויף אַ וועגעלע אַלע זײַנע זאַכן מיט די זעקס קינדערלעך וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, און איז שוין גרייט געווען אין וועג אַרײַן. פּלוצעם דערמאָנט ער זיך — ער האָט עפּעס פֿאַרגעסן.

גייט ער אַרײַן אין שטוב, נעמט וואָס ער דאַרף, און קומט צוריק אַרויס צום וועגעלע. ער גיט אַ קוק אויפֿן וועגעלע — ערשט עס זיצן דאָרט ניט קיין זעקס קינדער, נאָר זיבן. און דער זיבעטער — אַזאַ אָפּגעריסענער, אַזאַ אָפּגעשליסענער!...

פֿרעגט דער אָרעמאַן בײַם ייִנגעלע? ווער ביסטו, ייִנ־געלע? וואָס דאַרפֿסטו דאָ?

ענטפֿערט דאָס ייִנגעלע:

— כ׳בין דלות... כ׳וויל מיט דיר מיטפֿאָרן...

זאָגט דער ייִד, אַז קיין קינדער פֿעלן אים ניט, אַז ער האָט זײַנע אויך ניט וואָס צו געבן עסן.

אָבער דאָס ייִנגעלע טרעט ניט אָפּ. הייבט זיך דער ייִד אָן צו בייזערן:

— פֿאַר וואָס גייסטו בעסער ניט צום גביר? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? איך בין דאָך אַן אָרעמאַן אַ ייִד!

זאָגט דאָס ייִנגעלע:

— איך וואָלט גערן געגאַנגען צום גביר, האָב איך אָבער קיין שיך ניט... אַ באָרוועסער האָב איך מורא צו אים אַרײַנ־צוגיין. ער וועט מיך אַרויסטרײַבן.

פֿאַרפֿאַלן! — טראַכט זיך דער ייִד — מען מוז עפּעס טאָן, כּדי פּטור צו ווערן פֿון דלות.

און ניט געטראַכט לאַנג, פֿאַרקויפֿט ער אַ בגד און קויפֿט שיך פֿאַרן דלות.

— זאָל עפּעס קאָסטן, אַבי פּטור ווערן!

און ער ברענגט דעם יינגל די שיך און זאָגט צו אים:
— נאַ, טו אָן און גיי צום גביר!
מעסט דלות אָן די שיך — ס׳גייט ניט! צו ענג...
ווערט דער ייד אויסער זיך:
— וואָס טוט מען?
נעמט ער דאָס לעצטע קישעלע און קויפט פאַרן דלות אַ נייַע פּאָר שיך.
און כדי צו זיַין זיכער, נעמט ער שוין אַפּריער אַראָפּ פון דלות אַ מאָס.
ער ברענגט די שיך, דלות מעסט אָן — ווידער ענג!
דער ייד האָט שיך ניט געחלשט. אָבער ער מוז דאָך פאָרט פּטור ווערן פון דלות!
אַ קאָלדרע איז געווען די איינציקע זאַך וואָס דער ייד האָט נאָך געהאַט. נעמט ער די קאָלדרע, גייט אַוועק אויפן מאַרק און בייַט זי אויס אויף אַ פּאָר גרויסע, גרויסע שטיוול. אָבער שטיוול — שטיוואַלעס!
אַז זיי וועלן שוין ניט אַרויף, ווייס איך שוין ניט! — זאָגט ער צום יינגל — טו זיי אָן און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! — מעסט דער דלות אָן די שטיוול — אַן אומגליק, אַ צרה! — ווידער קליין!
און וויפל דער אָרעמאַן האָט זיך ניט געמיט צו באַפרייַען זיך פון דלות, האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן.
וואָס ווייַטער, איז דער דלות אַלץ געוואַקסן און קיין שיך האָבן אויף אים ניט געפּאַסט.
און דער אָרעמאַן איז שוין אַזוי געבליבן מיטן דלות אויפן גאַנצן לעבן.
דער אָרעמאַן איז שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער דער דלות לעבט נאָך, וואוינט ביי זיַינע קינדער און קינדס-קינדער.
און ווען מע פרעגט אים, פאַר וואָס גייט ער ניט צו די גבירים, ענטפערט ער, אַז ער שעמט זיך, ווייל ער גייט באָרוועס.

פסח

אין טעג פון פרילינג

זײַנען פֿײַנעלעך פֿריילעך געקומען, —
און מע זינגט און מע הילכט און מע שאַלט.
האָבן ביימעלעך גרינען גענומען, —
און אַ שמחה, אַ פֿרייד איז אין וואַלד.

האָבן וואַסערן ברייט זיך צעלאָזן, —
און מען אײַלט און מע לויפֿט ערגעצוואו...
קוקן שעמעוודיק יונגינקע גראָזן
און די בלימעלעך — בלוי ווינקען צו...

פֿליִען, פֿלאַטערן זײַדענע טויבן
איבער פֿעלד, איבער שײַער און הויז,
און דורך לויטערער בלויקייט פֿון אויבן
שיקט די זון אירע שמייכלען אַרויס.

נחום יוד.

וואָס באַטײַט?

1. הילכט — קלינגט. 2. שאַלן — to sound. 3. שמחה (סימכע) — פרייד. 4. ווינקען צו — רופֿן צו. 5. פלאַטערן — to wave. 6. טויב — dove, pigeon. 7. שײַער — barn.



די מעשׂה פון פסח

עס איז געווען אַ הונגער איבער דער וועלט, אָבער אין לאַנד מצרים איז געווען ברויט. זײַנען ייִדן געקומען אין לאַנד מצרים; זיי זײַנען געקומען אויף אַ ווײַלע, אָבער זיי זײַנען דאָרטן שוין געבליבן אַ לאַנגע צײַט.

דער קיניג פון מצרים האָט פון די ייִדן געמאַכט קנעכט. ייִדן האָבן געמוזט אַ גאַנצן טאָג שווער אַרבעטן, מאַכן ציגל און בויען שטעט און בויען פּיראַמידעס — פאַר פּרעהן, דעם קיניג פון מצרים.

די ייִדישע קנעכט האָבן געוואוסט, אַז זיי זײַנען אַמאָל געווען פרײַע מענטשן. זיי האָבן געבענקט ווידער צו ווערן פרײַ. אָבער פּרעה איז געווען זייער שטאַרק און זיי האָבן ניט געוואוסט ווי זיי זאָלן זיך באַפרײַען פון קנעכטשאַפט.

פּרעה האָט ניט געוואָלט אַז די קנעכט זאָלן ווערן פרײַ. ער האָט מורא געהאַט, אפשר וועט צווישן די קנעכט געבאָרן ווערן איינער וואָס וועט זיי אַרויספירן פון קנעכטשאַפט. האָט דער בייזער פּרעה אַרויס־געגעבן אַ געזעץ, זייער אַ שלעכט געזעץ:

„אַלע ייִנגלעך וואָס ווערן געבאָרן בײַ ייִדן — זאָל מען אַרײַנוואַרפן אין טײַך!"

בײַ אַ ייִדישער מוטער וואָס האָט געהייסן יוכבֿד איז געבאָרן גע־וואָרן אַ ייִנגל. און דער ייִנגל איז געווען זייער שיין. האָט די מוטער אים באַהאַלטן דרײַ חדשים צײַט. אָבער מער האָט זי אים שוין ניט געקענט באַהאַלטן.

האָט די מוטער געמאַכט אַ קעסטעלע פון האָלץ, האָט עס אַרום־געקלעפּט אַז וואַסער זאָל ניט קענען אַרײַן אין אים. און זי האָט דאָס קינד אַרײַנגעלייגט אין קעסטעלע.

און דאָס קעסטעלע מיטן קינד האָט די מוטער אַוועקגעשטעלט בײַם ברעג טײַך. זײַן עלטערע שוועסטער האָט זיך געשטעלט פון דער ווײַטן צו וויסן וואָס וועט געשען מיט דעם קינד.

פּרעהס טאָכטער איז אַראָפּ צום טײַך זיך באָדן. צוזאַמען מיט

איר זיַינען געווען אירע מיידלעך. דערזעט פּרעהס טאָכטער — עפּעס אַ קעסטעלע ביַים ברעג טיַיך! שיקט זי איינע פון אירע מיידלעך:

„ברענג מיר אָט דאָס קעסטעלע אַהער!"

האָט די מיידל געבראַכט. עפנט פּרעהס טאָכטער דאָס קעסטעלע און שריַיט אויס:

„אַ קינד!"

און דאָס קינד שמייכלט צו איר און שטרעקט זיַינע הענטלעך אויס צו איר.

האָט פּרעהס טאָכטער זיך דערבאַרעמט אויפן קינד.

„סאַראַ שיין קינד!" האָט איינע פון אירע מיידלעך געזאָגט.

„דאָס מוז זיַין פון די קינדער פון די ייִדן", האָט פּרעהס טאָכטער געזאָגט.

„אָבער ווער וועט זייגן דאָס קינד?" האָט איינע פון אירע מיידלעך געפרעגט.

איז צוגעגאַנגען צו זיי דעם ייִנגלס שוועסטער, די קלוגע מרים, און געזאָגט צו פּרעהס טאָכטער:

„זאָל איך גיין און רופן אַ ייִדישע פרוי, אַז זי זאָל זייגן פאַר דיר דאָס קינד?"

„גיי!" האָט פּרעהס טאָכטער איר געענטפערט.

איז די מיידל געלאָפן און האָט גערופן די מוטער פון דעם קינד.

און פּרעהס טאָכטער האָט איר געזאָגט:

„נעם אָט דאָס קינד און זייג עס. און איך וועל דיר באַצאָלן. און אַז דאָס קינד וועט מערניט דאַרפן זייגן, ברענג עס צו מיר!"

„גוט!" האָט געענטפערט די מוטער פון קינד.

***

און אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, האָט די מוטער פון קינד געבראַכט איר ייִנגל צו פּרעהס טאָכטער. און פּרעהס טאָכטער האָט ליב געהאַט דעם ייִנגל. און ער איז געווען ביַי איר אַזוי ווי אַן אייגן קינד. און זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן משה (דאָס וואָרט משה הייסט „אַרויס־געצויגן"), וויַיל זי האָט געזאָגט:

„איך האָב אים פון וואַסער אַרויסגעצויגן!"

משה איז געוואַקסן אין פּרעהס הויז און געוואָרן אַ קלוגער און אַ שטאַרקער מאַן. איז ער אַרויסגעגאַנגען זען וואָס עס טוט זיך אויף

דער וועלט. האָט ער געזען ווי שווער עס אַרבעטן די ייִדישע קנעכט און ווי ביטער עס לעבט זיך זיי. און ער האָט שוין אויך געוואוסט אַז ער אַליין איז אַ ייִד.

איין מאָל זעט ער ווי אַן אויפזעער שלאָגט אַ ייִדישן קנעכט. האָט משה זיך אָנגענומען פאַרן ייִדישן קנעכט און האָט אים געוואָלט ראַטעווען. אין געשלעג מיטן בייזן אויפזעער האָט משה אים דערהרגעט און זײַן טויטן קערפּער באַהאַלטן אין זאַמד.

אַ צווייט מאָל זעט ער ווי אַ שטאַרקער ייִד שלאָגט אַ שוואַכערן ייִדן, האָט ער געזאָגט צו דעם אומגערעכטן:

„פאַר וואָס שלאָגסטו דײַן חבֿר?"

האָט יענער געזאָגט: „ווער ביסטו עס? ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ ריכטער איבער אונדז? ווילסטו מיך אויך דערהרגענען ווי דו האָסט דערהרגעט אַ מיצרישן אויפזעער?"

האָט משה געזען אַז מע ווייס וועגן דער זאַך. און אויך פּרעה האָט זיך דערוואוסט. איז משה אַנטלאָפן פון לאַנד מצרים. און ער איז געקומען אין אַ פרעמד לאַנד.

דאָרטן האָט ער חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַ פּאַסטעך פון שאָף בײַ דעם פאָטער פון זײַן ווײַב.

⁂

איין מאָל פירט משה זײַנע שאָף, זעט ער פון ווײַטן — עס ברענט אַ דאָרן. קומט ער צו נעענטער און זעט — דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פאַרברענט!

שטייט משה און וואונדערט זיך, פאַר וואָס דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. און פּלוצעם הערט ער אַ שטים:

„משה! משה!"

הערט ער ווײַטער די שטים: — „גאָט האָט געהערט דאָס געשריי פון די ייִדישע קנעכט אין מצרים, וואָס זיי שרײַען פון זייערע ווייטאָגן. גאָט וועט זיי ראַטעווען. דו ווער דער פירער פון די קנעכט! פיר זיי אַרויס פון מצרים! דו גיי צו פּרעהן און זאָג, ער זאָל אַרויסלאָזן די ייִדישע קנעכט!"

האָט משה געפילט אַז ער מוז עס אַזוי טאָן. און ער איז אַוועק צוריק אין לאַנד מצרים. צוזאַמען מיט זײַן עלטערן ברודער אהרן איז ער געקומען צו פּרעהן:

„לאז ארויס די ייִדן!"

אָבער פּרעה האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן צו משהס רייד. האָט משה געוויזן וואונדער און זײַן שטעקן איז געוואָרן אַ שלאַנג און פון אַ שלאַנג — ווידער געוואָרן אַ שטעקן. אָבער פּרעה האָט אַלץ ניט געוואָלט זיך צוהערן צו משהס רייד.

און פּרעה האָט נאָך שווערער געמאַכט דאָס לעבן פון די ייִדישע קנעכט. צו מאַכן ציגל דאַרף מען שטרוי. פריִער האָט מען די קנעכט געגעבן שטרוי. איצט האָט מען זיי געזאָגט: „גייט און זוכט זיך אַליין שטרוי! אָבער די צאָל ציגל וואָס איר מוזט מאַכן זאָל בלײַבן ווי געווען!"

און פּרעה האָט געזאָגט:

„ייִדן זײַנען פויל. זאָלן זיי אַרבעטן שווערער, וועלן זיי פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן פרײַהייט!"

***

האָט גאָט געשטראָפט מצרים. פון אַלע וואַסערן און אַלע טײַכן איז געוואָרן בלוט. אַלע פיש זײַנען אויסגעשטאָרבן. אָבער פּרעה האָט אַלץ ניט געוואָלט באַפרײַען די ייִדן.

האָט גאָט געשטראָפט מצרים מיט פרעש. פרעש האָבן גענומען קריכן אין אַלע הײַזער, אין די בעטן, אין די אויוונס, אין די עסנס. האָט פּרעה געזאָגט, אַז ער וועט באַפרײַען די ייִדן. אָבער ווי נאָר די פרעש זײַנען אויסגעשטאָרבן, האָט פּרעה ווידער זיך ניט צוגעהערט צו משהס רייד.

נאָך דעם זײַנען געקומען אויף דעם לאַנד מצרים: גיפטיקע פליגן און שלעכטע קראַנקייטן, אַ האָגל און אַ היישעריק און נאָך אַנדערע שטראָפן. פּרעה האָט אַלע מאָל צוגעזאָגט צו באַפרײַען די ייִדן. אָבער ווי נאָר עס איז בעסער געוואָרן, האָט ער ווידער זיך ניט צוגעהערט צו משהס רייד.

איז געוואָרן אַ גרויסע פינצטערניש איבער דעם לאַנד מצרים. איינער האָט דעם צווייטן ניט געקענט זען. מען האָט ניט געקענט זיך אויפהייבן פון אָרט. נאָר בײַ ייִדן איז געווען ליכטיק. און ווען פּרעה האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט באַפרײַען די ייִדן, איז געקומען אַ טויט אויף אַלע ערשט-געבאָרענע אין לאַנד מצרים.

אין יעדער פאַמיליע איז געשטאָרבן דער עלטסטער זון! אויך פּרעהס עלטסטער זון, וואָס האָט געזאָלט זיצן אויף זײַן טראָן, איז געשטאָרבן.

אין אַלע הײַזער פון די מיצרישע אונטערדריקערס האָט מען געקלאָגט און געוויינט.

אָבער אין די ייִדישע פאַמיליעס איז קיינער ניט געשטאָרבן. דער טויט האָט אַריבערגעשפּרונגען איבער די ייִדישע הײַזער. דערפאַר טאַקע האָט שפּעטער דער יום־טובֿ געקראָגן דעם נאָמען פּסח. ווײַל פּסח הייסט — אַריבערגעשפּרײַזט, אַריבערגעהיפּט.

און פּרעה איז אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט. און ער האָט גע־רופן משהן און געזאָגט:

„שטייט אויף און גייט אַלע אַרויס פון מצרים! גייט וואָס גיכער אַרויס!"

און אַלע מיצרישע אונטערדריקערס האָבן געזאָגט צו די ייִדישע קנעכט:

„גייט וואָס גיכער אַרויס פון מצרים, אַניט וועלן מיר אַלע אויס־שטאַרבן!"

***

און די ייִדישע קנעכט זײַנען אַרויס פון דעם לאַנד פון קנעכטשאַפט.

זיי האָבן געמוזט אויף גיך אַרויסגיין, האָבן זיי ניט געקענט צו־גרייטן שפּײַז. זייער טייג האָט ניט באַוויזן זויער צו ווערן. האָבן זיי פון דעם ניט געזײַערטן טייג געבאַקן מצות, דאָס הייסט ניט געזײַערטע ברויט. דערפאַר טאַקע עסן ייִדן דעם יום־טובֿ פּסח — מצות, אַזוי ווי זייערע עלטערן וואָס זײַנען אַרויס פון קנעכטשאַפט צו פרײַהייט.

און משה האָט געפירט די באַפרײַטע קנעכט. און זיי זײַנען גע־גאַנגען די גאַנצע נאַכט. דאָס איז געווען די נאַכט פון באַפרײַאונג. און אין אָט דער נאַכט פּראַוועט מען איצט יאָר־אײַן יאָר־אויס דעם סדר.

און משה האָט געוואָלט וואָס ווײַטער אַוועקפירן די ייִדן פון דעם לאַנד פון זייער קנעכטשאַפט. און זיי זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען און געקומען ביזן ברעג פון ים סוף.

אָבער ווען עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר טעג, האָט פּרעהן פאַרדראָסן, פאַר וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן די ייִדישע קנעכט. זיי האָבן דאָך אַזוי פיל געאַרבעט פאַר אים! האָט פּרעה גענומען זײַנע בעסטע פערד און זײַנע בעסטע רײַטערס און ער האָט נאָכגעיאָגט די ייִדן.

די ייִדן זײַנען געגאַנגען צו פוס, מיט פרויען און מיט קליינע קינ־

דער; האָבן פּרעהס רײַטערס זיי אָנגעיאָגט. און זיי האָבן אָנגעיאָגט די ייִדן בײַם ברעג פֿון ים סוף.

און ווי פּרעה איז געקומען נעענטער מיט זײַנע רײַטערס, האָבן די ייִדן זיי געזען און האָבן זיך געשראָקן און האָבן געזאָגט צו משהן:

„וואָס האָסטו אונדז אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים מיר זאָלן שטאַרבן אָט דאָ?"

האָט משה געזאָגט צו די באַפֿרײַטע קנעכט:

„שרעקט זיך ניט! הײַנט זעט איר צו לעצטן מאָל אײַערע מצרישע אונטערדריקערס!"

און די ייִדן זײַנען געווען בײַם ברעג ים סוף און פּרעה מיט זײַנע רײַטערס קומט אַלץ נעענטער און נעענטער.

האָט משה אויפֿגעהויבן זײַן שטעקן און געשפּאָלטן דעם ים. און די ייִדן זײַנען אַרײַן אין ים ווי אויף דער טריקעניש. און די וואַסערן זײַנען געווען אַזוי ווי אַ מויער פֿון דער רעכטער זײַט און אַזוי ווי אַ מויער פֿון דער לינקער זײַט.

און פּרעה און די מיצרישע אונטערדריקערס האָבן נאָכגעיאָגט און אַלע זייערע רײַטערס זײַנען אַרײַן אין ים. אָבער די וואַסערן האָבן זיך אומגעקערט און האָבן צוגעדעקט פּרעהן און זײַנע רײַטערס. קיין איינ-ציקער איז פֿון זיי ניט געבליבן!

האָבן ייִדן זיך זייער געפֿרייט. איצט האָבן זיי שוין געוואוסט אַז זיי זײַנען באַפֿרײַט, באַפֿרײַט אויף שטענדיק, אויף אייביק. און מרים, משהס שוועסטער, האָט גענומען אַ פּויק און אָנגעהויבן צו טאַנצן און צו זינגען און אַלע פֿרויען נאָך איר:

„זינגט צו גאָט,
אונדזער הילף איז גאָט,
דאָס פֿערד און זײַן רײַטער
האָט ער געוואָרפֿן אין ים!"

***

און די באַפֿרײַטע ייִדן האָבן נאָך דעם געוואַנדערט אין מדבר און משה איז געווען זייער פֿירער. און משה האָט אָנגעזאָגט ייִדן:

„היט אָפּ דעם יום-טובֿ פּסח!"

און זיי היטן אָפּ דעם יום-טובֿ פּסח. און דאָס איז דער יום-טובֿ

פון באַפרײַאונג, דער יום־טובֿ פון ווערן אויס קנעכט. דאָס איז דער יום־טובֿ פון פרילינג, דער יום־טובֿ פון אַ סך פרייד.

ווען מע פּראַוועט דעם סדר, פרעגט דאָס קינד פאַר וואָס איז דער יום־טובֿ. דערציילט מען אים, ווי ייִדן זײַנען געוואָרן פרײַ פון קנעכט־שאַפט אין לאַנד מצרים, און ווי מיר גלייבן אַז ייִדן און אַלע מענטשן וועלן ווערן פרײַ פון אַלע קנעכטשאַפטן.

און מען עסט מצות פּסח — און איר ווייסט שוין פאַר וואָס. און מען עסט בײַם סדר ביטערע גרינסן — ווײַל די מצרישע אונטערדריקערס האָבן ביטער געמאַכט דאָס לעבן פון די ייִדן. און מע טרינקט ווײַן — ווײַל עס איז אַ גרויסער און פריילעכער יום־טובֿ.

יודל מאַרק.

מצרים	יוכבד	מיצריש	יום־טובֿ	סדר
פרעה	מרים	חתונה	פּסח	ים סוף
מורא	משה	אַהרן	מצות	מדבר

וואָס באַטײַט?

1. **מצרים** (מיצראַים) — Egypt. 2. **קנעכט** — slaves. 3. **ציגל** — bricks. 4. **פרעה** (פּאַרע) — אַזוי האָט מען גערופן די קיניגן פון מצרים. 5. **געבענקט** — longed. 6. **קנעכטשאַפט** — slavery. 7. **מורא** (מוירע) — שרעק. 8. **געזעץ** — law. 9. **טײַך** — river. 10. **אַרומגעקלעפּט** — pasted. 11. **שטרעקט** — stretches. 12. **דערבאַרעמט** — רחמנות געהאַט, had pity. 13. **זייגן** — to nurse. 14. **אויפזעער** — overseer. 15. **ראַטעווען** — to save. 16. **געשלעג** — fight. 17. **דערהרגעט** — געטייט, killed. 18. **קערפּער** — body. 19. **זאַמד** — sand. 20. **ריכטער** — judge. 21. **דאָרן** — thorn. 22. **שטעקן** — stick. 23. **שלאַנג** — snake. 24. **שטרוי** — straw. 25. **פרעש** — frogs. 26. **גיפט** — poison. 27. **האָגל** — hail. 28. **היישעריק** — locust. 29. **ערשט־געבאָרענע** — first-born. 30. **אונטערדריקערס** — oppressors. 31. **איבערשפּרײַזן** — איבערגיין. 32. **שפּײַז** — עסנס, foods. 33. **טייג** — dough. 34. **געזײַערטע טייג** — leavened dough. 35. **פּראַוועט** — to celebrate. 36. **ים סוף** — Red Sea. 37. **רײַטערס** — horsemen. 38. **געשפּאָלטן** — **split**. 39. **מויער** — wall. 40. **פּויק** — drum. 41. **מדבר** (מידבאַר) — desert. 42. **גרינסן** — vegetables.

די גילדענע נוס

וואס? איר האט נישט געהערט פון דער גילדענער נוס? שיינע קינדער זײַט איר, אז איר האט נישט געהערט. ווען איך בין געווען א קינד האב איך שוין שיר־שיר נישט געהאט די גילדענע נוס, נאר מײַן שוועסטערל מירעלע האט זיך ארײַנגעמישט און זי, די גילדענע נוס, איז פארשוואונדן פון מיר.

וואס די גילדענע נוס איז, ווילט איר וויסן? איין נוס אזא איז דא אויף דער גאנצער וועלט. זי איז פון לויטער גינגאלד און קײַקלט זיך ממש אונטער אײַערע פיס, נאר איר דארפט זי זען, איר קענט שטיין לעבן איר און זי נישט זען. אזא נוס איז עס.

אז סע איז געקומען פסח האבן מיר, קינדער, געהאלטן אין איין זוכן די גילדענע נוס. עס קען א מאל זײַן א פשוטע נוס זאל גאר זײַן די גילדענע נוס. אז דו ביסט א גוט קינד, פאלגסט טאטע־מאמע, העלפסט די ארעמע מענטשן, קומט דיר די גילדענע נוס גלײַך אין דער האנט ארײַן. ווי נאר דו טראכסט עפעס שלעכטס, אנטלויפט זי פון דיר און דו קענסט זי שוין קיין מאל נישט געפינען.

יענעם פאר־פסח בין איך געווען א גוט יינגעלע. איך האב שטילער־הייט געטראגן מצות צו עטלעכע ארעמעלײַט און שיינדעלען, וואס איז געווען זייער אן ארעם מיידעלע, האב איך געגעבן א קליידעלע אויף פסח. איך האב דאס קליידעלע אויסגעבעטן בײַ דער מאמען און איר אנגעזאגט אז זי זאל קיינעם נישט דערציילן, ווארעם קיינער טאר נישט וויסן אז מע טוט גוטע זאכן.

דאס קליידעלע האב איך אונטערגעווארפן שיינדעלען, זי זאל נישט וויסן, אז איך האב עס איר געגעבן. פארשטייט זיך אז דאס קליידעלע איז געווען מײַן שוועסטער מירעלעס, נאר זי האט געהאט גענוג קליי־דעלעך, וועט עס איר נישט פעלן.

אז ס׳איז געקומען חול המועד פסח, האב איך געשפילט אין ניס מיט די קינדער. אין זיך אליין האב איך געזונגען דאס לידעלע, וואס א קינד דארף זינגען, ווען ער וויל די גילדענע נוס זאל צו אים קומען:

גילדענע נוס,
ברענג מיר א גרוס,
ברענג א שטריק
פול מיט גליק,

נוס ווי אַן איי, גיב זיך אַ ווענד
גיב זיך אַ דריי, מיר אין די הענט...

געגאַנגען איז מיר יענעם טאָג דורך טיר און דורך טויער. איך האָב געוואוגען און געוואונען. די קעשענעס האָב איך אָנגעלייגט פול מיט ניס און איך האָב געדאַרפט געבן מײַן שוועסטער מירעלען אַז זי זאָל האַלטן פאַר מיר די ניס.

צווישן די ניס איז געווען איינע, וואָס אויסגעזען האָט זי ווי אַלע ניס, נאָר זי איז געווען גרעסער און אַז די זון איז געפאַלן אויף איר, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין איר אַזאַ גלאַנץ, ווי גאָלד. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, ווײַל איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז די גילדענע נוס.

וואָלט איך שוין אַוועקגעגאַנגען מיט דער דאָזיקער נוס אין אַ ווינקל און דאָרטן וואָלט זי געוואָרן די בילדענע נוס, נאָר מע טאָר נישט איבערלאָזן אין מיטן דעם שפּילן, אַנישט פאַרשווינדט די נוס פון דיר. שפּיל איך ווײַטער און דער פּנים ברענט מיר. מירעלע, מײַן שוועסטער, איז אויך צעפלאַמט און טאַנצט אַזש אונטער.

דערווײַל קומט שיינדעלע — דאָס מיידעלע וואָס איך האָב אונטערגעוואָרפן מירעלעס קליידעלע. אַ גילדן קעפּעלע האָט שיינדעלע געהאַט, און בלויע אייגעלעך וואָס האָבן געלויכטן ווי קאָרנבלימעלעך, אַז די זון שײַנט אויף זיי. נו, טראַכט איך, איצט וועל איך שוין געווים קריגן די גילדענע נוס, וואָרעם שיינדעלע איז געקומען אויף מײַן מזל.

אין מיטן דערינען הער איך אַ געשריי:

— שיינדעלע, דו טראָגסט מײַן קליידעלע...

דאָס האָט מײַן שוועסטער מירעלע געשריִען. עס איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן און שיינדעלע האָט זיך צעוויינט, אַזוי פאַרשעמט האָט זי זיך.

איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשפּילן און די נוס וואָס איז זיכער געווען די גילדענע האָב איך אויך פאַרשפּילט. דאָס האַרץ האָט מיר אַזוי וויי געטאָן. נאָר מער האָט מיר וויי געטאָן דאָס האַרץ אויף שיינדעלען, וואָס זי איז געווען אַזוי פאַרשעמט...

א. אויערבאַך.

פסח	מצות	חול המועד פסח

אליהו הנביאס כּוס

מאָל האָט געלעבט אַ רײַכער גוטהאַרציקער מאַן מיטן נאָמען עזריאל. זײַן פרוי חנה איז אויך געווען אַזאַ גוטהאַרציקע ווי ער. זייער שטוב איז שטענדיק געווען אָפן פאַר אָרעמע לײַט.

האָט געטראָפן, אַז עזריאל האָט פאַר־לאָרן זײַן געלט און איז געוואָרן זייער אָרעם.

— וואָס וועלן מיר געבן די אָרעמע לײַט, וועלכע קומען צו אונדז? — האָט עזריאל געטראַכט.

— וואו וועלן פסח עסן די אָרעמע לײַט — האָט זיך חנה געערגערט.

„איך וועל אַוועקפאָרן צו מײַנע גוטע פרײַנד און בעטן בײַ זיי הילף" — האָט עזריאל געזאָגט.

צוויי חדשים פאַר פסח איז עזריאל אַוועקגעפאָרן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט חנה דערהאַלטן פון איר מאַן אַ בריוו, אין וועלכן ס'איז געווען געשריבן: „כ'בין דורכ־געפאָרן אַ סך שטעט, כ'האָב זיך געזען מיט מײַנע פרײַנד און פאַרלאַנגט פון זיי הילף. אָבער אַלע האָבן זיך אָפגעזאָגט מיר צו העלפן. פאַרקויף דעם גאָלדענעם בעכער, אליהו־הנביאס כּוס, וואָס איז אונדז פאַרבליבן און קויף אײַן אַלע נייטיקע זאַכן לכּבוד יום־טוב!"

— ניין! — האָט געזאָגט די אומגליקלעכע פרוי און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן — איך האָב ביטחון אין גאָט, און אליהו־הנביאס כּוס וועל איך ניט פאַרקויפן!

איין טאָג, איז צו חנהן אין שטוב אַרײַנגעקומען אַן אַל־טיטשקער. זײַן ווײַסע באָרד האָט געשײַנט ווי שניי אַנטקעגן דער זון און זײַן אויסזען איז געווען זייער שיין.

— אפשר וועל איך קענען פסח בײַ דיר עסן? — האָט דער אַלטיטשקער געפרעגט.

— ניין — האָט די פרוי אומעטיק געזאָגט. — איך האָב

נאָך אַפילו ניט קיין מצות אויף יום־טובֿ. — האָט דער אַלטיטשקער אַרויסגענומען פון זײַן קעשענע אַ גאָלדן רענדל, האָט אים דערלאַנגט חנהן און געזאָגט: „דאָס וועט דיר קלעקן אויף אַלץ וואָס דו דאַרפסט אויף יום־טובֿ".

איז חנה אַוועקגעגאַנגען אין קראָם און האָט געקויפט מצות און ווײַן. אַרויסגייענדיק פון קראָם האָט זי אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע — און צו איר גרויס פאַרוואונדערונג האָט זי געפונען דאָס רענדל. איז זי אַוועק און האָט געקויפט אַלע אַנדערע זאַכן אויף יום־טובֿ און דאָס רענדל האָט זי שפּעטער געפונען בײַ זיך אין קעשענע.

ערבֿ פּסח האָט עזריאל זיך צוריקגעקערט פון זײַן רײַזע. איז ער אַרײַן אין שטוב, האָט ער דערזען ווי די טישן זײַנען פול מיט אַל־דאָס־גוטס און צווישן די כּוסות פּינקלט אליהו־הנבֿיאס כּוס. חנה האָט אים דערציילט וועגן דעם גאָלדענעם רענדל.

פאַר נאַכט איז עזריאל געגאַנגען אין שול. נאָכן דאַוונען האָט ער פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַ פּאָר אָרעמעלײַט אויף פּסח און מען האָט געפּראַוועט אַ פריילעכן סדר. נאָכן בענטשן האָט מען אָנגעגאָסן דעם פערטן כּוס און חנה איז געגאַנגען עפענען די טיר פאַר אליהו־הנבֿיא. פּלוצעם האָט זיך פאַר איר באַוויזן דער זעלבער אַלטיטשקער, וואָס האָט איר געגעבן דאָס גאָלדענע רענדל.

אַ זיסער שלאָף האָט אַרומגענומען אַלעמען, וואָס זײַנען בײַם טיש געזעסן. דער אַלטיטשקער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אויסגעטרונקען דעם כּוס און פֿאַרשוואונדן. חנה האָט אויפֿגעוועקט איר מאַן און אַלע געסט פֿון שלאָף און האָט זיי דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפֿן. האָבן אַלע פֿאַר־שטאַנען, אַז אליהו־הנבֿיא האָט זיך באַוויזן צו חנהן.

בײַ נאַכט האָט עזריאל געזען אין חלום אליהו־הנבֿיאן און האָט אים געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס איז נאָר מײַן פֿרוי באַ־שערט געווען דאָס גליק דיך צו זען?"

האָט אים אליהו געענטפֿערט: „ווײַל ווען דו האָסט זיך געפֿונען אין אַ נויט, האָסטו געוואָלט פֿאַרקויפֿן מײַן כּוס; אָבער דײַן פֿרוי האָט געהאַט ביטחון אין גאָט און דעריבער איז איר באַשערט געווען מיך צו זען, און צוליב דײַן פֿײַנער פֿרוי וועט זיך אומקערן דער מזל צו דיר אין שטוב".

(פֿאָלקס־מעשׂה).

וואָס באַטײַט?

1. כּוס (קאָס) — בעכער. 2. לכּבֿוד (לעקאָוועד) — in honor of. 3. ביטחון (ביטאָכן) — האָפֿענונג, hope. 4. רענדל — coin. 5. ערבֿ (ערעוו) — פֿאַר. 6. אַל־דאָס ־גוטס — דאָס בעסטע וואָס קען זײַן. 7. פֿינקלט — שײַנט. 8. פֿאַרבעטן — אײַנלאַדן, to invite. 9. געפּראַוועט — celebrated. 10. בענטשן — to say grace after meals. 11. פֿאַרשוואונדן — disappeared. 12. אין אַ נויט — in need.

צווישן מענטשן

1. ווען איז דער עולם גרעסער, ווען מע שטייט קאָפּ אויף קאָפּ, צי ווען אַלע האָבן וואו צו זיצן?

2. ווען קען זיך אַ מענטש קיין עצה ניט געבן, ווען ער ווייס וואָס צו טאָן, צי ווען ער ווייס ניט?

3. ווען רעדט אַ מענטש פּוסטע רייד, ווען ער ווייס וואָס ער רעדט, צי ווען ער ווייס ניט?

4. ווען האַנדלט מען אַ מציאה, ווען מע קויפֿט עפּעס ביליק, צי ווען מע קויפֿט עפּעס טײַער?

5. וואָס איז מער — אַ סך מיט גאָרניט, צי אַ סך?

6. ווער טרעפֿט אין פּינטל אַרײַן, דער וואָס זאָגט אַ קלוגע זאַך, צי דער וואָס זאָגט אַ נאַרישקייט?

7. **ווער וועט ניט אָנרירן אַ פליג אויף דער וואַנט, אַ גוטער מענטש, צי אַ שלעכטער?**

8. **אויף וואָס זאָגט מען אַ מעשׂה אָן עק, אויף עפּעס וואָס ציט זיך, צי אויף עפּעס וואָס ענדיקט זיך באַלד?**

9. **ווער טוט אַן אַרבעט אָן הענט און אָן פיס, אַ גוטער באַלמעלאָכע, צי אַ שלעכטער?**

10. **אויף וועמען זאָגט מען די וועלט איז אים ווייניק, אויף איינעם וואָס באַנוגנט זיך מיט ווייניק, צי אויף איינעם וואָס וויפל ער האָט איז אים ניט גענוג?**

אַ פאַמיליען־סדר

פּסח האָט מײַן גאַנצע משפּחה זיך צוזאַמענגעקליבן בײַ דעם זיידן אין שטוב צו פּראַווען דעם ערשטן סדר. עס זײַנען געווען: דער זיידע, די באָבע, צוויי פאָטערס, צוויי מוטערס, פיר קינדער, דרײַ אייניקלעך, איין ברודער, צוויי שוועסטער, צוויי זין, צוויי טעכטער, איין שווער, איין שוויגער, און איין שנור.

עס זעט אויס, ווי בײַם סדר וואָלטן געזעסן 23 מענטשן, אין דער אמתן אָבער זײַנען דאָרטן געווען נאָר זיבן מענטשן. קאָנט איר מיר ווײַזן, ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט פאָרקומען?

שבת־שירה־פייגעלעך

קנעכט זײַנען געווען אונדזערע עלטערן בײַ פּרעהן אין מצרים. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי שווער געאַרבעט. אויך בײַ נאַכט האָבן זיי קיין רו ניט געהאַט. נאָך איידער דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, איז שוין דער אויפזעער מיט דער רוט געקומען: „שטייט אויף, קנעכט, צו דער אַרבעט!"

דאָס פאָלק פאַרלאָזט די געצעלטן, גייט אַוועק אין פעלד אַרײַן צו דער אַרבעט. די מוטערס שטייען אויף, גרייטן צו שפּײַז פאַר זייערע מאַנען, און לאָזן איבער די קינדער אַליין אין די געצעלטן. די עלנטע קינדער זאַמלען זיך צונויף אויפן פעלד און שפּילן זיך. זיי זעען, ווי גאַנצע מחנות פייגל פליִען אַרום מיט אַ הילכיקן געזאַנג אונטערן בלויען הימל. אָפט מאָל לאָזן זיך די פייגל אַראָפּ אויף דער ערד, און די קינדער וואַרפן זיי צו שטיקלעך ברויט. די פייגעלעך דערציילן זיי וועגן דעם שיינעם

לאַנד וואָס געפינט זיך אויף יענער זײַט באַרג; פון די טײַכן וואָס פליסן דאָרט; פון די בלומען וואָס בליִען אַזוי שיין. און זיי זינגען פריילעכע לידער פון פרײַהייט.

שטיל הערן זיך די קינדער צו און פרעגן: „זאָגט אונדז, ליבע פייגעלעך, זײַט איר פרײַ, אָדער איר לעבט אין קנעכטשאַפט?"

און די פייגעלעך ענטפערן מיט פרייד: „פרײַ זײַנען מיר, ליבע קינדער! וואוהין מיר ווילן, פליִען מיר. ניטאָ קיין בעסערע זאַך פון פרײַהייט! האָט ליב, קינדער די פרײַהייט, און אַז איר וועט גרעסער ווערן, זאָלט איר זען זיך צו באַפרײַען פון אײַער קנעכטשאַפט". אַזוי האָבן די פייגל געזונגען.

אַמאָל אין אַ שיינעם פרילינג־פרימאָרגן זײַנען די פייגעלעך געקו־מען צו פליִען צו זייערע גוטע פרײַנד און האָבן דערזען, ווי די ייִדן שטייען אָנגעטאָן, גרייט אין וועג אַרײַן. זיי שטייען מיט די שטעקנס אין די הענט און אײַלן זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואו זיי זײַנען קנעכט געווען; און די פנימער זייערע זײַנען געווענדט צו דעם שיינעם לאַנד, וואָס אויף יענער זײַט באַרג.

די קינדער האָבן דערזען די פייגל און אויסגערופן מיט גרויס פרייד:

— פרײַ זײַנען מיר, ליבע פייגעלעך! מיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט!

און די פייגל האָבן געענטפערט מיט פריילעכן געזאַנג, ווי זיי וואָלטן געגריסט די קינדער אויף דעם וועג פון פרײַהייט און גליק.

און אַ מינהג איז דערפאַר בײַ ייִדן פאַרבליבן: אַלע שבת־שירה וואַרפט מען פאַר די הנונגעריקע פייגעלעך שטיקלעך ברויט און קערנער. (מדרש).

וואָס באַטײַט?

1. **שבת־שירה** (שאַבעס־שיראַ) — דער שבת פון געזאַנג; אַזוי רופט מען דעם שבת ווען מען לייענט פון חומש דאָס געזאַנג וועגן דעם ווי די ייִדן האָבן זיך באַפרײַט פון מצרים. 2. **מאָרגנשטערן** — morning star. 3. **מחנות** (מאַכנעס) **פייגל** — flocks of birds. 5. **געווענדט צו** — turned to. 5. **מינהג** (מינהעג) — custom.

שבֿועות

דינע, קלײנע צװײַגעלעך
אין די אָרעמע שטיבער
הענגען פֿון דער היך אַראָפּ
גרינער נאָך און ליבער.

נאָכגעמאַכטע פֿײגעלעך
אין דער היך זיך ציִען,
רירן זיך אויף פֿעדעמער,
דאַכט זיך, אַז זײ פֿליִען.

בײַ די פֿענצטער און די װענט
ביז אין היך, אין לופֿטן —
בלומען פֿון געפֿאַרבט פּאַפּיר,
דאַכט זיך, אַז זײ דופֿטן.

בלימעלעך און צװײַגעלעך,
װאו דײַן בליק נאָר װאַנדלט,
װערט אַן אָרעם שטיבעלע
אין אַ סאָד פֿאַרװאַנדלט...

און פֿון פֿענצטער — קוק אַרוים —
װײַטע פֿעלדער ליגן,
און פֿון װײַטע פֿעלדער ציט
שטיל פֿון רות דער ניגון...

אַברהם רײזען.

װאָס באַטײַט?

1. צװײַגעלעך — branches. 2. נאָכגעמאַכטע — imitation of. 3. פֿעדעמער — threads. 4. דופֿטן — to smell. 5. װאַנדלט — קומט. 6. סאָד — orchard. 7. פֿאַרװאַנדלט — געװאָרן. 8. ניגון (ניגן) — melody.

פֿראַגעם:

1. פֿאַר װאָס האָבן ייִדישע קינדער ליב געהאַט שבֿועות? 2. װי פֿלעגט מען באַפּוצן די ייִדישע שטיבער? 3. װאָס איז די געשיכטע פֿון רות? 4. װאָס פֿאַר אַ יום-טובֿ איז שבֿועות?



אַ מילכיקע סעודה

א.

שרה־פייגע שטייט אין קיך לעבן קיכטיש. אויפן טיש איז אויסגעשטעלט אַ טאָפּ פּוטער און אַ שטיקל קעז און לעבן איר שטייען אירע צוויי קינדערלעך, יאָסעלע און רייזעלע.

— נו, קינדערלעך, וועלן מיר עם הײַנטיקן שבֿועות האָבן מילכיקע קנישעס! אַזאַ פּוטער, אַזאַ קעז האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט, אַזאַ פרישקייט, עס שמעקט אַזש!

און יאָסעלע מיט רייזעלען האָבן אַזוי ליב קנישעס, אַז נאָך אַ צײַט פאַר שבֿועות האָבן זיי געלעבט מיט דעם געדאַנק, וואָס די מאַמע וועט מאַכן שבֿועות אַ מילכיקע סעודה.

און איצטער זעען זיי מיט זייערע אייגענע אויגן, טאַקע אויף דער אמתן, דעם קעז, וואָס זעט אוים פון שיסל ווי זילבער, און די פּוטער, וואָס שײַנט אַרוים פון טאָפּ. זיי זעען די מאַמע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, ווי מיט אַ טייגלאָז שנײַדט זי אוים פון דעם גרויסן בלאַט טייג קײַלעכדיקע טייגלעך און לייגט אַרײַן קעז און פאַרקלעפּט אַזוי קונציק. באַלד וועלן זיי אַריבערגיין אין גליִענדיקן אויוון, דער טאַטע וועט באַלד קומען און מע וועט זיך זעצן צו דער מילכיקער סעודה.

ב.

— קינדערלעך! — רופט זיך פּלוצעם אָן די מאַמע — לויפט אַריבער צו לאה דער שכנטע און זאָגט איר, אַז איך האָב זי געבעטן לײַען פאַר אונדז אַ בעקן.

די קינדערלעך זײַנען ווי צוויי פייגעלעך רעשנדיק אַוועקגעפלויגן.

— איך אַליין וועל טראָגן דעם בעקן, איך דאַרף ניט רייזעלען.

— איך וועל טראָגן, איך דאַרף ניט יאָסעלען.

— קריגט זיך ניט, טראָגטביידע — שרייט זיי נאָך די מאַמע — קריגט זיך ניט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך געהערט, ווי יאָסעלע מיט רייזעלען גייען צוריק מיט פּאַראַד און מיט מוזיק.

ביידע טראָגן דעם בעקן און מיט צוויי שטעקעלעך פּויקט מען אויס אַ גאַנצן מאַרש אויף דעם בעקן, און מיט די מײַלעכלעך העלפט מען צו, ווי מיט אַ טרובע און אַ פלייט.

דאָס פּויקן אין בעקן און דאָס טראָמפּייטן מיט די מײַלעכלעך האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין געסל. מען האָט געמיינט, אַז סאָלדאַטן מיט מוזיק קומען אָן אין שטעטל.

דאָס גאַנצע געסל קינדער זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן, און יעדער, ווער עס האָט נאָר געקאָנט זיך צורוקן צו דעם בעקן, האָט געגעבן אַ פּויק. דער מיט אַ שטעקל, דער מיט אַ שטיינדל און דער מיט אַ פויסט.

יאָסעלע און רייזעלע זײַנען געגאַנגען מיט דעם בעקן פּאָרויס, לעבן זיי איז אויסגעוואַקסן עפּעס אַ לאַנג בחורל מיט אַ ניט־אָפּגעווישט נעזל און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אָפיציר.

ער האָט אַ געשריי געטאָן, אַלע קינדער זאָלן זיך אויסשטעלן ווי סאָלדאַטן, דערנאָך האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: מאַרשש!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּויקן איבער דעם בעקן מיט אַ צושפּיל מיט די מײַלער. דער ווי אַ טרובע, דער ווי אַ קלאַרנעט און דער האָט מיט צוויי שטעקעלעך געשפּילט ווי אַ פידל.

ווער ווייס ביז וואַנען עס וואָלט אַזוי געדויערט דער „מאַרש" מיט דעם פּויקן, ווען ס'קומט ניט פּלוצעם אָן שׂרה־פייגע. זי איז שוין פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם קלעפּן די קנישעס, איז זי אַרויסגעלאָפן און אַרויסגעכאַפּט בײַ די „סאָלדאַטן" דעם בעקן.

ג.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיך אין געסל געהערט געשרייען. דאָס האָבן זיך געקריגט שׂרה־פייגע מיט דער שכנטע.

— איבער אײַער בעקן האָב איך דאָס אַ פאַרשטערטן יום־טובֿ, איר האָט מיר געשיקט אַ בעקן מיט אַ לאָך. די פּוטער איז אויסגערונען און אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן.

דאָס האָט געשריִען שׂרה־פייגע, לאה די שכנטע האָט אָבער געטענהט:

— די לאָך האָט איר געמאַכט, איך האָב געוואָלט זײַן אַ גוטע און אײַך געליִען דעם בעקן. איך האָב אײַך געגעבן אַ גאַנצן בעקן — איר האָט מיר אָפּגעגעבן אַ צעלעכערטן.

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק, אַזאַ קעז מיט פּוטער איבערגעפּירט.

— האָט שׂרה־פּייגע ניט געקאָנט פאַרגעסן.

***

יאָסעלע מיט רייזעלען האָבן זיך פאַרקליבן ערגעץ ווײַט אין אַ ווינקל. זיי האָבן גוט געוואוסט, פון וואַנען עס נעמט זיך די לאָך, און האָבן באַקלאָגט די פאַרברענטע קנישעס.

— דו ביסט שולדיק, — האָט יאָסעלע זיך געברוגזט אויף רייזעלען, — איך אַליין האָב געוואָלט טראָגן דעם בעקן.

— ניין, דו, איך האָב געוואָלט טראָגן דעם בעקן.

מ. ספּעקטאָר.

וואָס באַטײַט ?

1. סעודה (סודע) — מאָלצײַט. 2. פאַרקאַטשעטע — אַרויפגעדרייטע, turned up. 3. בלאַט טייג — sheet of dough. 4. קײַלעכדיקע — רונדע. 5. גליִענדיקן — ברענענדיקן. 6. בעקן — pan. 7. רעש (ראַש) — טומל. 8. פויקט — קלאַפּט. 9. טרובע — trumpet. 10. פּלייט — flute. 11. איבערגעפּירט — got spoiled. 12. געברוגזט (געברויגעזט) זיך — זיך געבייזערט.

שבועות	סעודה	שכנטע	רעש	יום־טוב

פראַגעס:

1. וואָס האָט די מאַמע צוגעזאָגט יאָסעלען מיט רייזעלען ? 2. פון וואַנען האָבן די קינדער געוואוסט, אַז די מאַמע וועט האַלטן וואָרט ? 3. וואָס האָט די מאַמע געבעטן די קינדערלעך ? 4. וואָס איז געשען אין גאַס, ווען די קינדער האָבן זיך אומגעקערט מיטן בעקן ? 5. פאַר וואָס האָבן זיך בײַדע שכנות צעקריגט ? 6. וואָס האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע פאַרגעוואָרפן ? 7. פאַר וואָס איז דער מאַמעס אומגליק געווען אַזוי גרוס ? 8. ווער איז אין דער אמתן געווען שולדיק ? 9. וואָס האָבן יאָסעלע מיט רייזעלען איצט געטאָן ? 10. וואָס פאַר אַ שטראָף האָבן די קינדער באַקומען ?

וועגן יידישע יום־טובים

פרעג און ענטפער:

ענטפער מיט אַ זאַץ.

וועןן בלאָזט מען שופר? ——

וועןן זיצט מען אין סוכּה? ——

וועןן גייט מען מיט שׂמחת־תּורה פֿענער? ——

וועןן לייענט מען די מגילה? ——

וועןן צינדט מען ליכטלעך? ——

וועןן שלאָגט מען המנען? ——

וועןן זיצט מען בײַם סדר? ——

וועןן זאָגט מען לשנה טובֿה? ——

וועןן באַפּוצט מען די הײַזער מיט גרינס? ——

ענטפערס:

פּורים, חנוכּה, ראש־השנה, פּסח, סוכּות, שׂמחת־תּורה, שבֿועות.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

פֿאַרגלײַכט די ענגלישע אויסדרוקן מיט די יידישע און מערקט זיך דעם אונטערשייד.

1. What time is it?	1. ווי שפּעט איז עס? וויפֿל איז דער זייגער?
2. Your watch is *fast*.	2. אײַער זייגער לויפֿט.
3. Your watch is *slow*.	3. אײַער זייגער קריכט.
4. A quarter past six.	4. אַ פֿערטל נאָך זעקס.
5. Your watch is *two* minutes *fast*.	5. אייער זייגער לויפֿט אין צוויי מינוטן.
6. My watch keeps good time.	6. מיין זייגער גייט גוט.
7. My watch is right to the minute.	7. מיין זייגער גייט אויף דער מי־נוט.
8. Did you *set* (regulate) your watch?	8. האָט איר אָנגעשטעלט אײַער זייגער?
9. Did you *wind* your watch?	9. האָט איר אויפֿגעצויגן אײַער זייגער?
10. What day of the month is it?	10. דער וויפֿלטער איז הײַנט?
11. You are *late*.	11. דו ביסט געקומען שפּעט. האָסט זיך פֿאַרשפּעטיקט.
12. He came *in time*.	12. ער איז געקומען צו דער צייט.
13. I shall come *on Tuesday*.	13. איך וועל קומען דינסטיק.



אַ יידישע מיידל און וואַשינגטאָן

1.

דער טאַטע איז שוין פינף יאָר ניטאָ אין דער היים. ער איז אַוועק מיט די פּאַטריאָטן און קיינער ווייס ניט צי ער לעבט נאָך. די מאַמע איז געשטאָרבן, ווען רבֿקה איז נאָך געווען גאָר אַ קליינע. איז זי בײַ דער באָבען.

און די באָבע איז אַן אַלטע און אַ קראַנקע. זינט דער טאַטע איז ניטאָ קלאָגט זי און וויינט. זי שלאָפֿט ניט גאַנצע נעכט. אָפֿט מאָל זאָגט זי:

— ווען איך וואָלט געוואוסט אַז מײַן שמעון לעבט שוין ניט, וואָלט מיר אפשר בעסער געווען ווי עס איז מיר איצט. דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן וואַרטנדיק. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?!

— ווייסט וואָס, באָבע? — רופֿט זיך איין מאָל אָפּ די צוועלף־יאָריקע רבֿקה — לאָז מיך פֿאָרן קײַן פֿילאַדעלפֿיע; דאָרטן וואוינט חיים סאָלאָמאָן. וועל איך אים בעטן, וועל איך בעטן אַנדערע חשובֿע ייִדן דאָרטן, זיי זאָלן מיר העלפֿן זיך צו דערוויסן וואו דער טאַטע געפֿינט זיך.

— ווי קענסטו, אַזאַ קליינע מיידל, פֿאָרן אַליין קײַן פֿילאַדעלפֿיע? ניין, איך וועל דיך ניט לאָזן!

די איינציקע ייִדישע פֿאַמיליע אין דעם קליינעם שטעטל לאַנקאַסטער, פּענסילווייניע, האָט גוט געלעבט מיט אַלע קריסטלעכע שכנים. איינער פֿון די שכנים האָט גראָד זיך געקליבן קײַן פֿילאַדעלפֿיע. ער האָט גע־דאַרפֿט אַוועקפֿירן אַ וואָגן תּבֿואה און ער האָט צוגעזאָגט רבֿקהן אַז ער וועט זי מיטנעמען. רבֿקה האָט זיך אַזוי לאַנג געבעטן בײַ דער

באַבען, אַז זי האָט זי געלאָזן פאָרן. אַן אויסגעמאַטערטע פון וועג און אַ פאַרפראַרענע איז רבֿקה אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט פילאַ־דעלפיע.

אַלע האָבן געוואוסט וואו חיים סאַלאָמאָן וואוינט, איז דאָס נאָכ־פרעגן זיך אָנגעקומען גרינג. אָט שטייט שוין רבֿקה פאַר דער טיר. אָט עפנט מרס' סאַלאָמאָן די טיר און זאָגט איר אַז איר מאַן איז איצט ניטאָ אין דער היים, אָבער אַזוי ווי זי איז געקומען פון ווײַט, זאָל זי אַרײַנגיין און וואַרטן אויף אים.

אין ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער פאָטערשטול. רבֿקה איז אויף אים אײַנגעשלאָפן. ווען אין אַ ווײַלע אַרום האָט מרס' סאַלאָמאָן זי געפונען אַ שלאָפנדיקע, האָט זי צוגעדעקט זי מיט אַ טוך.

.2

רבֿקה כאַפּט זיך אויף און הערט שטימען. זי זעט — עס ברענען לאָמפּן אין זאַל. מסתמא איז שוין שפּעט. זי וויל אויפשפּרינגען פון איר אָרט און זאָגן ווער זי איז און וואָס זי וויל. זי שעמט זיך אָבער און וויל ניט שטערן די מענטשן. הערט זי דערווײַל אַזאַ שמועס:

— וועמען קען מען איצט גלייבן נאָך דעם ווי בענעדיקט אַרנאָלד האָט אָפּגענאַרט?!

— אָבער מע מוז איבערגעבן דעם גענעראַל וואַשינגטאָן דאָס וואָס מיר וויסן!

— קיינער פון אונדז קען דאָך ניט גיין, מע קען אונדז, מע וועט איינעם פון אונדז גלײַך כאַפּן! וועמען שיקט מען? וועמען קען מען אָנטרויען?

די מיידל פון דעם קליינעם שטעטל שפּרינגט אויף פון איר שטול:

— „שיקט מיך! שיקט מיך, מר' סאַלאָמאָן! איך וויל גיין צו גענעראַל וואַשינגטאָן און זיך נאָכפרעגן אויפן טאַטן!"

אַלע מענער אין זאַל זײַנען זייער פאַרוואונדערט. אָבער רבֿקה דער־ציילט זיי, ווי אַזוי זי קומט אַהער און ווי איר פאָטער איז מיט פינף יאָר צוריק אַוועק צום גענעראַל וואַשינגטאָן און איצט פאָרט זי זוכן איר פאָטער. און זי זאָגט צום סוף:

— שיקט מיך! אַ קליינע מיידל וועט מען ניט חושד זײַן! איך וועל איבערגעבן וואָס איר ווילט דעם גענעראַל.

— ניין — רופט זיך אָפּ חיים סאָלאָמאָן — מע קען ניט שיקן אַ מיידל איינע אַליין אויף אַזאַ געפערלעכן וועג.

— וועל איך זיך איבערטאָן פאַר אַ יינגל! — רופט אויס רבֿקה — איך וועל זײַן אָנגעטאָן ווי אַ יינגל פון אַ דאָרף וואָס גייט פאַרקויפן אייער, קיינער וועט ניט חושד זײַן אַז אַזאַ דאָרפסיינגל דאַרף וואָס איבערגעבן דעם גענעראַל.

און אַזוי איז טאַקע געבליבן בײַ חיים סאָלאָמאָן און זײַנע פרײַנד. מרס׳ סאָלאָמאָן האָט איר אָפּגעשאָרן די לאַנגע שוואַרצע צעפּ און חיים סאָלאָמאָן האָט אַזוי פיל מאָל איר איבערגעזאָגט דאָס וואָס זי דאַרף דערציילן דעם גענעראַל וואַשינגטאָן, ביז זי האָט עס גוט געקענט אויף אויסווייניק. אויף מאָרגן איז רבֿקה אַוועק פון פילאַדעלפיע, אָנגעטאָן אין אָרעמע דאָרפישע קליידער און פאַרשטעלט ווי אַ יינגל.

.3

דער וועג צו וואַשינגטאָנס לאַגער איז דורך אָן שום געפאַרן. קיינער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט גענעכטיקט בײַ פאַרמערס און זיי דערציילט אַז איר פאָטער איז אַ רעוואָלוציאָנער אָדער אַ טאָרי — אָבער פריער האָט זי זיך דערוואוסט מיט וועמען עס האַלט דער פאַרמער. געוויסע טעג, ווען זי האָט געהאַט גוט צו עסן, געוויסע טעג ווען זי האָט געלעבט נאָר מיט קאַרטאָפל, וואָס זי האָט אויסגעגראָבן פון פעלד און נעבראָטן אויף אַ פײַער בײַם וועג.

אָט שטייט זי שוין פאַר גענעראַל וואַשינגטאָן. ער הערט זייער גוט אויס די ווערטער פון דעם יונגן שליח און זאָגט:

— יאָ, חיים סאָלאָמאָן און זײַנע פרײַנד זײַנען גערעכט! אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק!

איצט האָט רבֿקה דערציילט ווער זי איז און זיך נאָכגעפרעגט אויף איר פאָטער.

— איך געדענק זייער גוט דײַן פאָטער! — זאָגט וואַשינגטאָן גאָר פרײַנדלעך — אַזוי ווי די אַנדערע יידן וואָס דינען בײַ מיר איז ער געווען זייער אַ העלדישער און אַ וואַוילער, אָבער שוין עטלעכע יאָר ווי ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. קען זײַן אַז ער איז אין געפאַנגענשאַפט און ער וועט נאָך צוריקקומען אַהיים.

רבֿקה איז געווען זייער טרויעריק. אויב גענעראַל וואַשינגטאָן קען איר ניט זאָגן וואו דער טאַטע אירער געפינט זיך — ווער וועט עס איר זאָגן? ווי אַזוי וועט זי צוריקקומען אַהיים צו דער קראַנקער באָבען מיט גאָרנישט?

ווען זי האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן און איז געווען זאַט און אָפּגע־רוט, האָט זי דער גענעראַל ווידער אַרײַנגערופן און זי געבעטן אויפן וועג צוריק איבערגעבן פאַר אים אַ וויכטיקע זאַך אַ הייסן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט וואָס לעבט צווישן די טאָרים און וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ טאָרי. רבֿקה האָט אויסגעלערנט אויף אויסווייניק וואָס זי דאַרף דער־ציילן, אָבער דער גענעראַל האָט עס אויך אָנגעשריבן אויף אַ קליין צעטעלע און דאָס צעטעלע האָט רבֿקה פאַרנייט אין היטל, טאָמער וועט זי עפּעס פאַרגעסן, ווײַל דער אינהאַלט איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. בײַם געזעגענען זיך האָט גענעראַל וואַשינגטאָן געזאָגט:

— גיי געזונטערהייט, קליינע יידישע מיידל פון לאַנקאַסטער! און ווען דו פירסט דורך וואָס איך האָב געבעטן, שווער איך, אַז דו וועסט אויף דײַן חתונה טאַנצן אין אַ קלייד וואָס מרס' וואַשינגטאָן וועט פאַר דיר אויפנייען.

4.

דער וועג צוריק איז געווען אַ סך שווערער. עס האָבן זיך אָנגע־הויבן די האַרבסטיקע רעגנס. עס איז אַ פּאָר מאָל אויסגעקומען צו נעכטיקן אין פעלד. רבֿקהן האָט זיך די גאַנצע צײַט געדאַכט אַז מע גייט איר נאָך. זי האָט אָפט געהונגערט, אָבער זי איז געגאַנגען אַלץ נעענטער צום לאַגער פון די טאָרים וואו זי דאַרף געפינען וואַשינגטאָנס פאַרשטעלטן פרײַנד.

איין מאָל איז זי אין אַ קאַלטן טאָג געקומען שפּעט אין אָוונט צו אַ וואַלד. האָט זי בײַם ראַנד וואַלד געמאַכט אַ פײַער, זיך אַ ביסל אָנ־געוואַרעמט און געוואָלט אַרויפקריכן אויף אַ בוים דאָרטן איבערצונעכ־טיקן, ווײַל די ערד אַרום איז געווען נאַס. אָבער פּלוצעם איז פון הינטער אַ שטאַם פון אַ בוים אַרויס אַן אינדיאַנער מיט אַ ביקס אין האַנט. רבֿקה האָט פאַרשטאַנען, אַז מסתמא איז ער איר נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צײַט. זי האָט געזען אַז זי איז אין זײַנע הענט. ווען ער האָט אויף אַ געבראָ־

בענעם ענגליש איר געהייסן גיין און געוויזן די ריכטונג וואוהין צו גיין, האָט זי ניט געפּרואווט אַנטלויפן.

דער אינדיאַנער האָט זי אַזוי געפירט אַ גאַנצע נאַכט. ווען עס איז געקומען דער פרימאָרגן איז רבקה אַ הונגעריקע און אַ פאַרמאַטערטע געשטאַנען פאַר אַן ענגלישן גענעראַל. האָט רבקה דערציילט:

זי איז אַ יתום, די גאַנצע פאַמיליע וואָס איז געווען געטריי ענגלאַנד איז אומגעקומען פון די פאַרשאָלטענע אַמעריקאַנער רעבעלן; גייט זי איצט צו אַ ווייטן קרוב.

אָבער דער אינדיאַנער האָט אויף זיין מאָדנעם ענגליש געזאָגט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי דער יינגל האָט פאַרלאָזן וואַשינגטאָנס לאַגער און איז אים נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג אַהער... רבקה איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און פלוצעם אויפגעריסן דאָס היטל און גע־נומען קייען דאָס צעטעלע פון דאָרטן. קיינער פון די ענגלענדער האָט עס ניט באַמערקט. אָבער דער אינדיאַנער האָט אויסגערופן:

— ער עסן געשריבענע!

דאָס צעטעלע איז שוין געווען אַרונטערגעשלונגען. דער ענגלישער גענעראַל האָט זיך צעשריגן:

— סאַראַ פאַרשאָלטן לאַנד, וואו קליינע יינגלעך זיינען שפּיאָנען! איצט, בחור מיינער, דערצייל מיר, פאַר וועמען איז געווען דאָס צע־טעלע און וואָס איז דאָרטן געווען געשריבן!

— איך ווייס ניט — האָט רבקה געענטפערט — וואָס אין צעטעלע איז געווען.

— אָבער דו ווייסט דאָך צו וועמען עס איז געווען געשיקט?

— איך האָב פאַרגעסן — האָט רבקה רואיק געענטפערט.

אָבער דאָ איז פלוצעם געשען אַ מאָדנע זאַך. פון דעם צווייטן צי־מער דערהערט זי גאָר קלאָר אַ ברכה. זי גיט זיך אַ ריס צו דער טיר, זי בלייבט שטיין ווי געליימט — ביים טיש זיצט איר טאַטע! ער הייבט אויף די אויגן, אָבער ער דערקענט זי ניט. זי וויל זיך וואַרפן אין זיינע אָרעמס, אָבער זי כאַפּט זיך צוריק.

— וואָס איז מיטן יונג? איז ער משוגע? — רופט אויס דער ענגלישער גענעראַל.

— מסתּמא איז ער זייער הונגעריק, — גיט איינער אַ זאָג.

— ווען האָסטו געגעסן דאָס לעצטע מאָל? — פרעגט דער גענעראַל.

— נעכטן אין דער פרי — ענטפערט רבֿקה.

— אויב אַזוי — זאָגט דער גענעראַל — פאַרשפּאַרט אים און ער וועט קריגן עפּעס צו עסן, ווען ער וועט דערציילן, צו וועמען ער האָט געטראָגן דאָס צעטל!

5.

ווען מען איז אויף מאָרגן געקומען צו רבֿקהן אין שײַער, וואו זי איז געווען פאַרשפּאַרט, האָט זי געזאָגט, אַז זי איז אַ ייִדישער ייִנגל און זי וויל זיך דורכרעדן מיטן ייִדן וואָס זי האָט אים נעכטן געזען. האָבן די ענגלענדער געקלערט: ס'איז גוט.

דער טאַטע איז אַרײַן אין שײַער. ער זעט פאַר זיך אַ ייִנגל אין שמאַטעס. דער ייִנגל גיט זיך אַ הייב אויף פון אַ בינטל שטרוי און זאָגט אויף ייִדיש-שפּאַניש, דער וועכטער וואָס שטייט בײַ דער טיר זאָל ניט פאַרשטיין:

— איך בין דײַן טאָכטער רבֿקה!

דער ייִדישער געפאַנגענער האָט אַ געשריי געטאָן, אָבער ער איז גיך געקומען צו זיך. און רבֿקה האָט איר פאָטער אויסדערציילט אַלץ וועגן איר לאַנגער רײַזע אויף וועלכער זי האָט זיך געלאָזט אים צו געפינען. נאָך דעם האָט זי אים געפרעגט, ווי אַזוי ער קומט צו די ענגלענדער און וואָס ער טוט בײַ זיי. און ער האָט דערציילט:

— דרײַ זײַנען מיר געגאַנגען אויסקוקן דעם שונא. האָט מען אונדז באַמערקט און געשאָסן אויף אונדז. מײַנע חבֿרים האָט מען דערהרגעט, איך בין אַפּגעקומען מיט אַ וואונד. ווען די ענגלענדער האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז איך קען זיך צונויפרעדן מיט אינדיאַנער (דו ווייסט דאָך אַז איך פלעג האַנדלען מיט זיי), האָבן זיי מיר געגעבן מער פרײַהייט און האַלטן מיך גאַנץ גוט, אָבער מען היט מיך דאָך און מע קוקט מיר נאָך! איך מוז אָבער איצט געפינען אַ מיטל ווי אַזוי דיך אַרויסצוראַטעווען פון זייערע הענט, ווײַל זיי זײַנען איצט זייער בייז איבער די לעצטע מפּלות און זיי וועלן דיך פאַרפּײַניקן! וואַרט און זײַ רואיק. ווען איך וועל קענען, וועל איך דיר ברענגען וואָס צו עסן.

אין צווי טעג אַרום איז דער פֿאָטער אַרײַנגעקומען שפּעט אין אָונט. ווען דער וועכטער האָט מיט אַ לאַמטערן אין האַנט אים געוויזן דעם וועג, האָט ער פּלוצעם אים געגעבן אַ זעץ אין קאָפּ, אַז דער וועכטער איז אַנידערגעפֿאַלן. ער האָט גיך אַראָפּגעשלעפּט פֿון אים די קליידער און אַליין זיך איבערגעטאָן אין זיי. נאָך דעם האָט ער דעם וועכטער געבונדן און אים פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל. פֿאַר דער טאָכטער האָט ער געבראַכט מיידלשע קליידער. רבֿקה האָט זיך איבערגעטאָן. שטילערהייט זײַנען זיי אַרײַן אין אַ קעלער. פֿון דאָרטן איז געווען אַן אונטערערדישער גאַנג וואָס האָט געפֿירט פֿון לאַגער אַרויס.

.6

אין דעם אונטערערדישן גאַנג איז געווען שטאָק פֿינצטער. רבֿקה איז געקראָכן מיט די לעצטע כּוחות: שוין דרײַ טעג ווי זי האָט כּמעט ניט געהאַט געגעסן. זיי קריכן שוין לאַנג. זיי האָבן שוין געדאַרפֿט זײַן אויף דער פֿרײַ.

האָבן זיי פֿאַרבלאָנדזשעט אין דעם גאַנג? אָט איז עפּעס אַ טיר. ווי קומט דאָ אַ טיר? אַ האַלב פֿאַרחלשטע שפּאַרט זיך רבֿקה אָן. די טיר גיט זיך פּלוצעם אָן עפֿן. זיי דערזעען אַ סך ליכט, דערהערן שטימען און געלעכטער. וואו זײַנען זיי?

עס איז שוין שפּעט צו קלערן וועגן אַנטלויפֿן. אויף זייער מזל זײַנען זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם צימער, וואו דער ענגלישער גענעראַל און זײַנע אָפֿיצירן האָבן געהוליעט.

— ווי הייסטו? ווער ביסטו? — האָט אַ געשריי געטאָן דער גענעראַל אויף דעם זעלנער. רבֿקה דערהערט ווי איר פֿאָטער ענטפֿערט מיט אַ פֿאַרשטעלטער שטים.

— דאָס איז דאָך דער ייִד דער איבערזעצער! — רופֿט פּלוצעם אויס איינער פֿון די אָפֿיצירן, און נאָך אַ פּאָר לויפֿן צו צו אים און ווילן אים בינדן.

— טאַטע! טאַטע! — וואַרפֿט זיך רבֿקה העלפֿן דעם פֿאָטער אירן. אָבער ווי האָבן זיי זיך געקענט אַקעגנשטעלן? אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען זיי ביידע געבונדענערהייט געלעגן אין אַ קעלער. איצט האָבן זיי זיך שוין ניט געדאַרפֿט באַהאַלטן אַז זיי זײַנען פֿאָטער און טאָכטער.

אזוי ווי פון רבֿקהן האָט מען געוואָלט אַרויסקריגן דעם נאָמען פון דעם מענטשן, פאַר וועמען זי האָט געהאַט אַ צעטל פון וואַשינגטאָנען, איז מען מיט אַ מאָל געוואָרן גוט צו איר, איר געגעבן צו עסן גוטע שפּייַז און איר צוגעזאָגט אַז מע וועט ניט זייַן שטרענג צו איר פֿאָטער. אזוי זייַנען אַוועק עטלעכע טעג. רבֿקה האָט אָבער גאָרנישט דערציילט וואָס מען האָט געוואָלט זיך דערוויסן פון איר. האָט מען זיי ביידן געבראַכט פאַר אַ מיליטערישן געריכט און ביידן האָט מען פאַרמשפּט צום טויט.

דער פֿאָטער האָט אַרומגענומען די טאָכטער. ער האָט זי געוואָלט טרייסטן, אָבער ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. אַ גאַנצע נאַכט זייַנען זיי געזעסן איינס לעבן אַנדערן. ווען עס וועט ווערן טאָג, וועט מען זיי אַרויספירן און דערשיסן.

עס איז אָבער אַ טומל אין לאַגער. פאַר וואָס שלאָפט קיינער ניט? פון ווייַטן הערן זיי אַ שיסערייַ. אָדער אפשר דוכט זיך עס זיי? מענטשן שרייַען, עס טאָפּען פערד. וואָס קומט פאָר אין לאַגער? פאַר וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג די נאַכט?

עס ווערט שוין אַ ביסל ליכטיקער. אָט וועט מען קומען נאָך זיי. שטיל קושט דער פֿאָטער די טאָכטער, שטיל, אָן ווערטער טוליעט זי זיך צום פֿאָטער. אָט קומט מען באַלד און —

פאַר וואָס איז אַזוי מאָדנע שטיל? עס דאַרף שוין זייַן העלער טאָג. האָט מען זיך פאַרגעסן אָן זיי?

מיט אַ מאָל הערן זיך שטימען, מע קלאַפּט אין טירן, מע ברעכט טירן. ווער ברעכט עס זייער טיר?

7.

אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, פאַר וועלכע די ענגלענדער זייַנען אַנטלאָפן, האָבן פאַרנומען דעם לאַגער. זיי האָבן באַפרייַט דעם יידישן געפאַנגענעם און זייַן טאָכטער. מען האָט זיי אָפּגעפירט צו וואַשינגטאָנען.

יאָרן שפּעטער, ווען רבֿקה האָט זיך געקליבן חתונה צו האָבן, האָט זי אייַנגעלאַדן צו דער חתונה דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און זייַן פרוי. האָט

זי געקראָגן אַ מתּנה פֿון מרס׳ וואַשינגטאָן, אַ שײן זײַדן חתונה־קלײד, וואָס זי האָט אַלײן פֿאַר איר גענײט, ווי עס איז געווען געשריבן אין דעם בײַגעלײגטן בריוו. דער ערשטער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראײניקטע שטאַטן און זײַן פֿרוי האָבן אַלײן צו דער חתונה ניט געקענט קומען. רבֿקה און איר מאַן האָבן אָבער געקראָגן אַן אײַנלאַדונג צו קומען צו גאַסט צום פּרעזידענט אין זײער גוט בײַם טײַך פּאָטאָמעק. זײ האָבן דאָרטן זײער פֿײַן פֿאַרבראַכט. אין אָװנט האָט מען געטאַנצט. רבֿקה האָט געטראָגן איר חתונה־קלײד, דאָס ווײַסע זײַדענע קלײד מיט רויטע רויזן אויסגענײט. זי הערט ווי עמעצער פֿרעגט דעם פּרעזידענט:

— ווער איז דאָס אײַער גאַסט, אָט די יונגע דאַמע וואָס טאַנצט דאָרט?

— דאָס איז די ייִדישע מײדל פֿון לאַנקאַסטער, מײַן שליח! — הערט רבֿקה דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס ענטפֿער.

לויט עלמאַ עהרליך לעווינדזשער.

וואָס באַטײַט?

1. **חשובֿע** — respectable. 2. **תּבֿואה** (טוואוע) — grain. 3. **חושד זײַן** — to suspect. 4. **שליח** (שאָליאַך) — messenger. 5. **געפֿאַנגענ־שאַפֿט** — imprisonment. 6. **מסתּמא** (מיסטאָמע) — ווי עס שײַנט, קענטיק, probably. 7. **ריכטונג** — direction. 8. **קרובֿ** (קאָרעוו) — relative. 9. **ברכה** (בראָכע) — grace. 10. **שײַער** — barn. 11. **שונא** (סוינע) — פֿײַנד. 12. **מפּלות** (מאַפּאָלעס) — defeats. 13. **פֿאַרחלשטע** (פֿאַרכאַלעשטע) — fainted. 14. **איבערזעצער** — interpreter. 15. **פֿאַרמשפּט** (פֿאַרמישפּעט) — sentenced.

שמעון	מסתּמא	בחור	פּוחות
רבֿקה	חושד זײַן	ברכה	כּמעט
חיים	שליח	משוגע	פֿאַרחלשטע
חשובֿע	חתונה	שונא	מזל
תּבֿואה	קרובֿ	מפּלות	פֿאַרמשפּט
			מתּנה

ווער האָט מער?

חתונה־קליידער	אַ רײַכע כּלה, צי אַן אָרעמע כּלה.
צרות	אַ חכם, צי אַ נאַר. אַ גבֿיר, צי אַן אָרעמאַן. אַ קינד, צי טאַטע־מאַמע.
חשק צום לערנען	אַ גוטער תּלמיד, צי אַ שלעכטער תּלמיד.
הנאה פֿון לעבן	איינער וואָס איז אַלע מאָל פֿריילעך, צי איי־נער וואָס איז אַלע מאָל טרויעריק.
מזל	איינער וואָס געפֿינט און פֿאַרלירט, צי איינער וואָס פֿאַרלירט און געפֿינט.
נחת פֿון קינדער	אַ מאַמע וואָס האָט גוטע קינדער, צי אַ מאַמע וואָס האָט שלעכטע קינדער.
שׂונאים	אַ גוטער מענטש, צי אַ שלעכטער.
כּוח	אַ באָקסער, צי אַ לויפֿער. אַ שווימער, צי אַ פֿידלער.
מלבּושים בגדים	אַ קיניג, צי אַ בעטלער. אַ גבֿיר, צי אַן אָרעמאַן. אַ יינגל, צי אַ מיידל.
אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן	אַ קינד אַ יתום, צי אַ קינד וואָס האָט גע־קראָגן אַ שלעכטן צייכן. איינער וואָס האָט פֿאַרלאָרן זײַן פֿאַרמעגן, צי איינער וואָס האָט פֿאַרלאָרן אַ פֿוס.
בטחון	איינער וואָס לעבט און לאַכט, צי איינער וואָס וויינט און קרעכצט. איינער וואָס גלייבט און האָפֿט, צי איינער וואָס האָט שוין אַלע האָפֿענונגען פֿאַרלאָרן.

לינקאָלן און אַ ייִדישער סאָלדאַט

א.

עס איז שוין געווען פאר נאכט ווען דוד לעווי, אַ ייִדישער סאָלדאַט פון דער פּאָטאָמעק־אַרמיי, האָט געקראָגן אַ בריוול פון דער היים: „דײַן מאַמע איז געפערלעך קראַנק. זי האַלט בײַם שטאַרבן און זי וויל דיך זען און בענטשן פאַרן טויט".

דוד לעווי האָט זײַן מאַמע זייער ליב געהאַט. ער האָט געפילט ווי אַלץ האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר זײַנע אויגן און טרערן שטיקן אים אין האַלדז. מיטן בריוו אין האַנט איז דוד לעווי אַוועק צום קאָמאַנדיר בעטן אַ דערלויבעניש צו גיין זען די מוטער.

דער קאָמאַנדיר האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דײַנע געפילן, סאָלדאַט, אָבער איצט איז מלחמה. מיר זײַנען אין אַ ביטערן קאַמף, עס קאָן זײַן, אַז מיר זאָלן גאָר אין גיכן דאַרפן פאַרטיידיקן וואַשינגטאָן. ניין, סאָלדאַט, עס פאַרדריסט מיך, אָבער קיין דערלויבעניש וועסטו נישט קריגן. פאַרשטייסט, סאָלדאַט?

— יע, דוד לעווי האָט פאַרשטאַנען. ער איז אַ פרײַוויליקער אַרײַן אין דער אַרמיי צו קעמפן פאַר דער באַפרײַאונג פון די שקלאַפן. ער איז אַלע מאָל געווען אַ גוטער און בראַווער סאָלדאַט. אָבער זײַן מאַמע... זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ צאַרטע. ער וואָלט כאָטש נאָך איין מאָל געוואָלט האַלטן אירע הענט און איר זאָגן פונקט ווי דעמאָלט ווען ער איז אַוועק אין אַרמיי:

— מאַמע, זאָרג נישט, איך וועל צוריקקומען אַ געזונטער און מיר וועלן זיך אַלע פרייען.

זי האָט דעמאָלט גע׳וואָלט וויינען, אָבער זי האָט נישט געוויינט. ער האָט געזען ווי טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. אָבער זי האָט נישט געוויינט. יע, זײַן מאַמע איז אויך אַ בראַווע. אַך, ווי ער וואָלט געוואָלט זי איצט זען און זאָגן:

— מאמע, זארג ניט, דו וועסט נאך געזונט ווערן און מיר וועלן זיך אלע פרייען. אבער איצט שטארבט זי און ער וועט זי שוין מערניט זען...

אזוי טראכטנדיק האט ער זיך ארויסגעשארט פון מיליטערישן לאגער אויפן פרייען פעלד. פון פעלד איז ער אריין אין וואלד, און אזוי איז ער א גאנצע נאכט געגאנגען איבער וועלדער און פעלדער. ווען ער איז אויף מארגן אריינגעקומען אין דער היים א מידער און א הונגעריקער, האט ער געטראפן ווי זיין פאמיליע האט אין גרוים טרויער זיך געגרייט צו דער לוויה פון זיין מוטער. ער האט באוויזן א קוק צו טאן אויף איר טויטן פנים און באגלייטן זי צו איר אייביקער רו.

נאך דעם זעלבן טאג האט מען אים ארעסטירט ווי א דעזערטיר פון דער ארמיי. אויף מארגן איז ער שוין געשטאנען פאר א מיליטערישן געריכט. אלע טענות פון דעם סאלדאט, אז ער איז פון דער ארמיי ניט אנטלאפן, אז ער איז בלויז געגאנגען א קוק טאן אויף זיין שטארבנדיקער מוטער, האבן ניט געהאלפן. דאס געריכט האט אים פאראורטיילט צום טויט. דער אורטייל זאל ווערן אויסגעפירט ביי זונאויפגאנג.

ב.

עס איז געווען שפעט אין אוונט, ווען שמעון וואלף, א יידישער פירער אין וואשינגטאן, האט דערהערט א שטארקן קלאפ אין טיר. ער האט געעפנט די טיר, און א פרעמדער האט אין גרוים אויפרעגונג געזאגט:

— „מר׳ וואלף, מען האט היינט מיינעם א פריינד, א יידישן סאלדאט, פארמשפט צום טויט. ער איז אומשולדיק. לייענט דעם בריוו וועט איר אלץ ווימן. ראטעוועט א בראוון און איידעלן סאלדאט פון טויט! טוט אלץ וואס איר קענט״.

שמעון וואלף איז גלייך אוועק צו זיין פריינד, טאמאס קארווין, קאנגרעסמאן פון אהייא, אים דערציילט די מעשה און אים געבעטן ער זאל גיין מיט אים צום פרעזידענט און אים בעטן צו ראטעווען דעם סאלדאט פון טויט.

— „מיין פריינד — האט געזאגט קארווין, — ס׳איז דאך שוין אין מיטן נאכט, דער פרעזידענט שלאפט שוין געווים. מיר וועלן ווארטן ביז אין דער פרי״.

— „מארגן אין דער פרי וועט שוין זיין צו שפעט, — האט געענט-

פערט שמעון וואָלף. — דער פּרעזידענט האָט אַן אײדעלע נשמה, ער וועט פאַרשטיין, אַז ווען אײנער לױפט זען זײַן שטאַרבנדיקע מוטער איז ער ניט קײן דעזערטיר. קום, מײַן פרײַנד, איך בעט דיך. מיר גײען טאָן אַ גרױסע און גערעכטע זאַך!"

עס איז געװען צװײ אַזײגער אין מיטן נאַכט, װען לינקאָלן האָט זײ אױפגענומען. ער האָט אױסגעהערט זײער פאַרלאַנג און זײ געזאָגט:

— „אוממיגלעך, מײַנע פרײַנד! עס פאַרדריסט מיך זײער, איך קען גאָרניט טאָן. הײנט בײַ טאָג איז בײַ מיר געװען דער קריגס־מיניסטער סטענטאָן און האָט מיך געװאָרנט, אַז אױב איך װעל באַגנאַדיקן נאָך אײן סאָלדאַט װעט ער רעזיגנירן. מיר פירן איצט אַ מלחמה, און מיר מוזן האָבן דיסציפּלין אין דער אַרמײ".

— „מר' פּרעזידענט — האָט געזאָגט װאָלף, — דערלױבט מיר אײַך צו פרעגן — װאָס װאָלט איר געטאָן װען איר קריגט אַ בריװ, אַז אײַער מאַמע װיל אײַך זען, אײדער זי שטאַרבט?"

לינקאָלן האָט אַ קוק געטאָן אױף װאָלפן, אים גאָרניט געענטפערט, נאָר ער האָט גלײַך אַרײַנגערופן זײַן סעקרעטאַר און געהײסן שיקן אַ באַפעל צום קאָמאַנדיר פון דער פּאָטאָמעק־אַרמײ, אַז ער זאָל גלײַך באַפרײַען דעם סאָלדאַט דוד לעװי.

ג.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט אַן אָפּטײלונג פון דער פּאָטאָמעק־אַרמײ באַגעגנט אַן אָפּטײלונג פון דער קאָנפעדעראַציע־אַרמײ, װאָס איז געגאַנגען אױף װאַשינגטאָן.

צװישן די בײדע אַרמײען איז פאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט. עס האָט אױסגעזען, אַז די קאָנפעדעראַציע־אַרמײ װעט זיגן. דער פירער און פאָנען־טרעגער פון דער יוניאָן־אַרמײ זײַנען בײדע געפאַלן, און די סאָלדאַטן האָבן זיך שױן אָנגעהױבן צו רוקן אױף צוריק.

פּלוצעם איז צוגעלאָפן דער יונגער ײדישער סאָלדאַט דוד לעװי, אױפגעהױבן אין דער הײך די געפאַלענע פאָן, און מיט גרױס באַגײַסטערונג אָנגעהױבן שרײַען: „ברידער, פאָרױס! לאָזט דעם שונא ניט גײן אױף װאַשינגטאָן!" ער איז געלאָפן פאָרױס און די אַנדערע סאָלדאַטן נאָך אים און דער שונא איז פאַרטריבן געװאָרן.

ווען די שלאַכט האָט זיך אײַנגעשטילט האָט מען געפֿונען דוד לעווין אָן אײַנגעוויקלטן אין דער אַמעריקאַנער פֿאָן. דאָס בלוט פֿון זײַן האַרץ האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט די פֿאַרבן פֿון דער פֿאָן.

ווען לינקאָלן האָט געקראָגן דעם באַריכט פֿון יענער שלאַכט, האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט און געזאָגט:

— „איך דאַנק גאָט, וואָס איך האָב געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון אַזאַ העלד, כּדי ער זאָל קענען מיט זײַן לעבן אויפֿטאָן אַזאַ גרויסע זאַך פֿאַרן לאַנד".

צום אָנדענק פֿון יענער שלאַכט האָט לינקאָלן געהייסן שטעלן אַ מאָנומענט נאָכן ייִדישן סאָלדאַט דוד לעווי אויף דעם אָרט וואו ער איז געהרגעט געוואָרן. ל. סילווער.

וואָס באַטײַט?

1. פֿרײַוויליקער — volunteer. 2. לאַגער — camp. 3. לוויה (לעוואַיע) — funeral. 4. פֿאַראורטײלט — פֿאַרמשפּט (פֿאַרמישפּעט), sentenced. 5. נשמה (נעשאָמע) — soul. 6. באַגנאַדיקן — to pardon. 7. שלאַכט — battle. 8. באַגײַסטערונג — enthusiasm. 9. שונא (סוינע) — enemy. 10. באַריכט — report. 11. כּדי (קעדיי) — in order to. 12. אָנדענק — memory.

מלחמה	לוויה	טענות	פֿאַרמשפּט	נשמה	שונא	כּדי

פֿראַגעס:

א. 1. וואָס פֿאַר אַ בריוול האָט דער סאָלדאַט לעווי געקראָגן פֿון דער היים? 2. פֿאַר וואָס האָט אים דער קאָמאַנדיר ניט געוואָלט אָפּלאָזן אַהיים? 3. פֿאַר וואָס האָט זיך דוד געפֿילט אַזוי אומגליקלעך? 4. ווי האָט ער געפֿונען זײַן מאַמען ווען ער איז געקומען אַהיים? 5. וואָס פֿאַר אַן אורטייל האָט דער מיליטערישער געריכט אַרויסגעגעבן? 6. איז דוד לעווי טאַקע געווען אַ דעזערטיר?

ב. 1. ווער האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר דוד לעווי? 2. פֿאַר וואָס האָט פּרעזידענט לינקאָלן אין אָנהייב ניט געוואָלט באַגנאַדיקן דעם ייִדישן סאָלדאַט? 3. וועלכע פֿראַגע פֿון מר' וואָלף האָט אויפֿן פּרעזידענט אַזוי געווירקט, אַז ער האָט דודן באַגנאַדיקט? 4. ווי האָט דער ייִדישער סאָלדאַט שפּעטער באַוויזן, אַז ער איז אַ געטרײַער זון פֿון זײַן לאַנד? 5. וואָס האָט פּרעזידענט לינקאָלן אויסגערופֿן ווען ער האָט שפּעטער געהערט וועגן דעם ייִדישן סאָלדאַט?

צו די לערערס

דער איצטיקער טייל פון „מײַן שפּראַכבוך" איז דאָס צווייטע בוך פון אַ נײַער סעריע לייענביכער פֿאַר דער יִדישער שול. דאָס ערשטע בוך איז דערשינען אין יאָר 1938.

בײַם אויסוואַל פון דעם מאַטעריאַל האָבן די צונויפשטעלערס גענומען אין אַכט סײַ דעם נאַציאָנאַלן און סײַ דעם סאָציאַלן מאָמענט. זיי האָבן אויך געזען אַז דער מאַטעריאַל זאָל זײַן פֿאַרשיידנאַרטיק.

אין בוך זײַנען פֿאַרטראַטן שרײַבערס פון פֿאַרשיידענע לענדער. אין דער אָפּטיילונג: „מעשׂיות", וואָס חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל, געפינען זיך אַלטע יִדישע אַגדות און געשיכטעס פון פֿאָלקסמויל.

אין דעם בוך איז אויך פֿאַראַן אַ מאַטעריאַל, וואָס שפּיגלט אָפּ די שווערע טעג וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט סײַ ווי יִדן, סײַ ווי מענטשן און וואָס זײַנען נאָך גאָר פֿריש אין אונדזער זכּרון.

דאָס בוך איז גאָר זאָרגעוודיק רעדאַגירט. די צונויפשטעלערס איז אָפּט אויסגעקומען צו קירצן, פֿאַרבײַטן ווערטער און אויסדרוקן, פּאַראַפֿראַזירן און בכלל אויף פֿאַרשיידנערליי אַנדערע אופֿנים צו פֿאַרגרינגערן די טעקסטן.

נאָך די דערציילונגען און לידער קומען פֿראַגעס, ווערטער־פֿאַרטײַטשונגען, שפּראַך־געניטונגען אד"גל. די פֿראַגעס זײַנען פון איין זײַט דערציִערישע, אַזעלכע וואָס ווילן אַרויסברענגען דעם זינען פון דער דערציילונג, אָדער ליד; וואָס ווילן פֿאַרטיפֿן דעם אײַנדרוק פון דעם ליטעראַרישן פֿראַגמענט; פון דער אַנדער זײַט זײַנען אויך געגעבן אַזעלכע פֿראַגעס, וואָס זײַנען אויסן צו העלפֿן די תּלמידים צו רעקאָנסטרואירן דעם אינהאַלט פון דעם געלייענטן.

די פּערטימדיקע פֿראַגעס נעמען אַרום אַ קליינעם סכום פון לייענשטאָף, כּדי עס זאָל גרינגער זײַן די קינדער זיך אויסצודריקן און רעדן ווי לאַנג עס לעבן נאָך פֿריש אין זייער זכּרון די ווערטער און אויסדרוקן פון דעם געלייענטן. פֿאַר יענע תּלמידים, וואָס קענען נאָך ניט דערציילן מיט „אייגענע ווערטער" זײַנען די פֿראַגעס אויסן מיגלעך צו מאַכן זיי זאָלן דערציילן מיט „געבאַרגטע ווערטער". דער לערער דאַרף די אַרבעט באַטראַכטן ווי אַן אַריבערגאַנג פון לייענען צום פֿרײַען דערציילן.

בײַ אונדזערע באַדינגונגען, איז רעדן מיט „געבאַרגטע ווערטער", וואָס קינדער נעמען אַרויס פון געלייענטן, צי פון געהערטן, איינער פון די געציילטע מיטלען צו מאַכן די ווייניק באַרעדעוודיקע מער באַרעדעוודיק. אין אַ געמישטן קלאַס וועט דער לערער אַזוי קענען פֿאַרטיילן די אַרבעט, אַז יעדע גרופּע זאָל קריגן געניטונגען נאָך אירע מיגלעכקייטן.

ווי אַ מיטל צו אַנאַליזירן די דערציילונגען און לידער און אויך כּדי צו מאָטיווירן דאָס לייענען אַ צווייט מאָל דעם זעלבן לייענשטאָף, איז אין בוך פֿאַראַן:

א) סומירנדיקע פראַגעס, וואָס דער תּלמיד ענטפערט אויף זיי מיט ציטירן פון דעם געלייענטן; ב) די קאָלעקטיווע אַרבעט פון צונויפשטעלן אַ פּלאַן: לייענען די דערציילונג, איַנטיילן זי אין באַשטימטע איינסן און פאַר יעדן טייל געפינען אַ נאָמען.

די פאַרטײַטשונגען פון די ווערטער זײַנען אויסן פון איין זײַט אויסצומײַדן ניט פּינקטלעכע דערקלערונגען, פון דער צווייטער זײַט צו געבן די תּלמידים אַ מיגלעכקייט אין דער היים צו לערנען דעם באַטײַט פון די נײַע אויסדרוקן. געוויינטלעך ווערט דאָס וואָרט פאַרטײַטשט לויט זײַן ניואַנס אין דעם טעקסט.

די זעלבע ווערטער ווערן שפּעטער באַאַרבעט און קאָנטראָלירט דורך פראַגעס לויט דעם טיפּ: „צווי ברירות", און אויף אַזאַ אופן נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט. די דאָזיקע פראַגעס קומען געוויינטלעך אונטערן קעפּל: „ווער ווייס?" זיי זײַנען אייגנטלעך ניט קיין אינהאַלט־פראַגעס, נאָר גיכער שפּראַכאַרבעטן, וואָקאַבולאַר־געניטונגען, פאַרקליידט כּלומרשט ווי קענטעניש־פראַגעס, אָדער גאָר שפּאַס־אויפגאַבעס. בעתן דורכפירן אָט די געניטונגען דאַרף דער תּלמיד בעת מעשׂה ניט קוקן אין בוך, נאָר ער דאַרף בלויז הערן די פראַגע (עס קען פרעגן דער לערער אָדער אַן אַנדער תּלמיד) און ענטפערן מיט אַ פולן זאַץ און דערביי אויסבאַרגן אַלע נייטיקע ווערטער פון דער געשטעלטער פראַגע. טוט ער דאָס איז ניטאָ קיין שום מיגלעכקייט פאַר אַ טעות. פאַרקערט, ער לערנט זיך ניט בלויז אַ נײַ וואָרט, נאָר אויך אַ שפּראַך־קאָנטעקסט.

דער לערער, אָדער אַ תּלמיד, פרעגט:

„וועמען גיט מען אַ קניפּ אין בעקל, אַ גוט קינד אָדער אַ שלעכט קינד?"

און אַן אַנדער תּלמיד ענטפערט:

„מען גיט אַ קניפּ אין בעקל אַ גוט קינד".

מען קען אויך ענטפערן שריפטלעך.

גאָר אַ באַזונדער טיפּ אַרבעטן שטעלן מיט זיך פאָר די פאַרבײַט־טאַבעלעס (זײַטלעך 51, 68, 79, 85, 100, 108, 146). זייער ציל איז איַנצוחזרן אַ באַשטימטע צאָל מאָדעלן פון אַ זאַץ אין אַ סך מיגלעכע וואַריאַציעס. אין די טאַבעלעס קען דער תּלמיד קאָמבינירן וואָסער וואָרט ער וויל פון איין זײַל מיט אַ וואָרט, אָדער ווערטער, פון אַ צווייטן זײַל און דאָך וועט אַרויסקומען אַ לאָגישער זאַץ. די צאָל מיגלעכע זאַצן איז זייער גרויס. זייער צאָל קען דער לערער אַרויסבאַקומען, ווען ער וועט כּפלען די צאָל שורות אין יעדן זײַל איינע אויף די אַנדערע. פון דער פאַרבײַט־טאַבעלע אויף זײַטל 108 קען מען, למשל, שאַפן 2600 זאַצן. (פאַרשטייט זיך, אַז מע מוז דאָס ניט טאָן). מיט דער הילף פון די פאַרבײַט־טאַבעלעס קען מען איַנלערנען נײַע ווערטער (העברעאישע און אַנדערע), גראַמאַטישע פאָרמעס אד"גל.

ווי אַ מיטל צו רעדן יידיש קומען אין בוך אַ צאָל אַרבעטן אונטערן

נאָמען: „פרעג און ענטפער״. אין תּלמיד לייענט דורך די פראַגע אין בוך, פּרוּווט זי פאַרגעדענקען און נאָך דעם, ניט אַרײַנקוקנדיק אין בוך, שטעלט ער די פראַגע אַ צווייטן תּלמיד. דער וואָס ענטפערט דאַרף זיך באַמיִען צו פאַרגעדענקען פון דער פראַגע די ווערטער וואָס פאָדערן זיך פאַר דעם ענטפער.

די צונויפשטעלערס דריקן אויס זייער האַרציקן דאַנק דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך דאָס בוך אַרויס־צוגעבן; נ. כאַנין, דעם בילדונגס־דירעקטאָר, וואָס ער האָט זיי דערמוטיקט די אַרבעט צו טאָן; יודל מאַרק פאַר די פיל וויכטיקע עצות און אָנווײַזונגען; די חברים א. בראַמבערג, ת. בערנשטיין, מ. וולאַדקאָווסקי און ה. נאָוואַק וואָס זיי האָבן געלייענט דעם מאַנוסקריפּט און געמאַכט וויכטיקע באַמערקונגען; חבר ה. מייטין וואָס ער האָט געהאָלפן מיט דער קאָרעקטור פון בוך; ד״ר עזריאל נאַקס פאַר זײַנע וויכטיקע אָנווײַזונגען און י. קאַמינסקי פאַר זײַן טעכנישער מיטהילף.

אַ באַזונדער דאַנק קומט דער בלאַק פּאַבלישינג קאָמפּאַני פאַר דער פרײַנד־לעכער דערלויבעניש איבערצודרוקן אַ באַאַרבעטונג פון עלמאַ עהרליך לעווינדזשערס מעשׂה: "The Little Jew from Lancaster" פאַרעפנטלעכט אין איר בוך: "More Stories of the New Land"

די צונויפשטעלערס האָפן, אַז די לערערס, וואָס וועלן זיך באַניצן מיט דעם איצטיקן טייל פון „מײַן שפּראַכבוך״ וועלן זיך מיט זיי טיילן מיט זייערע דער־פאַרונגען כּדי אין אַ ווײַטערדיקער אויפלאַגע זאָלן קענען אַרײַנגענומען ווערן אויסבעסערונגען אויפן סמך פון דער לערערשער פּראַקטיק.

ח. בעז (בעזפּראַזוואַני)

ז. יעפרויקין

אינהאַלט

(פון די לידער און מעשהלעך)

זייט

האָף און גלייב — י. ל. פּרץ ... 3

דאָס טײַערסטע

1. דאָס טײַערסטע — ש. באַסטאָמסקי ... 4
2. דאָס קינד און דאָס פייגעלע — א. שינדלער ... 6
3. די פייגל ווילן ניט זינגען — ליטמאַן ... 7

קינדער

1. בלומען — מ. בראַדערזאָן ... 11
2. ברילן — ז. וואַסערצוג ... 12
3. בערל — ז. ווײַנפּער ... 16
4. וואָס קינדער ווילן זיין — ז. וואַסערצוג ... 18
5. למך מיטן רעגן־שירעם — לעאָן עלבע ... 21
6. דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע — לאה ק. האָפמאַן ... 26
7. אַ גוט האַרץ — דעאַמיטשיס ... 29

וואַלד און פעלד

1. אַ מעשה מיט אַ פייגעלע — שיינע גיטעלעס ... 32
2. אַמאָל איז געווען (פאָלקסליד), 35
3. אַ מעשה מיט אַ ריז — שיינע גיטעלעס ... 36
4. דאָס פאַריתומטע שעפעלע — י. שטיינבערג ... 40

יום־טוב־מעשיות

1. לשנה־טובה — לעאָן עלבע ... 46
2. בענים זיידע מאַכט אַ סוכה — לעאָן עלבע ... 51
3. בענים זיידע הוליעט — לעאָן עלבע ... 55

שבת

1. שבת פאַר נאַכט — יעקב אַדלער ... 58
2. יוסף דער שבת־היטער (פאָלקס־מעשה) ... 59

זייט

מעשיות

1. דאָס וואונדערלעכע פײַפל (פאָלקס־מעשה) ... 62
2. צווי ברידער (אַגדה) ... 66
3. תורה איז די בעסטע סחורה (אַגדה) ... 69

אונדזער שול

1. אונדזער שול — ש. וואַסערמאַן 71
2. די ערשטע לעקציע אין נײַעם קלאַס (לויט: טריט בײַ טריט" פון ל. אַליצקי, י. ראַטענבערג) ... 71
3. ייִדיש לשון — א. שינדלער ... 77
4. ייִדיש — מאַני לייב ... 77
5. ביכער — ש. וואַסערמאַן ... 79
6. מאַמעס האָבן ליב צו וויינען — בערל סיגאַל ... 80
7. צום נײַעם לערניאָר — י. מאַלטינסקי ... 84
8. פּליפּאָסט — ש. באַסטאָמסקי ... 86
9. די מאַמע גייט אין לײַבערײַ — אַברהם רייזען ... 92
10. משה גיך — ליטמאַן ... 96
11. די פוילע שילערין — ליטמאַן 101

די הײם

1. מײַן מיידעלע — שׂרה באַרקאַן 104
2. אפשר ווי דער טאַטע — אפרים אויערבאַך ... 105
3. מאַמעס — אַברהם רייזען ... 110
4. אַ מתּנה דער מאַמען — מרים ראַסקין ... 110
5. די ווײַסע שאַף — מ. באַסין ... 115
6. שוועסטערל מײַנס — אפרים אויערבאַך ... 116

אַרבעט

1. יונגע בויערס — ש. וואַסערמאַן ... 117
2. דער חלום פון אַ שנײַדער — א. שינדלער ... 118
3. דאָס ליד פון ברויט — מאַני לייב ... 120

זײַט

4. **דעם פּאַסטעכס טאָכטער** — װיליאַם סאַראָיאַן (ײִדיש י. קאַמינסקי) 123
5. **װאונדער** — מאַני לייב 129

מעשׂיות

1. **אַ ביסל שטרוי** (אַגדה) 131
2. **דער קלוגער משפּט** (אַגדה) ... 132
3. **דער זאַטער גלייבט ניט דעם הונגעריקן** (פאָלקס־מעשׂה) .. 135
4. **דער משפּט מיטן װינט** (אַגדה) 139

חנוכּה

1. **װען כ'ציִנד די ליכטלעך אָן** די אַכט — אַברהם רייזען ... 141
2. **אײן מאָל אין אַ חנוכּה** — י. פּאַט 143
3. **דאָס שיסעלע מיט בוימל** — ג. אײַנבינדער 147
4. **שנייען** — אַברהם רייזען 150
5. **ביימער** — אַברהם רייזען 151

אין שװערע טעג

1. **דאָס געבעט** — אַברהם רייזען .153
2. **צװיי זײַנען געבליבן** — י. פּאַט 154
3. **אָן אַ היים** — שׂרה ליבערט ... 158
4. **אַ ייִדיש קינד מיט אַ צעטעלע** — יעקב פּאַט 163
5. **אין אַ טאָג פֿון רעגן** — אַברהם רייזען 167

פּורים

1. **דער שלח־מנות־טרעגער** — ש. פּרוג 168
2. **די מעשׂה פֿון פּורים** — לעאָן עלבע 169

שװער לעבן

1. **װינטן** — רבקה גאַלין 176
2. **אײמאַ** — יעקב גאָרדין 177
3. **דער ערשטער טאָג** — ז. שער 181
4. **אײן פּאָר שיך** — רבקה גאַלין 184

טאָלי און טאָבי

1. **אַ שטוב אין פֿעלד** — י. מעצקער 188
2. **אין װאַלד** — י. מעצקער ... 190

זײַט

3. **טאָלי באַגעגנט טאָבין** — י. מעצקער 193
4. **טאָבי שלאָפֿט ניט** — י. מעצקער 196
5. **טאָלי קלאַפּט אָן אין טאָביס פֿענצטער** — י. מעצקער .. 199

דאָס ייִדישע קינד אין דער אַלטער היים

1. **אין אָװנט** — נחום יוד 202
2. **דער אַלף־בית** — מ. װאַרשאַװסקי 203
3. **אַ חדר־מעשׂה** — ש. פּרוג .. 204
4. **איך בין שוין אַ גרױסער** — ז. פֿײַערבערג 205
5. **די דרײַ פּוילערס** (אַ פֿאָלקס־מעשׂה) — ש. באַסטאָמסקי .. 206
6. **שלום עליכם** — ש. װאַסערמאַן 207
7. **מיר איז גוט — איך בין אַ יתום** — שלום עליכם 208
8. **דער אָרעמאַן און דער דלות** (אַ פֿאָלקס־מעשׂה) 216

פּסח

1. **אין טעג פֿון פֿרילינג** — נחום יוד 218
2. **די מעשׂה פֿון פּסח** — יודל מאַרק 219
3. **די גילדענע נוס** — אפֿרים אויערבאַך 226
4. **אליהו הנביאס כּוס** — (פֿאָלקס־מעשׂה) 228
5. **שבת־שירה־פֿייגעלעך** (מדרש) 231

שבֿועות

1. **שבֿועות** — אברהם רייזען .. 233
2. **אַ מילכיקע סעודה** — מ. ספּעקטאָר 234

אַמעריקע

1. **אַ ייִדישע מיידל און װאַשינגטאָן** — עלמאַ עהרליך לעװינדזשער (ייִדיש יודל מאַרק) 238
2. **לינקאָלן און אַ ייִדישער סאָלדאַט** — ל. סילװער 248

צו די לערערס 252